STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05972

DI FROY VOS SHTEHT IN MITEN

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

פרוי
וואס שטעהט אין מיטע;

—— פון ——

מ. אַרציבאַשעוו

איבערזעצט אויס דעם רוסישען

פון ל. לאַקסאָן

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יארק.
424 GRAND ST.
NEW YORK

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.
MAX N. MAISEL
PUBLISHER

Copyright 1916
Max N. Maisel, Publisher

אַרציבאַשעוו׳ס ראָמאַן „די פרוי וואָס שטעהט אין מיטען“.*)

(אַנ׳אויסצוג פון ב. באָרוכאָוו׳ס אַרטיקעל אין דער „וואָרהייט“.)

„די פרוי, וואָס שטעהט אין מיטען“ איז איינער פון די שעהנסטע און טיפסטע ווערק פון דעם דאָזיגען שטאַרקען און אָריגינעלען קינסטלער. לאָמיר זעהען, וואָס פאַר אַנ׳אָרט דער ראָמאַן פערנעהמט אין אַרציבאַשעוו׳ס קינסטלערישער ענטוויקלונג.

אַרציבאַשעוו׳ס ערשטער בעריהמטער ראָמאַן „סאַנין“ האָט אָנגעמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דער גרונד־טאָן פון אַרציבאַשעוו׳ס וועלט־אַנשויאונג האָט זיך שוין דייטליך אויסגעדריקט אין יענעם רויהען און נאָך ווייניג־וואָס קינסטלערישען ווערק, דער דאָזיגער גרונדטאָן איז דער געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען דרעהט זיך אַרום דער תאוה און פשוט׳ער לייבליכער ליעבע. נאָר דער יונגער קינסטלער איז נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ פריש און ניט־צובראָכען דורך זיין דענערווירענדיגער ליידענשאַפט, ער איז נאָך געווען רעאַליסטיש. גראָבער סעקסועלער רעאַליזם דרינגט דורך די גאַנצע דערצעהלונג וועגען סאַנינ׳ס שטענדיגען ערפאָלג ביי מיידלאַך; פּאָליטישע באַוועגונגען, אידעען, אידעאַלען און קונסט, — אַלצדינג קעהרט זיך ביי אַרציבאַשעוו׳ן אָן דער איינציגער צענטראַל פראַגע: וועלכען מאַנסביל וועט געהערען די אָדער יענע מיידעל. „סאַנין“ איז אַ׳ן איבערפלעכליכע און געקינצעלטע פּראָקלאַמאַציע, וועמעס הויפּט־אידעע קאָן אַזוי פאָרמולירט ווערען: נידער מיט אַלע אידעאַלען, זאָל לעבען דער פשוט׳ער געשלעכטליכער אינסטינקט. אזוי האָט טאַקע דער ברייטער עולם פאַרשטאַנען און אויפגענומען אַרציבאַשעוו׳ס ערשטען אַרויסטריט. דאָס איז געווען אין יענע יאָהרען, ווען די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט ציניזם און פּראָסטיטוציע.

אונפערגלייכליך טיעפער, קינסטלערישער און ערנסטער איז אַרציבאַשעוו׳ס צווייטעס גרויסעס ווערק: „ביי דעם לעצטען גבול“, אַ ראָמאַן אין צוויי טהיילען. דאָ האָט זיך שוין דער דיכטער ענטטוישט אין זיין פריהערדיגען לאָזונג „זאָל לעבען די אויסגעלאַסענהייט און די תאוה“, און ער דערהויבט זיך צו אַ פינסטערער מיסטיש־פעסימיסטישער וועלט־אַנשויאונג. דאָס לעבען ווערט באַהערשט פון צוויי מעכטיגע כחות: איין כח איז די תאוה, דער צווייטער — דער טויט. דער מענש איז אַ בלינדע צאַצקע אין די הענט פון אַ גרויזאַמען שיקזאַל, פון׳ם בייזען גאָט, וואָס רעגיערט די וועלט מיט שקר און אילוזיעס. די תאוה איז יענע פאַטאַלע נעץ, וואָס דער בייזער גאָט האָט אויסגעצויגען אַריינצונאַרען די שוואַכע מענשהייט און איבערצוגעבען זי אין די שטייפע נעגעל

---

*) דער טיטעל פון ראָמאַן — „די פרוי, וואָס שטעהט אין מיטען“ — איז גענומען פון עוואַנגעליום, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען אַנ׳אויסגעלאַסענער פרוי, וועלכע איז געבראַכט געוואָרען צום משפט און מען האָט זי אוועקגעשטעלט אין מיטען — צווישען איהרע בעשולדיגער און פערטיידיגער.

פון טויט. דער אינסטינקט פֿאַרטומעלט, פֿאַרשיכור'ט דעם אָרימען בן־אדם, פֿאַרפֿיהרט איהם צו האָפֿנונג, צו ענטוישונג, דערהויבט צו דעם העכסטען עקסטאַז און שלײדערט איהם אַראָפּ אין תהום פון אונטערגאַנג. פֿון גראָבען סעקסועלען רעאַליזם איז דער קינסטלער אַריבער צו מיסטישען סעקסועלען פּעסימיזם. דאָס איז געווען גראָד אין יענער צייט, ווען די רוסישע יוגענד, ענטוישענדיג זיך אין רעוואָלוציע און נמאס ווערענדיג פֿון אויסגעלאַסענקייט, האָט זיך אַרײנגעוואָרפען אין יאוש, און אַן עפּידעמיע פֿון זעלבסטמאָרד האָט פֿאַרפלייצט די פרייהייטליכע אינטעליגענץ.

אַרציבאַשעוו'ס נײסטער ראָמאַן „די פרוי, וואס שטעהט אין מיטען", איז נאָך העכער אין קינסטלערישער הינזיכט און נאָך טיעפער אין זיין גרונד־געדאַנק. בעת „סאַנין" האָט ערקלעהרט, אַז דער זינען פון לעבען איז אין מאָמענטאַלען געניס, און „דער לעצטער גבול" דערבליקט דעם אײנציגען ציעל פון לעבען אין זעלבסט־פֿאַרניכטונג און טויט, — ערקלעהרט אונז דער קינסטלער אין זיין נײעם ראָמאַן, אַז ער האָט ביז איצט געהאַט אַ טעות, זוכענדיג דעם ענטפער אויף די פֿאַרפלוכטע לעצטע פראַגען פון דער מענשליכער עקזיסטענץ, און ער איז זיך מודה, אַז, אויב אין לעבען איז פֿאָרט פֿאַראַן אַ זינען און אַ צוועק, מוז מען איהם זוכען ניט אין דער געשלעכטליכער תאוה, נאָר ערגעץ־וואו אַנדערש. וואו־זשע, — ווייסט ניט דער קינסטלער. ער איז אַריבער צו דער מדרגה פון סעקסועלען סקעפּטיציזם, און לאָזט איבער דעם לעזער אַליין צו פֿאַרענטפֿערען די פראַגע, ווי ער פֿאַרשטעהט.

די צענטראַלע פיגור פון'ם ראָמאַן, א שעהנע פאר'חלומ'טע, מיידעל נינאַ, טרעט אַריבער יענעם צאַרטען עלטער, וואו זי ווערט פון אַ קינד אַ פרוי. איהר ווייבליכקייט איז פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט סכנות, אַלע מענער, וועמען זי באַגעגענט, דער יונגער סטודענט לוגאַנאָווימש, דער דורכגעטריבענער ציניקער אינזשינער וויסאָצקי, דער באַריהמטער שרייבער אַרסעניעוו און אַפילו אַן אונבעדייטענדער פּראָווינציעלער אַקטיאָר, — אַלע זעהען אין נינאַ'ן נאָר דאָס שעהנע שטיק ווייבערשע פלייש און זייער אײנציגער וואונש איז זי צו געניסען. אַרציבאַשעוו באַווייזט, אַז אַלע שעהנע ווערטער פון די מאַנזבילען, זייער כלומר'שטער אידעאַליזם, זיינען נאָר אַ מאַסקע, וואָס פֿאַרדעקט אָט דעם גראָבען אינסטינקט. נינאַ מוז ענדליך ווערען אַ קרבן פון אָט דער אַלגעמיינער סעקסואַליטעט, נאָר אַ שטיק צייט וועהרט זי זיך אונטער דער אײנגעבוירענער פעסטונג פון ווייבליכער שעמעוודיגקייט און מיידעלשער אידעאַליסטישער בענקעניש נאָך ריינער, „אמת'ער" ליעבע. ענדליך פאַסט זי זיך אָבער צו צו דער הערשאַפט פון תאוה און ווערט אַליין א דינערין פון אינסטינקט, אַ יאָגערין נאָך דעם פֿאַרגעניגען פון רגע.

דער ראָמאַן זאָגט זיך אָפּ צו געבען אַן ענטפער, אויב דאָס מוז און דאַרף אַזוי זיין אָדער ניט. געטריי שילדערט ער די מאָדערנע קראַנקהייט פון סעקסועלער איבערגעשפּיצטקייט און גיט צו, אַז דאָס איז אַ קראַנקהייט. און אין דעם מאָמענט, ווען דער קינסטלער האָט זיך מיאש געווען צו זוכען אַן ענטפער, האָט ער אונבאַמערקטערהייט דעם ענטפער געפונען. ער האָט, אפשר געגען זיין ווילען, אַרויסגעזאָגט דעם אמת, — אַז זיין גאַנצע דיכטונג ביז איצט איז געווען אַ קראַנקע דיכטונג.

1.

ס׳איז געווען אַ ליכטיגע לבנה־נאַכט. די גראָז אויפ׳ן בארג האָט אויסגעוויזען ווייס, און די בוימער זילבערנע און געקרויזטע פון טהוי. ווייט אַרונטער, הינטער דעם משופע׳דיגען באַרג־אַראָב, זיינען געשטאַנען גרויהע געבלען אויף די לאָנקעס. אויפ׳ן שוואַר־צען הימעל זיינען געהאַנגען גרויסע ברענענדיגע שטערען. פון אַ פערבאָרגענעם טייכעל האָט געצויגען אַ פייכטקייט און אַ ריח פון זומפיגע גראָזען. פון די זומפען האָבען זיך געטראָגען טויזענדער שטימען פון זשאַבעס, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען דאָרט אַלע משוגע געוואָרען פון פרייד.

נינאַ איז צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פון באַרג־אַראָב, וואו ס׳האָט זיך אָנגעהויבען דער אָבגרונד, האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער איהם, הויך אַרויפציהענדיג איהר קלייד. אין׳ם לבנה־שיין, אונטער דעם גרויסען אויסגעשטערנטען הימעלס־געוועלב, האָט דאָס מיידעל אויסגעוויזען אַזוי לופטיג און לייכט, ווי אַ פויגעל פאַר׳ן פליהען.

— אוך, ווי הויך! — האָט זי געזאָגט, זיך צולאַכט און פורכטזאַם אָבגעטראָטען פון פעררעטהערישען אַבגרונד, וואָס האָט זיך געשלענגעלט טיעף אַרונטער צווישען די הענגענדיגע קוסטען.

לוגאַנאָוויטש האָט זיך איינגעקוקט אין איהר געזיכט, בלאַס פון לבנה־שיין, מיט איהרע צו גרויסע, פונקט ווי אויסגעמאָהלטע אויגען, און האָט פערדריסליך אַ הויב געטהאָן די אַקסלען.

— איהר זייט נאָך גאָר אַ קינד, נינאַ! מיט אייך קאָן מען נישט רעדען ערנסט! — האָט ער געזאָגט און נאָך זיין שטימע האָט מען געקאָנט פערשטעהען, אַז ער בייזערט זיך. דאָס איז געווען אַ נערוועזער בייזער, וואָס שטאַמט פון אַ ניט בעפרידיגטען באַגעהר.

נינאַ האָט גאַנץ וואַכזאַם אויפגעכאַפט די בייזע נאָטקע, האָט געמאַכט אַן ערנסט פנים און אַרטיג זיך אוועקגעזעצט אויף אַ ברייטען שטאַם פון אַן אָבגעהאַקטען אַלטען בוים.

— אמאָל איז דאָ געווען אַ גרויסער דובאָווער וואַלד... ווי־פיעל פויגלען זיינען דאָ געווען, בלומען, וואָלט איהר נאָר גע־וואוסט! פויערים האָבען איהם אויסגעהאַקט, און לעצטען יאָהר זיינען דאָ נאָר קוסטען געווען, איצט ווידער אמאָל גאַנצע בוימער... ווי גיך אַלץ וואַקסט! — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, אריינשטע־קענדיג די הענד אין די קעשענעס פון איהר העלער קאַפּטע און קוק־קענדיג ארום מיט אזעלכע אויגען, פּונקט אזוי ווי פאַר איהר איז גאָר ניט אזא גרויסע שמחה, וואָס אַלץ וואַקסט אזוי גיך.

לוגאנאָוויטש האָט מיט פעדרוס אַ שליידער געטהאָן זיין פּאַ־פּיראָס. אַ רויט פייערל האָט אויפגעבליצט אין דער לופט, זיך אָבגעשלאָגען אָן אַ צווייגעל פון אַ קוסט און, זיך צושיטענדיג אין גאָלדענע פונקען, איז ער שטיל אויסגעגאַנגען.

נינא האָט פורכטזאַם זיך ארומגעקוקט.

— איהר בייזערט זיך אויף מיר? — האָט זי שטיל געפרעגט.

איהר שטימעלע האָט געקלונגען אזוי קינדיש־ריין, אז דער סטודענט האָט זיך פערשעהמט. ס'האָט זיך איהם געוואָלט זאָגען איהר עפּעס אַ גוט, צאַרט וואָרט, ער האָט אָבער נישט אויסגע־קלעהרט. איין באַגעהר האָט איהם געמאַטערט און פון זינען אראבגעפיהרט. שוין לאַנג, אז לוגאנאָוויטש האָט מיט איהר נישט געקענט רעדען וועגען קיין אַנדער זאַך. די פאַרשטעלונג וועגען איהר קערפּער, אזא נאָהענטער און אזא ניט־צוגענגליכער, איז כסדר געשטאַנען אין זיין מארך און צייטענווייז איז ער גרייט געווען זי צו נעהמען איבער־געוואלט. דאָס איז געווען אונערטרעגליך און צייט־טענווייז האָט לוגאנאָוויטש געהאַסט נינא'ן. איטליכעס וואָרט איה־רער האָט איהם אויפגערעגט און בייז געמאַכט.

די זשאַבעס האָבען אָהן אויפהער גערוישט און געקלונגען, ווי זיי וואָלטען זיך געאיילט דערצעהלען דער גאַנצער וועלט, ווע־גען זעהר וויכטיגעס, וואָס איז געשעהן אין דער דאָזיגער ליכטיגער און ווארימער נאַכט.

— און ווען שלאָפען זיי?... — האָט נינא נאָכדענקליך ארויס־געפּליסטערט פאַר זיך אַליין און איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט הומאָר.

— אַ, די שדים וויסען זיי! — האָט זיך פּלוצלינג אָבגעריסען לוגאנאָוויטש, וועלכער האָט גראָד אין דער רגע זיך אַנגענומען מיט

מוטה אויף צו רעדען מיט איהר וועגען דעם, וואָס האָט איהם גע־מאַטערט.

איצט, אַז ער איז געוואָרען אָבגעהאַקט אין מיטען וואָרט, האָט ער מיט פּערדרוס אָבגעריסען אַ יונג צווייגעל, וואָס האָט ארויסגע־שפּראָצט פון אַן אַלט אָבגעהאַקטען בוים, בייזוויליג איהם צו־דרעהט און אוועקגעוואָרפען.

נינאַ האָט ווידער אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט פּערוואונ־דערונג און דערשראָקען. קעגען דער לבנה האָבען איהרע אויגען געבלישצעט זאַנדערבאַר און רעטהזעלהאַפט. פאַר איהר איז דאָס געווען נישט אַזוי פיעל בעליידיגענד, וויפיעל אונפערשטענדליך; ניט־בעוואוסטזיניג האָט דאָס מיידעל דערפיהלט די אורזאַך פון זיין אויפגערעגטקייט, אָבער איהר נשמה איז פרעמד געבליבען צו דעם דאָזיגען דונקעלען געפיהל.

לוגאנאוויטש האָט געקוקט אין אַ זייט און קראַמפּהאַפט גע־ריבען די פינגער.

נינאַ האָט פון אַ זייט אויף איהם אַ בליק געטהאָן און אין איהרע אויגען האָט דורכגעשוועבט עפּעס אַ חיטרע צאַרטקייט.

— נו, בייזערט זיך ניט !... — האָט זי געזאָגט און זיך צו־געריהרט צו זיין עלענבויגען מיט איהרע דינע, פאַרזיכטיגע פינגער.

— איך קאָן ניט זיך ניט בייזערן ! — האָט לוגאנאָוויטש איהר אָבגעענטפערט מיט אַ טרוקענע כריפּענדיגע שטימע, קוים איינהאַלטענדיג זיין וואהנזיניגע אויפגערעגטקייט.

— אָבער וואָס־זשע ווילט איהר פון מיר ?... האָט נינאַ גע־פרעגט, און איהר שטימע האָט געקלונגען מיט וועהמוט. — נו, גוט... איך...

זי האָט געוואָלט זאָגען, אַז זי איז צופריעדען און גרייט אויף אַלץ, און איין אויגענבליק האָט זיך איהר אָבגעדאכט, אַז דאָס איז טאַקי אַזוי איינפאַך און גרינג אין דער ווירקליכקייט. ער דאַרף דאָס, נו, זאָל ער מיט איהר טהאָן וואָס ער וויל !... באַלד אָבער האָט זי אויפגעציטערט מיט איהר גאַנצען קערפּער פון חרפּה און עקעל. דאָס האַרץ איז ביי איהר איינגעפאַלען, איהר שטימע האָט זיך אָבגעריסען.

לוגאנאוויטש האָט געשווינד זיך ארומגעקוקט. נינאַ'ס גרוי־סע, שווארצע אויגען, אָפענע און טרויעריגע פול מיט קומער און

אונטערטהעניגקייט האָבען געקוקט פאַרביי איהם אויף דער לבנה. נינאַ האָט געשוויגען. אונבעוועגליך האָבען איהרע אויגען געקוקט אין׳ם ליכטיגען לבנה־קרייז, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען פון בעשיינטען הימעל.

די זשאַבעס האָבען געקוואַקעט, ווי פער׳בישופ׳טע. די לבנה, א גרויסע און א קאַלטע, איז געהאַנגען גלייך איבער דעם דער־בייאיגען בארג, און לאַנגע ליכטיגע פאַסען האָבען זיך פון איהר געצויגען אַרונטער־צו אין בעוואַקסענעם גראַבען. די נעבלען אויף די לאָנקעס האָבען זיך כסדר געשפּונען און געוועבט, דורכזיכטיגע, בעצויבערטע. אונטען אין אַן אויסגעהוילטען קלאָץ, האָט גע־פישצעט א בייזער נאַכט־פויגעל, געווים א קליינע סאָווע.

לוגאַנאָוויטש האָט געוואַרט אויף נינאַ׳ס לעצטען וואָרט. זיין קערפּער איז געווען אזוי ווי אָבגעשטאָרבען, אין מויל איז איהם געווען טרוקען. ער האָט זיך שווער אָבגעאָטהעמט און פעררוי־בערט א פּאַפּיראָס. א לאַסטיגע מאַכטלאָזיגקייט און מוטלאָזיגקייט האָט איהם ארומגענומען.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט נינאַ׳ס שטימע, וועלכע האָט גע־ציטערט פון איינגעהאַלטענע טרעהרען.

— איך וויים !... — האָט זי זיך אָבגערופען.

— וואָס ?... — האָט לוגאַנאָוויטש געפרעגט, אויפציטערענ־דיג, ווי מען וואָלט איהם ביי עפּעס געכאַפּט.

אָבער דאָס מיידעל האָט ווידער נישט דערדערט און אלץ גע־קוקט פערביי איהם, אויף דער לבנה, אזוי ווי פריהער. לוגאַנאָ־וויטש׳ן האָט זיך געדאַכט, אז איהרע אויגען זיינען פול מיט טרעהרען.

— וואָס ווייסט איהר ?... — האָט ער איבערגעפרעגט, מורא האָבענדיג אז דאָס מיידעל וועט ווידער נישט ריידען.

— וואָס ווילט איהר... — האָט נינאַ געענטפערט מיט אַן אַראָבגעפאַלענער שטימע, קוקענדיג אונבעוועגליך געגען זיך.

— איהר ווייסט ?...

— איך ווייס, — האָט נינאַ ווידערהאָלט אָהן א שום אויס־דרוק, ווי נישט קיין לעבעדיגע.

— אויב איהר ווייסט, פאַר וואָס מאַטערט איהר זיך און מיר ?

— מיט וואָס מאַטער איך אייך ? — האָט נינאַ נאָך שטוי־לער געפרעגט מיט אַן אונפערשטענדליכען פּאַרוואורף.

און אזוי ווי אַלץ וואָלט פערשוואונדען, אָבגעטראָטען ערגעץ־וואו — די לבנה, די קלינגענדע נאַכט־שטימען, די ווייסע בוימער. געבליבען זיינען בלויז צוויי שטימען: איין שטימע א פורכטזאַמע, א טרויעריגע, ווי ביי א ליידענדעס קינד, די צווייטע — א גרויזאַמע, א הארטע, א ניט־ריכטיגע און א פאָדערענדע.

— מיט וואָס?... איהר ווייסט אליין גאַנץ גוט... אזוי קען איך מעהר נישט, נינאַ. איהר זייט נאָך גאָר א קינד, איהר האָט נאָך גאָר נישט געלעבט, און איך בין שוין ניט קיין אינגעל, איך קען זיך נישט צופריעדענשטעלען מיט פּאָעטישע שמועסען און מיט ארומשפּאַצירען אין לבנה־נעבכט!

— פאַר וואָס האָט איהר פריהער אזוי נישט גערעדט...

— פריהער האָב איך אייך נאָך נישט געליעבט אזוי!

— איהר האָט מיר איצט אויך ניט ליעב!... — האָט נינאַ איהם אָבגעענטפערט פעסט און טרויעריג.

פאַר איהר איז דאָס טאַקי אזוי געווען: אין דען נישטאָ גענוג פרייד און גליק דערין, וואָס זיי זיינען צוזאַמען, וואָס די לבנה שיינט אזוי העל, די נאַכט איז אַזאַ ליכטיגע און שטילע? איז דען נישטאָ וועגען וואָס צו רעדען, איז דען דאָ ווייניג וועגען וואָס עס ווילט זיך דערצעהלען איינעם דעם צווייטען?... וואָס דאַרף מען דאָס גראָבע, שמוציגע, צו וואָס? איז דען ליעבע נור דערין?... געווים, פאַר איהם איז זי גרייט אַלץ צו טהאָן, אָבער ווי קען מען פעראומרייניגען און פערשוועכען דאָס ליכטיגע געפיהל, וואָס פאַר א חרפּה און עקעל עס וועט איינטרעטען נאָכדעם! איצט געהט פאַרביי דער גאַנצער טאָג אין וואַרטונג אויף צו בעגעגענען איינער דעם צווייטען, אָבער נאָכדעם וועט זי אפילו נישט קענען טראַכטען וועגען איהם, ווייל דער געדאַנק וועגען איהם וועט זיין פערבונדען מיט אַן אומריינע עראינערונג און ער וועט נור ארויסרופען א שאַנד און אַן עקעל צו זיך אליין. דאָס הייסט ניט ליעבע!...

— איהר ליעבט נישט. — האָט דאָס מיידעל ווידערהאָלט, און איז אין גאַנצען געוואָרען איינגעשרומפּען פון אַן אינערליכען קעלט.

לוגאַנאָוויטש האָט א סקריפּ געטהאָן מיט די ציינער.

— איהר ליעבט יאָ, איהר ליעבט נים!... אויב אזוי פער־

שטעה איך ניט, וואָס הייסט ליעבען ? ניין, איך ליעב, איך קען זיך אָבער ניט בעגנוגען מיט א האַלבע ליעבע !... און ווי אַזוי קען איך וויסען, צי דאָס איז ליעבע, צי ניט ?... איך ווייס נור, אַז בעת איך זעה אייך, זעה איך אייער קערפּער...

נינא האָט קוים אויפגעציטערט, און לוגאַנאָוויטש האָט ניט ווילענדיג זיך אָבגעהאַקט אין מיטען וואָרט, ער האָט זיך אָבער בעהערשט און פאַרטגעזעצט עקשנות'דיג און גראָב :

— נו, יאָ... דער קערפּער !... פאַר וואָס האָט איהר אַזוי מורא פאַר דעם דאָזיגען וואָרט ?... איהר זייט דאָך א קלוגע, ענטוויקעלטע מיידעל, ניט קיין „צירליך־מאַנירליך“ מיידעל, וועלכע מיינט, אַז ליעבען הייסט קלייבען בלומען אויף די לאָנקעס !... מערקווירדיג : פאַר וואָס זייט איהר אַלע אַזעלכע דרייסטע אויף ווערטער, און אַליין האָט איהר מורא פאַר די קלענסטע אָנצוהער־רעניש אויף זיך, אין זין פון א פרוי ?... איך פערשטעה ניט. איז דאָס פייגהייט אָדער א מין שפּיעל אַזאַ, אַזאַ מין אָנשטעל ?... מען דאַרף קוקען אויף זאַכען איינפאַכער, דרייסטער !... דאָס לעבען, איז לעבען און מיר קענען ניט אומענדערען דאָס לעבען !... און וואָס האָט איהר אַזוי מורא ?... איהר האָט דאָך מיר ליעב ? יאָ ? איז וואָס־זשע ווילט איהר מעהר ? א געזעצליכע חתונה, וואָס !...

—פאַר וואָס רעדט איהר אַזוי ?... איהר ווייסט דאָך, אַז דאָס איז ניט אמת !... — האָט נינא איהם אָבגעענטפערט געערגערט ווי פון א בעליידיגונג.

— ס'קומט אָבער אויס, אַז דאָס איז יאָ אמת !.. — האָט לוגאַנאָוויטש געענטפערט מיט הנאה, וואָס ער האָט איהר וועה געטהאָן — אויב ניט, וואָס־זשע האַלט אייך אָב צו זיין גליקליך ?

— איז דען גליק נור דערין ?... — האָט דאָס מיידעל געזאָגט מאָט און אָהן אויסדרוק.

— גליק בעשטעהט דערין, מען זאָל לעבען פאָלשטענדיג, אָהן שטערונגען און אָהן פערבאָטען ! — האָט לוגאַנאָוויטש פעסט גע־ענטפערט און אין דער מינוט האָט זיך איהם ווירקליך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע גליק אויף דער ערד בעשטעהט נור דערין, אַז דאָס מיי־דעל זאָל איהם נאָכגעבען אויפ'ן שטעל, א מינוט ניט וואַרטענדיג.

— נינא — האָט ער פאָרטגעזעצט — דאָס איז דאָך סאַי ווי סאַי אונפערמיידליך !... איהר זענט דאָך א פרוי...

— נאָר אַ פרוי און נישט מעהר ? — האָט נינאַ געפרעגט.
און טאַקע דערפאַר, ווייל אין דעם מאָמענט איז זי פאַר איהם געווען נור אַ פרוי אין ענגסטען זין פון וואָרט, האָט לוגאַנאָוויטש זיך צובייזערט.

— אַך, לאָזט צורוה דערמיט!... נו, און אַ מענש אויך!... איז וואָס דערפון געדרונגען ?... שטערט דאָס אייך צו זיין אַ פרוי ?... עס קומט אויס, ווען אַ פרוי ווערט אַ פרוי, ווערט זי ווייניגער מענש... דערמיט בעליידיגט איהר די פרוי נאָך מעהר, וויפיעל מ'קען זי בעליידיגען מיט די גראָבסטע באַגעהרען !... ליעבט ווי אַ פרוי, דענקט און אַרבייט ווי אַ מענש ! שרעקט אייך ניט פאַר די הויכע ווערטער !...

לוגאַנאָוויטש האָט זיך בעגייסטערט, ער האָט אָבער אויפ'ן שטעל דערפיהלט, אַז צופיעל הויכע ווערטער האָט ער דאָ אויסגעשאָטען, און וואָס מעהר הויכע ווערטער, אַלץ ווייטער איז ער פון זיין ציעל. דער סטודענט האָט זיך געוואונדערט: דאַכט זיך, די דאָזיגע ווערטער זיינען דאָך די אייגענע, וואָס זיינען גאַנץ נויטיג אין אַזאַ פאַל און דאָך האָט ער געפיהלט, אַז וואָס מעהר ער רעדט, אַלץ קעלטער ווערט איהם אין דער נשמה, אַלץ שוואַכער פיהלט ער אין זיך דעם מאַנספערשוין און אין איהר — די פרוי. ער האָט זאָגאַר דערזעהען, אַז נינאַ, נישט קוקענדיג אויף די גראָבע נאַקעטקייט פון זיינע ווערטער, האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט און הויבט אָן זיך צוהערען צו זיינע ווערטער מיט דעם זעלבען קינדערשען אינטערעס, ווי זי פלעגט הערען אַנדערע קלוגע געשפּרעכען. דאָס מיידעל האָט עפּעס דערפיהלט, אַז אין דער צייט, בעת ער רעדט אַזעלכע שרעקליכע און ערנסטע זאַכען, איז זי זיכער, קען ער ניט צושטעהן צו איהר. לוגאַנאָוויטש האָט שאַרף איבערגעריסען דעם געשפּרעך און אָנגעהויבען בעטען מיט ערנידרונג און ליידענשאַפטליך. — נינאָטשקאַ, מאַטערש מיך ניט!... איהר האָט דאָך מיר ליעב ?... נינאָטשקאַ !

און באַלד איז ווידער אויסגעוואַקסען אַ געהיימניספּולע קראַפט, וואָס האָט געצויגען זייערע קערפּערס, אָנגעצונדען די געבליטען און פערנעבעלט דעם ניט-נויטיגען פערשטאַנד. לוגאַנאָוויטש האָט שטיל אַרומגענומען מיט דער האַנד איהר ווייכען, בויגזאַמען קערפּער און איהם געצויגען צו זיך. ער האָט איהר אַריינ־

געקוקט אין די אויגן און מיט די ליפּען געזוכט איהרע ליפּען.

נינא האָט זיך נישט אפּגעוועהרט, עפּעס אזוי, ווי זי וואָלט מיט א מאָל אָבגעשוואכט געוואָרען. איהרע אויגען האָבען זיך צוגעמאכט, די באקען זיינען געוואָרען דונקעל, פון איהרע ליפּען האָט געוועהט א טרוקענע היץ, זיינען געווען היים און פייכט, דער אָטהעם, ווי וויין. ביי לוגאנאָוויטש'ען אין קאָפּ איז אלץ פערשוואו־מען געוואָרען, ער האָט שוין קיין זאך נישט בעגריפען.

די לבנה האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען, אונטערגעשפּרונגען, אויף א רגע איז זי פערשוואונדען פון הימעל און באלד זיך ווידער בעוויזען אויפ'ן סאמע ראנד פון משופּע'דיגען בארג־אָברים, א גרויסע, א ליכטיגע. די זשאבעס זיינען אנשוויגען געוואָרען, אלץ ארום האָט זיך אָבגערוקט און אָבגעשטאָרבען. ס'איז געוואָרען שטיקענד און היים. די הענד האָבען זיך אליין געגליטשט איבער'ן ברעג קלייד, איבער'ן הארטליכען געוועב פון דעם דין אָנגעצויגענעם זאָק.

עפּעס אזעלכעס איז געשעהן, וואס אפילו לוגאנאָוויטש אליין האָט נישט פערשטאנען. די לבנה איז אָבגעשפּרונגען און געבליבען הענגען אין הימעל, א ווייטע און א ליכטיגע. די זשאבעס האָבען זיך ווידער אמאָל צעשריען, ווי זיי וואָלטען אלע אויף אמאָל אָנגעהויבען קריגען זיך. די בוימער, ווייסע פון טהוי, האָבען זיך אזוי ווי אָבגערוקט פון זייערע ערטער און געשטאנען פון דער ווייטענס, ווי קאלטע גייסטער.

לוגאנאָוויטש איז געזעסען אויפ'ן גראָז א בערוישטער. ס'האָט איהם געקלונגען אין די אויערן, די הענד און די פיס האָבען ביי איהם געציטערט, אין גאנצען קערפּער האָט ער געפיהלט א ענד־לאָזע שלאפקייט. ער האָט זיך נאך אלץ געצויגען צו נינא'ן, אָבער זי איז געשטאנען א פּאָאר טריט ווייטער, אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן רוקען, דאָס פּנים פערדעקט מיט די הענד.

דאָס, וואס לוגאנאָוויטש האָט זיך איצט געפיהלט אָבגענארט אין זיין שטארקען ליידענשאפטליכען דראנג, האָט איהם גערגערט ביז צו משוגעת. ער האָט זיך געשעהמט און גערגערט, ער איז בייז געווען — א בייזקייט פון אן אָבגענארטען אינערליכען אויס־ברוך — און איהם האָט זיך געדאכט, אז קיין זאך אויף דער וועלט קען ניט זיין קאמישער פון זיין איצטיגער פּאָזע, מיט א פּאָאר הענד

אויסגעצווינגען אויף די קני און מיט א נארישען אויסגעצויגען פנים. ער האט געפיהלט, אז פון איין ווינקעל פון זיין מויל רינט ביי איהם הייסע סלינע, און ווער ווייס, ווען נינא וואלט עס איצט דערזעהן, מעגליך, אז לוגאנאוויטש וואלט אנטלאפען און זיך דער־שאסען הינטער דעם ערשטען קוסט.

אבער נינא איז געשטאנען דאס פנים פערדעקט מיט די הענד, א האלב טויטע פון שאנד און שרעק, וואס זי האט איהם בעליידיגט. לוגאנאוויטש איז געקומען צו זיך.

— אזוי — האט ער דורך די צייהן ארויסגעשטאמעלט — זאל זיין אזוי... נו, איז ווי איהר ווילט !... ווייזט אויס, מיר פער־שטעהען ניט איינער דעם צווייטען !... זאל זיין אזוי !... איך ווינש אייך גליק און א געזעגליכער חתונה !...

דער סטודענט האט זיך אויפגעהויבען און אונגעשיקט אבגע־טרייסעלט פון די קני דעם שטויב און די בלעטער. ער האט גע־פיהלט, אז ער רעדט ניט דאס, וואס ער וויל.

נינא האט אוועקגענומען די הענד פון פנים און א קוק געטהאן אויף איהם מיט פערוואונדערונג.

— יא — האט לוגאנאוויטש פארטגעזעצט קאלט און זינלאז, אליין ליידענדיג און אין דער אייגענער צייט מיט הנאה פון זיין ראבע־זיכטיגער גראבקייט — מיר זיינען, נינא סערגעיעווגא, פער־שיעדענע מענשען !... אין קיין זאך אנערקען איך ניט קיין האלב־קייט, איך ווייס ניט פון האלבע זאכען ! זיפצען און טרוימען וויל איך ניט און קאן ניט !... דאס קאן אייער קאליא וויאזאווקין, אבער ניט איך !

„ווי קומט דא קאליא ?... ווי געשמאקלאז און נאריש דאס איז !" — איז איהם דורכגעלאפען אין קאפ, נאר ער האט שוין נישט געקענט זיך אבהאלטען.

— ער איז דאך אייער צארטער ריטער ?... אט ער איז פאר אייך א ווירדיגער חתן !... אמת, ער איז אפילו עהנליך אביסעל אויף א באראן, אבער דערפאר פיהלען... א !

נינא האט אויף איהם אויסגעשטעלט א פאאר אויגען, פונקט ווי זי וואלט איהם ניט דערקאנט.

— וואס קוקט איהר אזוי אויף מיר ?... אפשר ניט אמת, אז ער איז עהנליך אויף א באראן ?

לוגאנאָוויטש האָט זיך געקגייטשט, ער איז געווען לעבערליך און קלעגליך, און ער האָט עס אַליין אויסגעצייכענט פערשטאַנען.

— פאַר מיר איז שוין צייט... לאָמיר געהן... — האָט נינאַ נעשווינד געזאָגט, קענטיג, אַז זי האָט געליטען פאַר איהם.

— אָ, איך בעט אייך! וועט איהר מיר הייסען אייך בעגלייטען? — האָט לוגאנאָוויטש אונטערגעכאַפּט מיט שפּאַס, אָבער אויך מיט פאָלשטענדיגער ענטוישונג אין נשמה.

נינאַ האָט נישט געענטפערט און אַנגעהויבען אַוועקגעהן. לוגאנאָוויטש, אונבעוואוסט פאַר יועמען, האָט געמאַכט אַ פערעכט־ליכען שמייכעל און איז איהר נאָכגעגאַנגען. אויפ'ן הארצען איז איהם געווען גאַנץ ביטער. ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָנ־זעהן, האָט נינאַ'ן געהאַסט, ער איז גרייט געווען אָנהויבען וויינען און האָט מיט אַמאָל ענטדעקט, אַז ער איז נאָך זעהר און זעהר יונג.

— הייסט עס, מיר צושיידען זיך?... מיר טהוט באַנג!... ווען איהר וואָלט ניט געווען אַזוי פייג!...

נינאַ איז שווייגענד און האַסטיג געגאַנגען איבער'ן שטעג, צווישען הויכע ביימער. דער בארג־אברים איז געבליבען ווייט הינ־טער זיי, די לבנה איז געוואָרען קלענער און בלאַסער, אַלץ שטילער איז געוואָרען דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס.

לוגאנאָוויטש איז ענדליך אָנשוויגען געוואָרען און איז גע־גאַנגען אויסער זיך, מיט צונויפגעדריקטע פויסטען. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָהן. אַט האָט ער געשמייכעלט און אַט האָט ער פּרובירט אונטערפייפען, און אַט האָט ער גאָר אָנגע־הויבען וואַרפען אויף נינאַ'ן, וועלכע איז געגאַנגען פאָראויס, ציני־שע בליקען, ער האָט אָבער ביי אַלעם דעם געפיהלט אַז אַלץ וואָס ער זאָל איצט ניט טאָהן, וועט אונפערמיידליך אויסקומען אינגעלש און נאַריש.

ביי דער פאָרטקע פון איהר זומער־וואָהנונג האָט נינאַ זיך אָבגעשטעלט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ געדיכטער סאָסנאָוועך וועלדעל, וועלכער איז געשטאַנען ווי אַ מאַסיווע וואַנד הינטער די ווייסע זומער־הייזלאַך. די לבנה האָט געגאָסען איהר שיין גלייך אויף איהם און די פאָדערשטע שטאַמען פון די סאָסנעס האָבען אויסגעזעהען ווייס, ווי קאָלאָנעס, און הינטער זיי איז געלעגען אַ שוואַרצער, טיעפער חשך. אויף דער שכנה'שער דאַטשע האָבען הינד געבולען.

— נו, אָט זענט איהר אין דער היים! — האָט לוגאַנאָוויטש געזאָגט עפּעס מיט אַ נאַרישען טאָן.

ער האָט גאַנץ געשיקט געצויגען זיין סטודענטען־היטעל און זיך פערנייגט. נינאַ האָט אויסגעשטרעקט איהר קליינע ווייסע האַנד, אויף וועלכער ס'האָט אָבגעשלאָגען ביי דער לבנה־שיין אַ שמאָלינקער בלוי פייערל פון איהר רינגעלע. נאָר איהר האַנד איז געבליבען אין דער לופטען. נינאַ האָט זיך איינגעקוקט אין לוגאַנאָוויטש'עס פּנים. איהר קוק האָט אויסגעדריקט קומער, אונ־ענטשלאָסענהייט, און געבעטעט וועגען מחילה. איהרע ליפּען האָבען ליידענד אַ ציטער געטאָהן. זי האָט נישט געקאָנט פערשטעהען, וואָס אַזעלכעס איז צווישען זיי פאָרגעקומען.

לוגאַנאָוויטש האָט דערזעהען, אַז זי ליידט און ער איז אַליין גרייט געווען זיך אַ זעץ טאָהן מיט'ן קאָפּ אָן דער נאָהענטסטער סאָסנע, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער גרויס הנאה געהאַט פון זיין נקמה.

— אהא, — האָט ער געטראַכט, — זי אַליין איז שולדיג!...

נינאַ'ס האַנד האָט זיך לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזט און געבלי־בען הענגען. קענטיג, אַז זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר זי האָט נישט געקאָנט. דער סטודענט איז געשטאַנען, האָט נאַכלעסיג געקנאַקט מיט זיין בייטשעל איבער די שטיוועל, און זאָרגלאָז גע־קוקט אַרום.

— פאַרוואָס... פאַר וואָס אַזוי גראָב?... האָט זיך ביי דער מיידעל אַרויסגעריסען.

— וואָס — גראָב?... — האָט לוגאַנאָוויטש איבערגעפרעגט מיט אַ געמאַכטע פערוואונדערונג.

נאָר נינאַ האָט געשווינד זיך אומגעדרעהט און האַסטיג אוועק צום הויז צו.

איהר ווייסע בלוזקע האָט זיך פון דער ווייטענס געזעהען צווי־שען די יונגע סאָסנעס, וואָס זיינען געווען איינגעפלאַנצט ארום דער אַלעע, און איז פערשוואונדען הינטער זיי. נאָך אַמאָל האָט זיך איהר ווייסע בלוזקע בעוויזען אויפ'ן גאַניק, ווי אַ ווייסער פלעק און מעהר ניט.

לוגאַנאָוויטש איז לאַנג געשטאַנען אויף אַנ'אָרט, פון קאָפּ ביז די פיס אָבגעגאָסען מיט לבנה־שיין, און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו

טאָהן איצט. אַלץ איז אויסגעקומען אַזוי אונערוואַרט און נאַריש, געהאַלטען האָט ער זיך, ווי אַ אינגעל. נינא האָט איהם באַנג געטהאָן, זי האָט אין איהם אַרויסגערופען אַ געפיהל פון מיטלייד און איהם האָט זיך געוואָלט ביי איהר בעטען מחילה. נאָר ווייעדער אַמאָל האָט אין זיין מאַרך זיך אָנגעצונדען די פאָרשטעלונג וועגען איהר ניט־צוגענגליכען קערפּער און אַ נייער אַנפאַל פון אַ טהירי־שער בייזקייט האָט איהם אַרומגעכאַפּט.

— גוט ! ...

מיט אַ גרויס שוואונג האָט ער אַ שמיץ געטאָהן איבער אַ סאָסנע־בוים מיט זיין בייטשעל, איהם צובראָכען און מיט גרויסע טריט, — אוועק.

2.

ס'איז געווען אַ אונערטרעגליכע היץ. איבער די שטאַמען פון די סאָסנאָווע בוימער האָבען גערונען גרויסע טראָפּען סמאָלע און איהר קלעפּיגער ריח איז געשטאַנען אין דער לופט שטיקענד און געדיכט. אַ טרוקענע היץ האָט געוועהט פון די פאַר־אַ־יאָהריגע פיכטענצווייגלעך, וואָס זיינען געדיכט געלעגען אויף דער ערד, צווי־שען די וואַלד־גראָזען. איבער די סאָסנע־בוימער האָט זיך גע־שפּרייט דער ווייסליכער הימעל.

נינא איז געלעגען אין העמאַק, וואָס איז געהאַנגען צווישען צוויי סאָסנעס, די הענד פאַרלייגט אונטער'ן קאָפּ און געקוקט אין דער הויך, דאָרט, וואו די שפּיצען בוימער זיינען ווי אָבגעשטאָר־בען אין דער הויכקייט.

קלעפּיגע זשוקעלעך זיינען אַרויפגעקראָכען ביי איהר אויף די הענד און האַלז. הייסע זונען־פלעקען האָבען זיך שטיל בע־וועגט איבער איהר גאַנצען קערפּער, פון איהר צופלאָמטען פּייכטען פּנים ביז די קליינע טופלעס, וואָס האָבען זיך אַרויסגעזעהען פון אונטער איהר לייכטער קליידעל.

ניט אָברייסענדיג זיך, האָט נינא געקוקט אין דער הויך, זי האָט אָבער ניט געזעהען ניט די סאָסנעס, ניט דעם הימעל, נאָר איהרע געדאַנקען. און איהרע געדאַנקען זיינען געווען נאָר וועגען לוגאַנאָוויטש'ן, וועלכען זי האָט נישט געזעהען זינט זיי האָבען זיך צוקריגט. זי האָט זיך קלאָהר פאַרגעשטעלט זיין שעהנע, דינע

געזיכט, זיין הויכע, בויגזאַמע פיגור און זיינע גרויסע ווייסע הענד, וועלכע האָבען אין איהר דערוועקט אַנ׳אויפרעגענדע פאַרשטעלונג וועגען מענליכער קראַפט און זיינען נינאַ׳ן געפעהלען געוועזען מעהר פון אַלץ. דאָס מיידעל האָט זיך קיין רעכענונג דערין ניט אָבגעגעבען, נאָר איהר האָט זיך אַלע מאָל געוואָלט קוקען אויף די דאָזיגע הענד און אין דער שטיל זיך צוריהרען צו זיי.

ביים העמאַק, אויף דער הוילער ערד איז געזעסען דער סטודענט קאַליא וויאַזאָווקין. ער האָט געהאַט אַ רונדע געזיכט, וואָס האָט זיך געצויגען אַרונטער צו, טאַקי גלייך אויף אַ פּנים פון אַ באַראַן, מיט אַנ׳אַרויסגעסטאַרטשטען שטערען און מיט נאַרישע פערליעבטע אויגען. ס׳איז איהם געוועזען היים און אומבעקוועהם צו זיצען און האָט שטאַרק געליטען פון ליעבע.

ווי פראַכטפול איהם האָט זיך אויסגעוויזען נינאַ, וועלכע איז געהאַנגען אין געפלאָכטענעם העמאַק, דורך וועלכען ער האָט געזעהען אַלע ליניען פון איהר יונגען קערפּער און דעם צאַרטען פּראָפיל, וואָס האָט גאָלדיג געגליהט אין זונען־ברען.

קאַליא וויאַזאָווקין האָט שטאַרק געשוויצט אין זיין טוזשורקע מיט די אינזשינערסקע גאַלונען, האָט זיך אַליין געעדערט, און קיין זאַך נישט געקאָנט זאָגען וועגען זיין ליעבע. ערשטענס האָט ער שרעקליך מורא געהאַט פאַר נינאַ׳ן און צווייטענס האָט ער נישט גוט געקאָנט אַרויסרעדען דעם בוכשטאַב „על“, און אַנשטאַט איך „ליעב“, פלעגט ביי איהם אויסקומען איך „איב“ און דאָס האָט ביי איהם אָוועקגערויבט זיין לעצטע ענערגיע. פון דעסטוועגען האָט ער זיך מיט גאָר זיינע קרעפטען געמאַטערט צו אונטערהאַלטען דאָס מיידעל און האָט נאָכאַנאַנד גערעדט:

— איך פערשטעה דאָס אַזוי, נינאַ סערגייעוונאַ, „איבע“ מוז זיין פאָלשטענדיג. ווען איך וואָלט זיך „פעראיבט“, וואָלט איך מיין גאַנץ לעבען אָבגעגעבען. ווארום אַנדערש — איז נידערטרעכטיג און מעהר גאָר נישט!... „איבע“ איז אַ געפיהל, וואָס איז אויפ׳ן גאַנצען לעבען... איך פערשטעה ניט די זאָגענאַנטע פרייע „איבע“. נאָך מיין מיינונג איז דאָס נור אויסגעלאַסענהייט און מעהר גאָר נישט. און אַלע מאָל איז דאָס בעטרוג!...

— פאַרוואָס בעטרוג?... — האָט נינאַ געפרעגט און קימערליך איבערגעלייגט דעם קאָפּ אויף די הענד.

— געווים בעטרוג. אלע מאָל איז דאָס נאַרעריי, נינאַ סער־געיעוונאַ !... איינפאַך, דער, וואָס וויל אויסטייטשען ליידעני־שאַפט אָהן וועלכע איז פליכטען, פיהלט ניט קיין שום „איבע". און דארום זאָגט ער, אַז זי איז גאָר אוננויטיג !... און דארום קומט דערפון קיין זאַך ניט ארויס, אויסער עקעל, שמוץ און נידערטרעכ־טיגקייט. און ווי קוקט איהר אויף „איבע", נינאַ סערגעיעוונאַ ?...

נינאַ האָט פערמאַכט די אויגען און אָנגעהויבען אָטהעמען נערוועז און געשווינד.

— און איך רעכען אויך, קאַליאַ, אַז וועגען דער פרייהייט פון ליידענשאַפט רעדט מען נור דעמאָלט, ווען קיין ליידענשאַפט איז נישטאָ. ווער עס ליעבט רעדט וועגען קיין זאַך ניט און שטעלט ניט קיינע בעדינגונגען — האָט נינאַ שטיל געזאָגט מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק, ווי זי וואָלט זיך אַליין געוואָלט איבערצייגען.

און נינאַ'ס געזיכט האָט אָנגעהויבען לייכט רויטלען זיך.

— אָט, אָט ! — האָט וויאַזאָווקין פריידיג אונטערגעהאַפּט.

נינאַ האָט ברייט צועפענט די אויגען, פול מיט וועהמוטה, און האָט פאַרטגעזעצט שווער אָטהמענדיג :

— איך וואָלט געקענט... געהערען אימיצען נור דאַן, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז פאַר יענעם איז דאָס אַזוי וויכטיג און אָנגעלייגט, ווי פאַר מיר... דאָס מוז זיין אַזאַ געפיהל, אַז מ'זאָל אינגאַנצען אין איהם צוגעהן, בטל ווערען, כדי צו קענען לעבען מיט איין לעבען... ווען איך וואָלט זיכער געוווען אין אַזאַ געפיהל, וואָלט איך מיר אויף אַ מינוט ניט פערטראַכט... איך וואָלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט !... קען דען אימיצער אין דער אמת'ן מיינען, אַז פאַר מיר איז וויכטיג דאָס הייראַטהען ?... דאָס איז נאַריש און בעליידיגענד, קאָליאַ !...

נינאַ האָט אָבער בעת מעשה ניט קאָליאַ'ן געהאַט אין זינען, נישט איהם האָט זי צוגעוואָרפען די דאָזיגע ווערטער, נאָר אַן אַנ־דערען. איהרע ליפען האָבען געציטערט, אויף איהרע צאַרטע באַ־קען האָבען זיך בעוויזען דראָהענדע פלעקען.

— איך קען דאָך אָבער נישט זיין נאָהענט צו אַ מענשען... וועלכער דאַרף נור מיין... קערפער... — האָט זי פאַרטגעזעצט רויט ווערענדיג ביז טרעהרען און קוקענדיג אין דער הייך פאַר זיך.

— דאָס איז גראָב און עקעלהאַפט ! בעת צוויי מענשען ליעבען

זיך, בעת אײנער ליעבט דעם צװײטען, דעמאָלט פערשטעה איך, אז בײ זײ װערט דאָס קערפּער אויך אלגעמײן... דאַן איז דאָס פערשטענדליך, ניט מיאוס... אָבער אזוי !... יאָ, קאָליא, איז דען דאָס טאַקי אזוי װיכטיג ? איהר זײנט דאָך אַ מאַנספּערשוין, טאָ זאָגט ?...

אין דיזער אונערװארטעטער פראגע איז געװען אזוי פיעל שװערמוטה און צװײפעל, אז דער דאָזיגער אָרימער מאַנספּערשוין האָט זיך אין גאַנצען פערלוירען, האָט אָנגעהויבען סאָפּען און זײן פּנים איז געװאָרען נאָך נארישער, װי געװײנליך. ער האָט פערשטאַנען, אז נינאַ האָמפּערט זיך דאָ מיט אימיצען, ער האָט געכאַפּט טרעפען, אז עפּעס אימיצער האָט איהר פאָרגעשלאָגען, זי זאָל זיך איהם אָבגעבען, און אַ געפיהל פון ברענענדיגער אײפערזוכט האָט איהם דורכגענומען.

— עס זײנען פאַראַן מענשען, פאַר װעלכע דאָס איז די הויפּט־זאַך, נינאַ סערגײעװנאַ... אָבער איך האָב פאַר זײ קײן אכטונג נישט !... — האָט ער מיט גדלות געענטפערט.

— אַך, אַלע זענט איהר אַזעלכע, װײזט אויס !... — האָט דאָס מײדעל געענטפערט מיט אַן אונערװאַרטעטער אויפגערײצט־קײט און האָט זיך פערטראַכט.

נינאַ'ס װערטער האָבען איהם פערװאונדעט אין סאַמע האַר־צען. ער איז געזעסען אויף די אַנגעהיצטע פיכטען־צװײגלעך און נאַריש אויף איהר געקוקט פון אונטער'ן שטערען. איהם איז גע־װען הײס און פערדריסליך.

און נינאַ איז געלעגען אין העמאַק, האָט געקוקט, װי שטיל עס שאָקלען זיך די שפּיצען פון די סאָסנעס, און געטראַכט װעגען דעם, אז זי, װײזט אויס, איז נישט אַזאַ װי אַלע אַנדערע פרויען. פאַר װאָס אַנדערע פרויען האָבען חתונה, לעבען מיט מענער און זײנען פאָלשטענדיג רוהיג, פּרעהליך און גליקליך, און זי, בלויז דער געדאַנק אַלײן װעגען דעם רופט אין איהר אַרויס אַ שוידער, אַ חרפּה, אַן עקעל, איהר גאַנצער קערפּער הויבט אָן ציטערען. דאַכט זיך אזוי פיהלט זי אין זיך אַזאַ ליכטיגעס געפיהל, פול מיט פרייד און צערטליכקײט און איז גרײט אויף יעדען אָפּפער, אין דער אײ־גענער צײט קען זי אפילו ניט טראַכטען אָהן שרעק „װעגען דעם"...

און װי גליקליך זײ װאָלטען געקענט זײן !... נינאַ'ן האָט

זיך געטרוימט וועגן א אונגעווייגליכעם לעבן: אלע מאל און אין אלץ — צוזאמען, אין אלץ — איינער פאר'ן צווייטן, אלגע־מיינע געדאנקען און אלגעמיינע געפיהלען!... דאס מיידעל האט געפיהלט, ווי אין הארצען ביי איהר וואקסט אלץ מעהר קומער און צערטליכקייט און טרעהרען האבען זיך געשפארט צו איהרע אויגען.

קאליא וויאזאווקין האט אויף איהר געקוקט און איז געווען גרייט מיט לייב און לעבען זי צו בעשיצען פון אלעם שלעכטעם, דונקעלעם און שמוציגעם. ער האט זיך געפיהלט אלס שטאלצער, גרויסמוטהיגער ריטער, אבער דער פנים זיינער איז אלץ געווען א נארישער, ווי אלע מאהל.

3.

פון אבענד, שפאצירענדיג אין דאטשנעם פארק, האט נינא בעגעגענט לוגאנאוויטש'ן.

ער איז געגאנגען עפעס מיט א דיקע, זעהר שעהנע דאמע, שוין ניט קיין יונגע.

זי האט געהאט גרויסע, קונציג אונטערגעפארבטע אויגען און שמייכלענדע אויסדרוקפולע ליפען. איהר שווארצע קלייד, מיט איינזאצען אויף איהרע שווערע אקסלען און איהר ברוסט, איז געווען גאנץ נעט ארומגעהאפט מיט א זיידענעם גארטעל און האט אינגאנצען אויסגעזעהען עפעס אזוי אויפפאלענד־דרייסט, געשיקט און אפענהערציג. איהרע קליינע פיס אויף די הויכע קנאפלען האבען ארויסגעטראטען שטארק און קענטיג און דורך די אויסגע־האפטע איינזאצען פון איהר קלייד האט קוים דורכגעלייכט איהר צארטער סאמעט־ראזער קערפער.

אויפ'ן שטעל האט נינא אנגעהויבען האסען דיעזע דאמע, אי פאר איהרע איינזאצען אויף דער קלייד, אי פאר איהר גאנג, אויך פאר איהרע אונטערגעפארבטע אויגען און פאר איהר פרעכען, ווי נינא'ן האט זיך געדוכט, טריאומפירענדען געלעכטער. דאס מיידעל האט אויף איהר א קוק געטאהן מיט פינטעלנדיגע אויגען און האט א טראכט געטאהן מיט בייזער פרייד, אז ווען מען זאל פון איהר ארויסנעהמען אט די „אויסגעגאסענע" קלייד און פונאנדערשנורע־ווען איהר קארסעט, וואלט זי צושוואומען געווארען אין א פארמ־לאזע מאסע פון איהר פעטען, און שווייסיגען קערפער.

לונאנאָוויטש איז געגאַנגען אין רייהע מיט איהר, האָט זיך אַלץ געבויגען איבער איהר שולטער, האָט געשמייכעלט מיט זעלבסט־צופריעדענהייט און מיט זיכערהייט. די דאַמע האָט איהם געלאַסצעט מיט פערנעבעלטע אויגען און האָט געלאַכט אַזוי, עפּעס ווי אַלץ וואָלט שוין געווען געזאָגט און זי האָט איהם איצט נאָר גערייצט.

בעת זיי זיינען פאַרביינגעגאַנגען, און לונאַנאָוויטש האָט אַב־זיכטליך זיך קאַלט פערנייגט פאַר נינאַ'ן, האָט די דאַמע געזאָגט שטיל, אָבער דייטליך, אַז מען זאָל דערהערען וואָס זי זאָגט:

— אַ וואָווילינקע !...

פון איהר מויל האָט דער דאָזיגער קאָמפּלימענט נינאַ'ן בע־לײדיגט.

לונאַנאָוויטש האָט עפּעס געענטפערט און די דאַמע האָט זיך צולאַכט.

און נינאַ האָט זיך באַלד דערפיהלט עפּעס אַזוי פּראָסט און קלענגליך, אַז זי האָט זיך שיער ניט צוואַויינט. נאָר אַנשטאַט דעם האָט זי זיך צולאַכט, אוננאַטירליך פערוואָרפען דעם קאָפּ און איז פערביי, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט גאָר נישט בעמערקט, אַז ער האָט איהר געגריסט.

קאָליאַ וויאַזאָווקין האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמעלט. נאָר נינאַ האָט ניט געהערט וואָס. איהר געזיכט האָט געברענט, די אויגען האָבען געקוקט גראַד קעגען זיך, פול מיט אַזאַ ברענענדיגען האַס, אַז ווי פרעמדע האָבען זיי אויסגעזעהען אויף איהר צאַרטען, יונגען פּנים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָדנע פאַנטאַזיע זיך אָנצוטאָהן אין דאָרף פּונקט אַזוי, ווי מען טהוט זיך אָן אין אַ מאָדנעם באָדע־אָרט ! — האָט זי געזאָגט פערעכטליך, אינגאַנצען ציטערענדיג פון עקעל און כעס. — איך קען נישט פערטראָגען די דיקע, אַלטע, שמו־ציגע ווייבער !...

זי האָט די דאָזיגע פראַגע אַרויסגערעדט אַזוי אונערוואַרטעט גראָב, אַז אַפילו קאָליאַ האָט זיך דערפיהלט אונבעקוועהם.

נינאַ האָט עס בעמערקט און איז ליידענד רויט געוואָרען.

— מיר איז היינט וואונדערבאַר היימליך, קאָליאַ — האָט זי געזאָגט, קאָנוואולסיוו איהם כאַפּענדיג געאַרעמט, און אויף איהרע אויגען האָבען זיך באַלד בעוויזען טרעהרען.

— נינא סערגעיעוונא, נינא סערגעיעוונא, וואָס איז מיט אייך ?... — האָט קאַליאַ אָנגעהויבן ארומטענדלען, און מיט אַלע קרעפטען ארויסרייסען זיין האַנד פון אונטער איהר אָרעם, אַליין ניט בעמערקענדיג, וואָס ער טהוט.

נינא האָט אויף איהם אַ קוק געטאָהן. איהרע אויגען זיינען געוועזן נאָס און האָבען אויסגעדריקט ענטטוישונג אָהן אַ ברעג, זי האָט דערזעהן זיין דערשראָקענעם און פערלוירענעם פּנים, וועלכער האָט אויסגעדריקט מיטלייד, אָבער אַלץ אַ בּאַראַנישער פּנים. זי האָט זיך היסטעריש צולאַכט און אָנגעהויבען איהם טרייסלען, אויפמונטערן.

—ס׳אַרא קאָמישער איהר זענט, קאַליאַ !... גאָר נישט ! ביי מיר זיינען נאָר די נערווען אביסעל צורודערט ! דאָס איז אַ קלייניגקייט... וואָס־זשע האָט איהר זיך אזוי אָנגעבלאָזען, ווי אַ מויז אויף גרויפּען ? לאָמיר גאָר אַ לויף טאָהן ! דעריאָגט מיר... נו !

זי האָט אָנגעהויבען לויפען, אום צו בעהאַלטען די טרעהרען, וועלכע זי האָט שוין מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען, און קאַליאַ וויאַזאָווקין, אומגעלומפּערט און פערלוירען איז געלאָפען נאָך איהר און אַלץ אונטערגעשפּרונגען, און דער פּנים ביי איהם איז געווען אַ נאַרישער, ווי ביי אַ בּאַראַן, וועלכער שטויסט זיך אָן אונערוואַר־טעט אויף נייע טויערען.

4.

אַ דריי וויאָרסט פון דער זומער־וואָהנונג האָט מען געבויט אַן אייזענבאַהן און אבענד־צייט פלעגט מען פון הינטער׳ן וואַלד הערען אַ גרילצענדע פייפערייען פון לאָקאָמאָטיוו און געמוש פון די דאַמפ־מאַשינען. די אינזשענירען, וואָס האָבען געבויט די אייזענבאַהן, האָבען געוואָהנט אויף די ארומיגע דאַטשעס.

דריי זיינען זיי געווען : איינער אַן אַלטער, אַ בעווייבטער און אַ לאַנגווייליגער מענש, דער צווייטער — נאָך גאָר אַ אינגעל־עהנליך אויף אַ סטודענט, און דער דריטער — אַ פראַנט, זעהר אַ שעהנער מיט גרויס צוטרוי צו זיך. ער פלעגט שטענדיג זיין אין דאַטשנעם פּאַרק און זיך שאַרען ארום אַלע דאַמען, פלעגט עסען

אבענד־ברויט אויף דער וועראנדע פון רעסטאָראַן און אַלע מאָל אויסטרינקען אַ פלאַש שאַמפּאַניער פון אַ בעזונדערען סאָרט.

דער אַלטער אינזשעניר האָט אויף קיינעם קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געלעגט און האָט שטענדיג גערעדט נור וועגען דער אייזענבאַהן, דער יונגער פלעגט טראָגען אַ רובאַשקע און פּראָפּאַגאַנדירען צווישען זיינע אַרבייטער, און דער, וועלכער פלעגט ביים עסען טרינקען שאַמפּאַניער, האָט זיך גאַנץ גיך בעקאַנט מיט אַלע איינוואוינער פון די דאַטשעס, האָט געשפּיעלט „לאָן טעניס“ און ס׳האָט אויסגעוויזען, אַז ער טראַכט נאָר וועגען פרויען. מען האָט אונטערגעמורמעלט, אַז ער לעבט מיט יענער שעהנער אַקטריסע, וועלכע בעקאַנט זיך מיט קיינעם נישט, שפּיעלט אין לאָן־טעניס באַרוועסערהייד און האָט אַ שוועסטער אַ גימנאַזיסטקע: נאָך עטליכע פּיקאַנטע זאַכען פלעגט מען דערצעהלען וועגען איהר, זאַכען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו פערשיעדענע פּערזאָנען. אָבער די אַלע געשפּרעכען און קלאַנגען האָבען נור צוגעגעבען אַ בעזונדערע בעצויבערונג דעם הערן וויסאָצקי אין די אויגען פון די דאַטשנע דאַמען.

בעת לוגאַנאָוויטש האָט אַזוי בעליידיגט נינאַ׳ן, און זי איז געלאָפען איבער׳ן וואַלד מיט קאַליאַ וויאַזאָוקין, אַ פּאַרוויינטע, האָט דער אינזשעניר זי בעגעגענט און בעגלייט מיט די אויגען.

— אַ שעהן מיידעל! — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, בעת די שעהנע פרויען־פיגור איז פערשוואונדען אין וואַלד. דאַן איז ער אוועק צום פּאַרק, וואו ער האָט זיך בעגעגענט מיט לוגאַנאָוויטש׳ן און זיין דאַמע.

נישט קוקענדיג דערויף וואָס די דאַמע האָט אַרויסגעוויזען אונצופריעדענהייט, האָט ער זיך באַלד מיט זיי פּעראייניגט, זיך בעקענט מיט לוגאַנאָוויטש׳ן און ניפטיג אָנגעהויבען שפּאַסען פון זיין דאַמע.

זי האָט זיך געערגערט, לוגאַנאָוויטש האָט זיך געבלאָזען ווי אַ האָהן, אָבער וויסאָצקי האָט אויף איהר געקוקט רוהיג, מיט פרעכע אויגען, און איהר איז אַנדערש ניט געבליבען, ווי צו מאַכען אַן אָנשטעל, אַז זי נעהמט עס אָן פאַר אַן אונשולדיגען שפּאַס. זי האָט אָבער ענדליך ניט אויסגעהאַלטען און איז אַוועקגעגאַנגען אונטער דעם אויסרייד, אַז דער קאָפּ טהוט איהר וועה.

— ראַיסאַ וולאַדימיראָוונאַ, — האָט דער אינזשעניר איהר צוגעשריען, — איך וועל צו אייך אַריינגעהן פון אבענד... ער־לויבט ?...

פערדרוס און שרעק האָט זיך אויסגעדריקט אויף איהר שעהן געזיכט, פונדעסטוועגען האָט זי געוואָרפען אויף לונאַנאָוויטש׳ן אַ געהיימניספאָלען בליק וואָס האָט בעדייט: אין אַנדערם מאָל !

דער אינזשעניער האָט זיך באַלד געענדערט. ער האָט לונאַנאָ־וויטש׳ן פריינדליך גענומען אונטער׳ן אָרעם און אָנגעהויבען רע־דען אין אַזאַ טאָן, פונקט ווי זיי וואָלטען געווען אַלטע פריינד וואָס פערשטעהען גוט איינער דעם צווייטען.

צוערשט האָט דער סטודענט זיך בעצויגען צו איהם מיט פער־דאַכט, אָבער דער אינזשעניער איז געווען אַזוי ליעב, האָט אַזוי שאַרפזיניג אויסגעלאַכט די זייטען פון די דאַטשניקעס, אַז לונאַ־נאָוויטש, וועלכער האָט זיך געפיהלט געשמייכעלט פון דעם עלע־גאַנטען אינזשעניערס אויפמערקזאַמקייט, האָט ניט אויסגעהאַלטען זיין שטימונג און איז געוואָרען פרעהליך.

ענדליך זיינען זיי שוין געזעסען אויף דער וועראַנדע פון רעס־טאָראַן ביי אַ פלאַש שאַמפּאַניער וויין.

ס׳איז שוין געווען שפּעט, און שטיל איז אַרויסגעשוואומען די וואַרימע זומער נאַכט. איבער די שפּיצען פון די סאָסנעס האָבען שטערען געבלישטשעט. אין די פּאַרק־אַלעען, פאַר דער שיין פון די עלעקטרישע לעמפּלעך האָט מען נאָך געזעהען גרופען פון די דאַטש־ניקעס. עס האָט זיך געהערט אַ פרויען־געלעכטער און מענער שטימען. אויף די באַלקאָנען פון די זומער וואָהנונגען, דורך די דונקעלע בלעטער האָבען אויפגעבליצט פייערלעך. דער וואַלד איז דונקעל געוואָרען.

דער אינזשעניער און לונאַנאָוויטש האָבען גערעדט, נאַטירליך, וועגען פרויען.

דאָס איז אַזוי געוועהנליך, אַז בעת עס קלייבען זיך צונויף מאַנסלייט, רעדען זיי וועגען פרויען. זיי קענען רעדען וועגען וואָס איהר ווילט, — וועגען קונסט, פּאָליטיק, וועגען וויסענשאַפט און רעליגיאָן — אָבער זייער שמועס וועט ניט זיין אַזוי אָנגעשטריינגט און שאַרף, ווי דעמאָלט, בעת דאָס וואָרט „פרוי" געהט ניט אַראָב פון זייער צונג. עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט שטעהען פאַר זייערע אוי־

גען, ניט אנדערש, ווי א נאקעטע, ניט אנדערש, ווי א שעהנע און ניט אנדערש ווי א ליובאוויצע. מוטערס, פרויען, שוועסטער ווערען בעת מעשה אין גאנצען פערגעסען, ווערען ערגעץ־וואו פערלוירען, זיי ווערען וואכעדיג, לאנגווייליג און מען זעהט נור די פרוי אין גראבען זינן פון ווארט, דעם קערפער פון דער פרוי. און אויף דיזען פרויען־קערפער, פון יענער זאנדערבארער ביוזקייט, וואס שטאמט פון אן אונבעפרידיגטען באגעהר, פליהען שפייען וואס זיינען עהנליך אויף קושען, און קושען וואס זיינען עהנליך אויף שפייען.

— מיר ווייסען אלע גאנץ גוט, — האט דער אינזשיניער געזאגט, — אז קיינער פון אונז פיהלט נישט די קלענסטע אכטונג צו א פרוי... מיר אלע האלטען זיי פאר צולאזענע, פאלשע און צוגענגליכע. א מאנספארשוין האסט די פרוי, נאר ער פערפאלגט זי, ווי א זעהר פאלשטענדיגע געצייג פון ליידענשאפט, ביז וואנען זי איז יונג און שעהן. ווערט זי אבער אלט, ערוועקט איהר געשטאלט קיין זאך נישט, אויסער לאנגווייליגקייט, אין בעסטען פאל — עפעס א מין שפאסהאפטע פערעהרונג, ווי צו אנ׳אויסגעדיענטע ליובאוויצע. דאס הייסט — פענסיע פאר אנ׳אינוואליד, פאר אנ׳אלטען סאלדאט !... אט יענע אלע שעהנע ווערטער וועגען דער פרוי, וואס מיר לייענען אויף די זייטען פון די ליבעראלע צייטונגען און פאעטישע ווערק, זיינען פאר קיינעם ניט בינדענד אין פערזענליכען לעבען !... בעת מיר ווערען ענטציקט פון דעם אראמאט פון טורגעניעוו׳ס ריינע מיידלעך, אטהעמען מיר אין אמת׳ן נור איין דעמאלט דעם ריח פון א פרישען פרויען־קערפער. א פרוי אלס א חבר איז אונז ניט נאר ניט נויטיג, נאר זאגאר פיינדליך, ווארום דער ענדליכער טרוים פון א מאנספארשוין איז — א פרוי־שקלאפין, וועלכע איז אונטערטהעניג צו לאסקעם און וועלכע שטערט ניט זיין פרייהייט אין קיין זאך נישט. אומשולדיגע, ריינע מיידלעך זיינען אונז טהייער נור דערמיט, וואס מען קאן ביי זיי אוועקרויבען זייער אומשולד. בעת מיר קומען אין בעריהרונג מיט אנ׳אונשולדיגע מיידעל, איז אונזער ערשטע שטרעבונג — צו פערפיהרען זי. א מאנספארשוין ווערט פון קיין זאך נישט אזוי הינגעריסען, ווי פון דעם, בעת ער קאן האבען א מאראלישען און פיזישען זיעג אי־

ביי דער פרוי, פון קאמפף מיט איהר געפיהל פון שאנד, די ווילדע גראָבקייט צו בעצווינגען און פערכאפּען. און ווער ווייס, אפשר טאקי דאָס געפעהלט דער פרוי סוף־כל־סוף. כל זמן מיר זיינען יונג און נאאיוו, האָבען מיר אָפט מורא צו בעליידיגען א פרוי, מיר שפּיעלען זיך אין ערעלמוטה, און זי גליטשט זיך אונפּער־מיידליך ארוים פון אונז אין די הענד אריין פון א מעהר גראָבען און דרייסטען.

לוגאנאָוויטש האָט געשווינד א קוק געטהאָן אויפ׳ן אינזשע־ניער. איהם האָט זיך אָבגעדאכט, אז וויסאָצקי גיט אָן אָנצוהע־רעניש אויף איהם און נינא׳ן. ס׳איז ניט געווען דער קלענסטער גרונד דאָס צו פערדעכטיגען, ווייל דאָס מיידעל איז אפילו נישט געווען בעקאַנט מיט׳ן אינזשעניער. נאָר פון דעסטוועגען האָט אַן אונקלאָהרער געפיהל פון אייפערזוכט זיך א ריהר געטהאָן אין לוגאנאָוויטש׳ן און באַלד האָט ער זיך א כאפּ געטאָהן, אז ווי נאָ־ריש ער איז געווען דעמאָלט, אויפ׳ן בארג, בעת ער האָט אָבגעטראָ־טען פאר נינא׳ס ווידערשטאַנד. און האָט באַלד זיך געגעבען א וואָרט צו זיין א צווייטען מאָהל מעהר צודרינגליך און פאר קיין זאך נישט אָבטרעטען, מעג זיין איבערגעוואַלד.

דער אינזשעניער האָט קיין זאך נישט בעמערקט און האָט פּאָרטגעזעצט, קענטיג, אז ער אַליין איז היננעריסען געוואָרען פון זיין געשפּרעך. דאָס וואָרט „פרוי“ האָט ער ארויסגערעדט עפּעס אַזוי בעזאָנדערס, מיט אַזאַ ניואנס, אזוי ווי פון אַלע מענשליכע ווערטער איז נור דאָס וואָרט אַליין איהם געווען בעקאַנט ביז צום סוף.

— די הילפלאָזיגקייט פון דער פרוי, וועלכע מען נעהמט מיט געוואַלד, רופט גאָר נישט ארוים אין אונז מיטלייד און ענטריסטונג. זי רעגט אונז נאָר אויף. בעת מיר לייענען אין אַ צייטונג וועגען א הילפלאָזער מיידעל, וועלכע איז אַטאַקירט געוואָרען פון הוליגאַנעס, ווערען מיר ענט־ריסטעט אוים היפּאָקריטסטווא, אָבער אין אמת׳ן דורשטען מיר נאָך איינצעלהייטען און מיר זיינען מקנא פאר וואָס מיר זיינען צווישען זיי ניט געווען, כאָטש אַלס צושויער... אָ, ווען קיין קאָ־טאָרגע וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען !... ווען מען וואָלט היינט אָבגעשאפט יעדע שטראָף פאר אַזעלכע זאכען, וואָלט פון

אבענד שוין אויף דער וועלט ניט געבליבען קיין איין איינצעלנע ניט־אטאקירטע פרוי. מען וואלט זיי געכאפט איבעראל, אין די וועלדער, אין די סאלאנען, אין צימערען, אין די פענסיאנען, אין די גימנאזיעס און מאנאסטירען. ווארום אויף וואס דען דארפען מיר א פרוי ?... מיינט איהר דען, יונגער מאן, אז מיר וואלטען זיך ניט בעגאנגען אהן זיי אין אונזערע קונסטען, מלחמות, וויסענשאפטען און ארבייטען ?... סאלדאטען, דעפוטאטען, ארבייטער, ליטעראטען, פילאזאפען, צי דען נויטיגען זיי זיך אין דער הילף פון א פרוי ?... נעהמט פון איהר אוועק דאס, וואס גיט אונז גענוס, וועט די פרוי פאר אונז בלייבען נור אן איבעריגע מויל.

— טהיילווייז זענט איהר, קען זיין, גערעכט, — האט אונטערשלאסען לוגאנאוויטש איהם אבגעענטפערט, בערוישט פון דיזען צינישען אויסגוס, — אבער, מיר דאכט זיך, אז, צום ביישפיעל, אין קונסט...

— איהר מיינט געווים וועגען אקטריסעס ?... — האט דער אינזשעניער געפרעגט, — דערמיט לאזט געמאך !... פרובירט ארויסלאזען אויף דער ביהנע ניט קיין שעהנע פרוי, אדער אנשרייבען א פיעסע אהן א ספעציעלער ליעבעס־ראלע פאר א פרוי !... ניין, די פרוי אין קונסט איז נור אן אויפרייצענדער מיטעל און מעהר נישט!...

— און א פרוי־מוטער ?

— אך, יונגער מאן... — האט שפאסהאפט דער אינזשעניר א זיפץ געטאהן, — לאמיר אנרופען זאכען מיט זייערעווירקליכע נעמען : וואס אזוינס איז א מוטער ?... אן אפאראט אויף אויסצובריהען און אויסצושפייזען, אן אם און א ניאנקע ! פאר וואס־זשע זאל מען ארויסרעדען דאס ווארט „מוטער“ מיט בעגייסטערונג, מיט פאטהאס, בעת דאס ווארט „פאטער“ רעדט מען ארויס אזוי איינפאך ? איך האב קיין מאהל נישט געזעהען, אז א מאנספערשוין זאל שטאלצירען מיט זיין ראלע אין לעבען און זיין ראלע איז נישט ווייניגער עהרענהאפט.

לוגאנאוויטש האט נישט ווילענדיג זיך דערמאהנט אן זיין מוטער — א פרוי א לייכטזיניגע מיט א שווערען כאראקטער, ער האט זיך געפיהלט אונבעקוועם און אבגעענטפערט דעם אינזשעניער :

— נים אלע מוטערס זיינען נור אן אפאראט, ווי איהר דריקט

זיך אויס. ווייזט אויס, אז איהר האט קיין מאהל נישט געהאט קיין מוטער.

וויסאצקי האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט אזא קאמישע פערוואונדערונג, אז דער סטודענט איז רויט געווארען און זיך צו־בייזערט.

— איך מיין עס ניט אין בוכשטעבליכען זינן, נאטירליך... איהר האט געוויס פריה פערלוירען אייער מוטער אדער...

— א, ניין, — האט דער אינזשעניער איהם רוהיג איבערגע־האקט, — מיין מוטער לעבט נאך, און איך פערזיכער אייך, איך פיהל צו איהר די אויפריכטיגסטע צערטליכקייט... אבער דאס הייסט דאך, דענקען, ווי א בירגער... ווען א מענש קומט צו וועל־בע ניט איז שליסע, מוז דאס גראד זיין אויפ׳ן גרונד פון פערזענ־ליכע ערפאהרונגען און אייגענשאפטען ?... עפעס אזוי ווי אין שליסע, וואס קומען פון שכל, קען מען ניט געהען זאגאר געגען אייגענעם געפיהל ! מיין מוטער האט בעשטימט קיין זאך אזוינס ניט געטהאן, וואס זאל מיר קענען ענטווישען אין מוטערס בכלל. פארקעהרט, זי האט מיר זעהר געליעבט און איז געוועזן אן אויס־געצייכענטע ניאנקע.

— נאר א ניאנקע ?

— וואס דען זאל זי זיין ?

— א מוטער קאן זיין אן ערציהעריןָ, א פריינד...

— א פריינד, נאטירליך, קאן זי זיין, נאר וואס איז דאס פאר אזא פערדיענסט צו זיין א ווערמעס עס איז פריינד, און נאך מעהר, פון אן אייגענעם קליין הינטעל !... יעדער חזיר איז א פריינד פון זיין חזיר׳ל !... און וועגען ערציהונג, לאזט שוין בעסער צורוה ; א מענש ערציהט זיך נישט מיט די זיטען־לעהרען פון זיינע עלטע־רען, נאר מיט דער גאנצער אומגעבונג ארום איהם. און ווען מיר וואלטען זיך דייטליך פארשטעלען, ווי נישטיג עס איז די ראלע פון דער פרוי אין דער וועלט־קולטור, וואלט אונז קלאהר געווארען, אז א מוטער א ערציהעריןָ קאן נישט נעהן ווייטער פון איי־בי־סי, און דאס אפילו איז פערפאסט פון א מאנספארשוין.

— נו, ווייסט איהר — האט לוגאנאוויטש ערווידערט — מיט אזעלכע אנשויאונגען מוז זיין עקעלהאפטיג און אומעטיג צו לע־בען !... ווען איהר פערהאסט אזוי פרויען...

— ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך פאַרהאַס זיי?... איך שטעל זי נאָר אַוועק אויף דעם אָרט, וועלכער געהערט איהר לויט רעכט און פעהיגקייטען.

— אַ גוטער אָרט, כ'לעבען! — האָט לוגאַנאָוויטש אַבגעענט־פערט עמפּעהרט.

— דאָס איז פאַר איהר דער פּאסיגסטער אָרט — דער אָרט פון אַ ליובאָווניצע.

לוגאַנאָוויטש האָט נור געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— יאַ, — האָט דער אינזשעניער פאָרטגעזעצט נאָך אַ פּויזע.

— איך ווייס, אַז אין אונזער טוגענדהאַפטיגער געזעלשאַפט, אין אונזער הויך־מאָראַלישער געזעלשאַפט איז אָנגענומען זיך צו בע־ציהען מיט פעראַכטונג צו דעם, וועלכער זעהט אין דער פרוי פריהער פון אַלץ — די פרוי. אַזעלכע מענשען רופען מיר אויסגעלאַסענע, וואָהל־לוסטיגע, מיאוס'ע בעלי־תאות, און מיר זיינען טיעף איבער־צייגט, אַז, ערשטענס זיינען די אַלע נעמען איינס און דאָס זעלבע, און צווייטענס, אַז אַ וואָהל־לוסטיגער מענש, וואָס לעבט מיט ליי־דענשאַפטען, איז עפּעס אַ מין גראָבע חיה, וואָס האָט נישט קיין געפיהלען פאַר שעהנקייט און גוטעס, עפּעס אַ מין לעבעדיגע שמוץ, וואָס פלעקט די מענשהייט!... און דאָך ווייסען מיר, אַז אַלע גרויסע ווערק פון דער מענשליכער קונסט זיינען בעשאַפען גע־וואָרען פון די גרעסטע בעלי־תאות... און דאָס איז פערשטענדליך: קיין לעבען איז ניט אַזוי פאַרבען־רייך, און פאַלשטענדיג, ווי דאָס לעבען פון אַ וואָהל־לוסטיגען מענשען, פון אַ בעל־תאוה!...

— נו!... — האָט לוגאַנאָוויטש אַ ברום געטהאָן.

— געוויס!... נור בעשרענקטע, דומע באַלעבאַטים האַלטען זיך אויפ'ן גאַנצען לעבען מיט זייערע געזעצליכע „העלפטען", ביז צום איבלען. אָבער דער מענש, וואָס לעבט מיט ליידענשאַפטען איז אַ טרוימער. ער קאָן זיך ניט בענוגענען מיט אַ קיך־פרוי, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ווינדעלאַך, מיט געפעס און נאָך אַזעלכע זאַ־כען. ביי יעדער בעגעגעניש מיט אַ שעהנער פרוי לעבט ער איי־בער די יוגענד, די ענטציקונג פון ליעבע. די פרוי בילדעט פאַר איהם די גאַנצע וועלט, ער שאַרפט זיך שטענדיג די פרוי צו בע־גרייפען: פאַר איהם איז אַ ברונעטקע, אַ בלאָנדינקע, אַ ליידענ־שאַפטליכע, אַ קאַלטע, אַ מאָגערע, אַ פולע, אַ רויבערישע און וויי־

לענלאזע, א קלוגע און א נאאיווע, א גראבע „זי" און א צארט קינד, דאס אלץ — זיינען ענדלאזע ניואנסען! — אקארדען פון דער שעהנסטער סימפאניע, אן ערצעהלונג פון פערליעבטקייט !...

לוגאנאוויטש האט אויפ'ן אינזשעניער געקוקט מיט אן אפענער פערוואונדערונג, ער האט ניט פערשטאנען, צי ער שפאסט, אדער ער רעדט ערנסט. ענדליך איז ער אליין אויפגעברויזט געווארען. די ענדלאזע ווידערהאלונג פון דעם ווארט „פרוי" האט איהם אנ־געווארעמט. איטליכעס מאל, ווען דער אינזשעניער האט געברויכט דאס ווארט פרוי, איז פאר די אויגען פון יונגען מאן אויסגעוואק־סען אן אנדער פרויען־געשטאלט און דיעזע אלע געשטאלטען האָ־בען זיך צונויפגעגאסען אין איין וואהל־לוסטיגען טאנץ, וואס האט זיך פארבייגעטראגען פארביי איהם. ער האט געזעהן צושאטענע האר איבער נאקעטע שולטערן, שיכור'ע אויגען פון באגעהר, בויג־זאמע הענד, וואס זיינען אויסגעשטרעקט פאר אומארמונגען און לאסקעס.

ניט ווילענדיג האט זיך דער סטודענט דערמאהנט אן זיינע ניט־פיעלע בעגעגענישען מיט פרויען. ער האט זיך געשעהמט, פארוואס ער איז נאך אזוי אונערפאהרען אין דער וועלט, וואו דער אינזשעניער האט אלץ געוואוסט. ער האט איהם מקנא געווען. ווען וויסאצקי וואלט ביי איהם אין דיעזער מינוט געפרעגט, וויפיעל ליו־באוויניצעס ער האט געהאט, וואלט לוגאנאוויטש ניט געקענט אנ־רופען יענע צוויי דריי נעמען, וועלכע ער האט מיט שטאלץ געהיט אין זיין זכרון און וואלט געזאגט ליגען, ווי א אינגעל א בעריה־מער.

נאר דער אינזשעניער האט ביי איהם ניט געפרעגט. ער האט א קוק געטהאן אויף לוגאנאוויטש'ען און אונערווארטעט געזאגט מיט א פערמאסקירט־גלייכגילטיגען טאן:

— יא, צום ווארט, — ווער איז דאס פרייליין, מיט וועלכער איהר שפאצירט אפט אין פארק?... מאכט מיר בעקאנט מיט איהר.

פון אונערווארטקייט האט לוגאנאוויטש אויפגעציטערט. אין פערבינדונג מיט אלעם דעם, וואס דער אינזשעניער האט דא נור־וואס גערעדט, איז אין דער האזיגער בקשה געווען עפעס בעליי־דיגענדעס. אבער דעם אינזשעניער'ס בליק איז געווען אזוי קלאהר,

אז לוגאנאָוויטש האָט זיך ניט געקענט אַרויסווייזן פאַר אַ נאַאיווען אינגעל, דאָס וואָלט פאַר איהם געווען איבער די קרעפטען. און, זיך בעמיהענדיג אויסצואווייזן גלייכגילטיג, האָט ער געענטפערט:

— אַ, מיט נינאַ'ן?... פאַר וואָס ניט, מיט פערגניגען!...

און לוגאנאָוויטש האָט זיך געסטאַרעט צו פערגעסען, אַז אין דער מינוט האָט ער שיער ניט געזאָגט „נינקא“, אַנשטאָט נינאַ, און האָט ניט געקענט בעהאַלטען דעם בעריהמערישען שמייכעל פון אַ גליקליכען ליובאָווניק.

— הייסט עס, איהר וועט מיר מיט איהר בעקאַנט מאַכען... אויף אייער וואָרט?... — איז דער אינזשעניער בעשטאַנען.

— זיכער, וואָרום ניט? — האָט לוגאנאָוויטש געענטפערט.

און ער האָט געפיהלט אַזאַ שאַנדע, פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט בעגאַנגען עפּעס אַ פעררעטה.

און עפּעס אַזוי ווי דער אינזשעניער וואָלט נור דאָס בעדאַרפט. בעקומענדיג פון לוגאנאָוויטש'ען דעם צוזאָג איהם בעקאַנט צו מאַכען מיט דער מיידעל, איז וויסאָצקי אויפגעשטאַנען, זיך אַ ציה געטהאָן און פויל אַרויסגעמורמעלט:

— דאָס איז שעהן, מיר האָט זיך שוין דאָס לאַנג געוועלט. און איצט, איז שוין אונז צייט צו געהן אהיים. שוין שפּעט.

ער האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן שטעקען אָן טיש און אויסגעשריען צום לאַקיי:

— געה הינטער מיר.

דאָן, ניט קוקענדיג, האָט ער נאַכלעסיג אויסגעשטרעקט די האַנד.

— אַזוי איז דאָס, יונגער מאַן! צום ווידערזעהן!... גוט נאַכט. גריסט נינאָטשקען.

לוגאנאָוויטש האָט זיך פערלוירען און האָט אַ ווילע געקוקט אויפ'ן רוקען פון אינזשעניער, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזען פון די טרעפּלעך אין דער פינסטערקייט פון פּאַרק. דער סטודענט וואָלט נישט געקאָנט ערקלעהרען, וואָס עס איז געשעהן, נאָר דאָס גאַנצע בלוט איז איהם צוגעלאָפען צום קאָפּ. אַ ווילדער צאָרן האָט איהם פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט. זייענדיג אַוויסער זיך, נאָך אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך'ן אינזשעניער.

ער האט דעריאגט וויסאצקי׳ן אויף דער הויפט־אלעע, וואס פיהרט צום פארק־ארויסגאנג. אומעטום זיינען שוין די פייערן גע־ וועז אויסגעלאשען, נאר דא אויף דעם ברייטען וואלד־וועג, וואס איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט ווייסליכע ציעגעל, איז געווען ליכטיגער, און ביים בלאסען אבגלאנץ פון די שטערען האט דעם אינזשעניער׳ס געזיכט זיך אויסגעוויזען שרעקליך בלאס, און זיין בארד שווארצער פון סאזשע.

— א, דאס זיינט איהר? וואס גוטס?... — האט דער אינ־ זשעניער געפרעגט נאכלעסיג, זיך האלב־אומקעהרענדיג צו לוגא־ נאוויטש׳ען.

און עפעס אזוי ווי ער וואלט געטראפען, וואס עס איז פאר־ געקומען ביים סטודענט אין דער נשמה, האט ער איהם מיט אן אונבעגרייפליכער חוצפה געכאפט אונטער׳ן ארעם, און ניט לאזענדיג איהם אויסריידען אווארט, האט ער געזאגט:

— און יענע דאמעלע איז גאר ניש׳קשה׳דיג!... יענע, מיט דעם איינזאץ אויף דער קלייד... א גאנץ אנציהענדע דאמע!... איך בין אייך מקנא! אויפריכטיג מקנא! א פרוי א פייער!...

דער אינזשעניער האט לוגאנאוויטשען גאר אראבגעשלאגען פון טאלק. נישט ווילענדיג האט זיך ביי איהם דאס מויל געעפענט אויף א שמייכעל צו טאהן. דער אינזשעניער האט איהם אריינגע־ קוקט גלייך אין די אויגען און געזאגט:

— און אייער נינאטשקע איז נאך בעסער פון יענער!... א וואוילינקע, א מיידעלע א גאלד! יונגערמאן, גע ניצט ניט!...

וויסאצקי האט נאך דערצו צוגעגעבען א שרעקליך גראבען און שמוציגען ווארט, האט זיך צולאכט, שטארק א טרייסעל געטאהן לוגאנאוויטש׳עם עלענבויגען און געשווינד זיך אבגעטראגען.

לוגאנאוויטש האט זיך אינגאנצען פערלוירען און איז געבלי־ בען אויף אן ארט.

פון דער פינסטערקייט האט זיך אונערווארטעט דערטראגען דעם אינזשעניער׳ס שטימע:

— אך, יא... ווענען דעם שאמפאניער בעאונרוהיגט זיך ניט!... איך צאהל אלע מאל אליין. גוט נאכט! פערגעסט ניט ווענען נינאטשקען!...

לוגאנאוויטש האט א ציטער געטאהן, ווי פון א שלאג, האט

זיך אנגעצונדען, צונויפגעדריקט די פויסטען און זיך א לאז געטאהן נאכ'ן אינזשעניער. נאר יענער איז שוין ניט געווען. עס קען זיין ער האט זיך פערנומען אין א זייט־אלעע. נאר לוגאנאווויטש איז גרייט געווען צו שווערען, אז וויסאצקי האט גאר איינפאך זיך בעהאלטען ערגעץ־וואו.

.5

דער גאנצער הימעל איז געווען אויסגעשאטען מיט שטערען. זיי האבען געוואונקען און זיך בעוועגט ווי לעבעדיגע, האבען פול געמאכט דעם ברייטען הימעלס־געוועלב מיט אן אונענדליכער בעוועגונג. אויף דער ערד איז אבער געווען שטילקייט און שלאף. די ווייסע זומער־שטיבלעך האבען זיך ניט דייטליך געוויסט אונטער די ביימער. די פינסטערקייט האט זיך געשטרויכעלט צווישען די שטאמען פון די סאסנעס און האט געפויזעט אויף די בלאסע פעלדער, וואו די גראזען און די בלומען זיינען געהאנגען שלאפענדיגע. די לופט איז געווען געווירציג און שטיקענד.

פון די שאמפאניער און אויפרעגונג האט זיך ביי לוגאנאווויטש'ען געדרעהט דער קאפ און דאס הארץ אומרוהיג געקלאפט. פערזונקען אין זיינע געדאנקען, האט ער שוין צוויי שעה ארומגעבלאנדזשעט אין דער הערשאפט פון דער נאכט, און אלץ האט זיך איהם אויסגעוויזען אזוי מאדנע און זאנדערבאר, פונקט ווי ער וואלט די נאכט געזעהן דאס ערשטע מאל.

ניט ווילענדיג האט ער פארזיכטיג אריינגעבליקט אין דער פינסטערקייט אונטער די ביימער, וואו עס האבען זיך געוויזען שאטענס אין פארמע פון געשטאלטען, וועלכע האבען זיך אנידערגעזעצט און עפעס נאכגעשפירט. לוגאנאווויטש האט געטראכט וועגען דעם אינזשעניער, און זיינע טריט האבען הילכיג געסקריפעט איבער די הילצערנע בריקלעך, וואס זיינען געווען אויסגעלעגט אין דער לענג פון די דאטשעס. — ווי אזוי האט ער געוואגט אזוי צו רעדען וועגען נינא'ן ? — האט לוגאנאווויטש געטראכט. — פאר וועמען האלט ער מיר ? האלט ער דען מיר פאר אזא נידערטרעכטיגען יונג, ווי ער אליין איז, אדער פאר א נארישען אינגעל ?... א נידערטרעכטיגער יונג אזא !... ער האט אפילו זיך ניט בעמיהט צו בעהאלטען זיינע אבזיכטען !...

דעם אינזשעניער'ס אבזיכטען האבען זיך גאנץ ציניש פארגע־שטעלט לוגאנאוויטש'ען און זיינען פאר איהם געווען גאנץ דייט־ליך: ער האט שוין געזעהן די צארטע און ריינע נינא אין די ארעמס פון אינזשעניער. לוגאנאוויטש'עס פויסטען האבען אינ־סטינקטיוו זיך צונויפגעדריקט. ער האט זיך דערמאנט דעם אינ־זשעניער'ס ווערטער וועגען דעם, אז יונגע מאנסליים, אויס נאריי־שען עדעלמוטה, גיבען אפט אוועק פרויען צו אנדערע, מעהר־ברעכע, און האט בעת מעשה דערפיהלט אז ער איז איינער פון דיע־זע נארישע יונגע מאנסלייט־ריטער. און וויפיעל וועט עס דער אינ־זשינער לאבען פון איהם, ווען ער וועט נינא'ן בעהערשען!... צארן און איפערזוכט האט ארומגעכאפט לוגאנאוויטש'ען, און כאטש אויסרעכענענדיג גאנץ גענוי, אז היינטיגע נאכט קען אין יעדען פאל קיין זאך ניט טרעפען, האט ער פונדעסטוועגען זיך אומגע־קעהרט און איז כמעט געלאפען צו דער זומער וואהנונג, וואו דאס מיידעל האט געוואהנט.

דאס הארץ האט ביי איהם שטארק געקלאפט, בעת ער האט דורך דעם שטאכעטען־פארקאן דערזעהן דעם פוסטען הויף, די בע־קאנטע אלטע צווישען די דינענקע סאסנע־בוימעלעך און דעם דונ־קעלען פערשלאסענעם גאניק פון דעם זומער הייזעל.

ניט איין פייערל האט זיך געזעהן דורך די בלינדע פענסטער. א פאלשטענדיגע שטילקייט איז געשטאנען ארום, שטילקייט און שלאף. ווי פער'כישוף'טע זיינען אומבעוועגליך געשטאנען די בוימ־לעך, ווי אבגעשטארבענע און פון דעם דערבייאיגען וואלד האט געוועהט א דיקער, שרעקענדער חושך.

לוגאנאוויטש איז שטיל ארומגעגאנגען ארום דער דאטשע, איז ארויס אויפ'ן וועג אין פעלד, איז לאנג געשטאנען אויפ'ן ראג און געקוקט אויף די לאנגע לאנקעס, וואס ציהען זיך אין דער פינסטערקייט און אויפ'ן ברייטען אויסגעשטערנטען הימעל. א גע־פיהל פון טיעפער איינזאמקייט האט איהם אנגענומען און באלד האט זיך איהם ביז וועהטאג פערגלוסט א פרויען־לאסקע. ער האט זיך פארגעשטעלט נינא'ן, ווי זי שלאפט איצט, איינגעדרעהט, ווי א קנויל, איהרע ליכטיגע, פוכיגע און גערייבטע האר, — צושאטען אויף דער קיסען — און ער האט א ציטער געטהאן פון באגעהר צו זיין נאהענט לעבען איהר.

— ליעבע !... — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און איהם האָט זיך פערוואָלט אין דער הויך אַרויסריידען איהר נאָמען.

אָבער רונד און אַרום איז געשטאַנען אַזאַ שטילקייט, אַז די ווערטער זיינען פון צונג ניט אַראָב.

— נינאַ !... נינאַטשקאַ !... — האָט ער ענדליך פון זיך אַרויסגעדריקט מיט אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג און האָט אַליין אַ ציטער געטהאָן פון זיין שטימע, אַזוי מאָדנע הויך און אומבעקאַנט האָט דיאַ שטימע איהם אויסגעוויעזען אין דער שטילקייט און אין דער אומבעוועגליכקייט פון דער נאַכט.

לוגאַנאָוויטש האָט זאָגאַר ניט ווילענדיג זיך אַרומגעקוקט, אָבער אַלץ אַרום איז געווען פוסט און שטיל, און געהיימניספול האָבען זיך געשוואַרצט די פענסטער אַרום דער פערשלאָסענער דאַטשע.

ער האָט זיך שוין געקליבען אָוועקצוגעהען, ווען עפּעס האָט אָנגעהויבען שאַרכען אַרום איהם, בייז זיך אַרומדרעהען און האַווקען. דאָס איז געווען דאָס הינטעל פון דער דערבייאיגער דאַטשע.

— אַ, די שדים זאָלען איהם נעהמען ! — האָט לוגאַנאָוויטש אַ ציטער געטהאָן, פיהלענדיג, ווי מוראשקעס וואָלטען דורכגעלאָפען איבער זיין רוקען.

דאָס הינטעל האָט זיך געוואָרפען אויפ׳ן פּאַרקאַן, האָט גע־רימשעט און זיך פערבלינעט פון בייזקייט.

— אוועק דו, פערפלוכטער !... — האָט ער דורך די צייהן דורכגעזייהט און זיך פערמאָסטען, מורא האָבענדיג, אַז דאָס בילען וועט אַלעמען אין הויז אויפוועקען.

דאָס הינטעל האָט פאַר בייזקייט זיך צונאָסען אין אַ הילכיגען געביל און זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער פּאַרקאַן האָט געטרעשטשעט. דאָס בילען, ווי ס׳האָט געדוכט, האָט ווירקליך געקאָנט אויפוועקען אַ גאַנצען בית עולם.

לוגאַנאָוויטש איז אויף די פוס־פינגער אָבגעלאָפען אין אַ זייט און איז אוועק ווייטער, אָבער דאָס פערפלוכטע הינטעל האָט אפילו נישט געטראַכט זיך צו בערוהיגען. לוגאַנאָוויטש האָט דער־הערט פערשלאָפענע שטימען, און דאָס הינטעל האָט נאָך שטאַר־קער זיך צונאָסען.

— מעהר פעהלט מיר ניט ווי דאָס, אַז מען זאָל מיר פאַר אַ

גאַנב אָנגעהמען !... — האָט דער סטודענט אַ טראַכט געטהאָן און האָט אָנגעהויבען שפּרייזען האַסטיגער, ניט איבער די הילצערנע בריקלעך, נאָר איבער'ן ווייכען טהויאיגען גראָז.

נאָך לאַנג האָט זיך פון דער ווייטענס דערטראָגען דאָס בילען פון הינטעל, ווערכער, ווי עס ווייזט אויס, האָט איהם נאָך אַלץ גע־שפּירט. ענדליך, איז אַלץ ארום ווידער שטיל געבליבען און לו־גאַנאָוויטש האָט רוהיג זיך אָבגעזיפצט.

— אָט איז אַ פערפלוכט הינטעל !...

ער האָט זיך ארומגעקוקט און בעמערקט, אַז ס'איז געוואָרען ליכטיגער.

די זומערדיגע נאַכט איז זיך געגאַנגען צו איהר ענד. דער באַגינען האָט זיך דערנעהנטערט. ערגעץ־וואו ווייט, אויף אַ דאָרף, האָט זיך אַ האָהן געלאָזט הערען.

„שוין באַלד טאָג" — האָט לוגאַנאָוויטש אַ טראַכט געטהאָן און איהם איז פאַרגעקומען אזוי זאָנדערבאַר, וואָס ער האָט ארומ־געבלאָנדזשעט די גאַנצע נאַכט, אליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס.

אָבער בעת ער האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז מ'דאַרף געהען שלאָפען, האָט זיך אין איהם ווידער אַמאָל אַ הויב געטהאָן דער באַגעהר. עפּעס האָט ער אָנגעהויבען בעדויערען, דאָס, וואָס האָט געקאָנט זיין, און ניט געוועזען. און דורך דער צערטליכקייט צו נינאַ'ן, וואָס האָט איהם איצט ארומגעכאַפּט, האָט זיך דורכגעריסען אַ טהירישער פּערדרוס :

— פערשטעהט זי דען ניט, ווי נויטיג זי איז מיר ?... און ווי גוט ס'האָט געקאָנט זיין !...

אַ זיסע מיעדקייט איז דורכגעלאָפען דורך זיין קערפּער ביי דיעזען געדאַנק, און פּלוצלונג איז איהם ארויף אויפ'ן זינען אַנ־אַנדער פרוי :

— אַך, וועו...

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ, מיט איהרע שווארצע אונטערגעפאַרבטע אויגען, העל־רויטע ליפּען, אזאַ דרייסטע, אָפענהערציגע און צוגענגליכע. נאָר איין אויגענבליק איז איהם געוועזען אבשטויסענד וועקצוזשטעלען איהר זינדיגען גע־שטאַלט אין איין רייהע מיט דער ליעבער, ריינער נינאַ'ן. דער־נאָך אָבער איז אונטערגעקומען אַ דונקעלער געדאַנק :

— זי אַליין איז שולדיג !... פאַר וואָס האָט זי זיך איינגע־עקשנ'ט !...

לונאַנאָוויטש איז א ווײַלע געשטאַנען, אַרומגעכאַפּט פון פרע־כע אויסרעכענונגען. א מאָדנער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אַרום זיינע ליפּען. דער געדאַנק, וואָס איז איהם אַרויף אויפ'ן זינען האָט איהם אַליין געשראָקען און אויסגעוויזען פאַלשטענדיג ווילד.

— און אפשר?... האָט איהם א בליץ געטהאָן אין געדאַנק.

און זיך אַליין ניט גלויבענדיג, האָט לונאַנאָוויטש אונענט־שלאָסען זיך אומגעקעהרט און איז אוועק צו דער דאַטשע, וואו עס האָט געוואוינט ראַאיסא וולאַדימיראָוונא.

6.

ווײַזט אויס, ערגעץ וואו הינטער'ן וואַלד האָט שוין געטאָגט, ווייל די שטאַמען פון די סאָסנעס האָבען העל אָבגעשלאָגען פון דער פינסטערקייט און דער צווישען־רוים איז גרוי געוואָרען. אויף די ווענט פון דער דאַטשע איז געלעגען א בלוליכער שיין. אויפ'ן הויף איז די גראָז העלער געוואָרען און פון ערגעץוואו האָט א ציה געטהאָן א שאַרפער ווינטעלע. די שטערען האָבען זיך אזוי ווי פערטיעפט אין דער בלויקייט פון בלאַס געוואָרענעם הימעל.

לונאַנאָוויטש איז געשטאַנען פאַר דער פאָרטקע און וואַכ־זאַם זיך צוגעהאָרכט. זיינע אויגען זיינען באַלד געוואָרען שאַרפ־זיכטיג, דער געהער דין, די בעיועגונגען געשווינד און געשיקט.

ער האָט נאָך אַלץ ניט געגלויבט דאָס, וואָס ער האָט זיך פער־נומען צו טהאָן. ס'איז געווען שענדליך און שרעקליך. ס'האָט זיך געדאַכט, אז דאָס איז פאַלשטענדיג אוממעגליך. און טאָמער האָט זי דאָס גאָר אין זינען ניט געהאַט, און ס'וועט אויסקומען נאַריש און מיאוס ?...

אָבער דער דונקעלער באַגעהר איז שוין געווען שטאַרקער פון דער איבערלייגונגס־קראַפט. נינא איז באַלד אַרויסגעפלויגען פון זיין קאָפּ, און נור צודרינגליכע פאָרשטעלונגען וועגען ראַאיסא וולאַדימיראָוונא מיט איהרע אומפערשעהמטע אויגען, זיינען גע־שטאַנען פאַר איהם.

פיהלענדיג ווי די קניע בויגען זיך אונטער איהם, האָט לו־נאַנאָוויטש געעפענט די פאָרטקע, איז אויף די שפּיצען פינגער

בגעלאָפען דעם גאַנצען הויף אום, ווי א גנב, זיך פערשטעקט הינטער'ן ווינקעל פון הויז. איהם האָט זיך אָבגעדוכט, אז פון אַלע זייטען זעהט מען איהם און מען שפּירט איהם נאָך. דאָס הארץ האָט געקלאַפּט וואַהנזיניג.

אויף דער זייט פון דער דאַטשע איז געשטאַנען א קליין סעדעל אַרומגערינגעלט מיט אָקאַרשט פאַרזעצטע פרוכט בוימלעך. הינטערן סעדעל האָבען זיך געצויגען גערטנער, און נאָך ווייטער האָט זיך געזעהען א קאַלטער ווייסער שטרייף פון דעם באַגינענדיגען נעבעל איבער'ן טייך. ס'איז עפּעס געווען בעזונדער פוסט און ליכטיג.

אויף דער וואַנט פון הויז, זאַנדערבאַר און אונערוואַרטעט האָט זיך געזעהן אַן אָפענער פענסטער, ווי א גרויסער, טיעף־שוואַרצער פלעק.

— איך שלאָף אַלע מאָל מיט אַן אָפענעם פענסטער !... — האָט לוגאַנאָוויטש זיך דערמאָהנט א כיטרע פּרויען־שטימע אין וועלכער עס האָט געקלונגען אַן אָפענע און צינישע אָנצוהערעניש.

דער קאָפּ האָט זיך ביי איהם פערדרעהט. לוגאַנאָוויטש האָט זיך צוגעגנב'עט צום סאַמע פענסטער און זיך צוגעהאָרכט. אין קאַמער איז געווען שטיל און פינסטער, אָבער דער סטודענט האָט געהערט א מאָס־אויסגעהאַלטענע אָטהעמונג. ס'קאָן זיין, איהם האָט זיך דאָס אויסגעדאַכט, ווייל איהם האָט גערוישט אין די אויערן.

— ראַאיסא וולאַדימיראָוונא... ! — האָט לוגאַנאָוויטש אַרויסגעאָטהעמט.

קיינער האָט ניט געענטפערט, נאָר א פויגעל האָט א שאָרך געטהאָן אויף א שפּיץ בוים. — ראַאיסא וולאַדימיראָוונא !... — האָט לוגאַנאָוויטש ווידערהאָלט אביסעל העכער און אָבגעלעקט זיינע טרוקענע ליפּען.

עפּעס־וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען אין צימער און וויעדער שטיל געוואָרען.

— ראַאיסא וולאַדימיראָוונא !... — האָט דער סטודענט א דריטען מאָל זי גערופען כמעט הויך. ער האָט זיך שוין מעהר נישט געקענט בעהערשען און איז גרייט געווען אויף אַלץ.

עס האָט זיך דערהערט א שטאַרקערער שאָרך און א פער־

שלאָפענע פרויען־שטימע, האָט עפּעס געפרעגט פון דער פינסטער־ניש. לוגאַנאָוויטש האָט דערפיהלט, אז פון שוואכקייט בויגען זיך איהם אונטער די פיס. געזעהען האָט ער גאָר נישט, אויסער דעם שווארצען פיער־עק פון פענסטער.

פלוצלינג האָט די פינסטערקייט אין פענסטער אָנגעהויבען בעוועגען זיך: עפּעס ווייסעס איז אין איהם ארויסגעשוואומען, און פון דער פינסטערקייט האָט אָבגעשלאָגען א שעהנער, זאַנדער־באר בלאסער פרויען־קערפּער, מיט שווארצע אויגען און מיט שווארצע פונאַנדער־געלאָזטע האָאָר.

זי האָט מיט שרעק געקוקט אויף לוגאַנאָוויטש'ן, און דער סטודענט האָט איהר געענטפערט מיט א קרומען, נארישען שמייכעל.

— ווער איז דאָס ?... — האָט ראאיסא וולאַדימיראָוונא אונרוהיג געפרעגט און באלד איהם דערקאַנט.

אין זיינע אויגען האָט זיך באלד געביטען דער אויסדרוק, עפּעס זינדיגס און לעסטערהאפטיגעס איז אין זיי דורכגעלאָפען.

— משוגע'נער !... — האָט זי ארויסגעפליסטערט. — פון וואַנען קומט איהר ?...

ער האָט געוואָלט ענטפערן און ניט געקאָנט. ראאיסא וולאַדימיראָוונא האָט פארשעמט אויף איהם א קוק געטהאָן, האָט גע־שווינד זיך ארומגעקוקט און אויסגעשטרעקט איהר נאקעטע האנד.

לוגאַנאָוויטש האָט איהר האנד א חאפּ געטהאָן און דורשטיג געקושט.

— משוגענער !... — האָט זי ווידערהאָלט און ווידער אמאָל זיך ארומגעקוקט.

דער סטודענט האָט מיט א קרומען זינדיגען שמייכעל איהר געקוקט אין די אויגען און אויף איהרע ענטבלויזטע שולטערן, אויף וועלכע עס זיינען געווען צוואוואָרפען איהרע שוואַרצע האָר. לו־גאַנאָוויטש האָט נאָך אַלץ פעסט געהאַלטען איהר האנד און זי גע־צויגען צו זיך צו. איהר איז געווען אונבעקוועהם צו שטעהען ביים פענסטער און זי האָט געוואָלט ארויסרייסען איהר האנד.

— לאָזט מיר אָב !... — האָט זי ארויסגעפליסטערט. — מען וועט דערזעהען !...

אָבער דער סטודענט איז ארויפגעשפרונגען אויף'ן קארניז און

גראָב זי אַ שלעפּ געטהאָן צו זיך. די פרוי איז מיט איהר ווייסען ברענענדיגען קערפּער צוגעפּאַלען צו איהם. ער האָט דורשטיג גע־זוכט מיט די ליפּען, האָט דערזעהען נאָהענט שווארצע, עפּעס מאָד־נע אויפמערקזאם בליקענדע אויגען, האָט דערפיהלט אַ עלאַסטישע שווערקייט פון איהר קערפּער און מיט גאָר די קרעפטען געדריקט זי אין זיינע אומארמונגען.

ראַאיסאַ האָט זיך ארויסגעריסען, מיט שכור'ע אויגען און מיט אַ זאָנדערבאַר שמייכלענדען מויל.

— קומט אהער... — האָט זי ארויסגעפּליסטערט קוים הער־באַר און, ניט ארויסלאָזענדיג זיין האנד, איז זי אָבגעגאַנגען אויף צוריק, אין דער פינסטער.

לוגאַנאָוויטש האָט אונגעשיקט, זיך העלפענדיג מיט איין האנד, אריבערגעקלעטערט איבער'ן קארניז און זיך ארונטערגעלאָזט אין אַ שטיקענדען שווארצען אָבגרונד, קיין זאך נישט זעהענדיג און ניט וויסענדיג, וואו ער איז.

אַ פּאָר נאַקעטע ברענענדיגע הענד האָבען איהם געפונען און זיבער אוועקגעצויגען ערגיץ־וואו.

7.

ס'איז שוין געווען גאנץ ליכטיג און אין האָרף זיינען שוין די פויערטעס געגאַנגען אויפ'ן מאַרק, בעת לוגאַנאָוויטש האָט געשווינד געשפּאַנט אהיים. די זון איז נאָך געשטאַנען נידריג און איהרע בלענדענד־העלע קרומע שטראַהלען זיינען שאַרף געפּאַלען אויף יע־דען ערד־בערגעל איבער'ן וועג. דאָס גרינס איז געווען פריש און ריין, דער הימעל דורכזיכטיג, און וואָלקענדלעך, ווי צוריסענע פּע־דערען, האָבען זיך הויך געקרייזעלט איבער דער ערד. קיה האָבען געברומט, פון די קוימענס האָט זיך געהויבען אַ לייכטער, שוואַרץ־בלויער רויך, וואָס האָט זיך גערויטעלט אויף דער זון. ס'האָבען זיך געהערט מונטערע הויכע שטימען, דאָס סקריפּען פון טויערען און אַ הילכיג־פריידיגעס פּיפּטשען פון פויגלען, וועלכע זיינען געווען געררייצט פון דער העלער זון און פון פרישען מאָרגען.

נור די דאַטשעס האָבען אויסגעזעהן ווי פריהער, די פענסטער רינקעל, בלינד, און ארום זיי איז געווען ליידיג און שטיל.

לוגאַנאָוויטש איז געגאַנגען, פיהלענדיג זיך יונג, שטאַרק און שטאָלץ, ווי אַ זיעגער.

ער האָט נאַרנישט געטראַכט וועגן דעם. אַז ראַאיסאַ וולאַדי־מיראָוונאַ איז נאָך פון פריהער קיין צנועה נישט געווען, און אַז פיעלע אַנדערע האָבען נאָך פריהער פון איהם געהאַט אַזעלכע זיע־גען. ער האָט נור איבערגערעכענט, וויפיעל אַזעלכע זיעגען ער האָט געהאַט אין לעבען און ער איז געווען שטאָלץ, ער האָט זיך געפיהלט גוט און קרעפטיג. פאַר זיינע אויגען איז נאָך געשטאַנען די גאַנצע סצענע פון דער נאַכט און דער שוואַרצער אַבגרונד, וואו ער האָט זיך מיט אַזאַ'ן אימפעט אריינגעוואָרפען.

ער האָט זיך נאַר אביסעל געשעהמט, בעת די פויערטעס האָבען איהם בעגלייט מיט זייערע בליקען, און ס'האָט זיך איהם געדאַכט. אַז זיי כאַפּען טרעפען פון וואַנען ער געהט.

אין דער־היים, אויף דער דאַטשע, האָבען נאָך אַלע געשלאָפען, אָבער די טיהר אויפ'ן באַלקאָן איז געווען אָפען און די טרעפּלאַך פון נאַניק זיינען געווען נאַס און בלישצעדיג. די דיענסט, די קלייד הויך ארויפגעצויגען, האָט געוואַשען די דילען און האָט איהם בעגעגענט מיט אַ גלייכגילטיג־פערוואונדערטען בליק. לוגאַנאָוויטש איז געשווינד פערביייגעגאַנגען פערביי איהר און פערדריגעלט די טיהר אין זיין קאַמער.

דאָ איז געווען גאַר ליכטיג, ניט קוקענדיג אויף די פערמאַכ־טע לאָדענס. דורך אַלע שפּאַלטען האָט אריינגעשטראָמט די העלע זונען־שיין, און קרומע, שטויביגע שטרייפען, זיך איבערגיסענדיג און שפּיעלענדיג, האָבען זיך געצויגען דורך'ן גאַנצען קאַמער. עס איז געווען שטיקענד.

לוגאַנאָוויטש האָט געשווינד זיך אויסגעטהאָן און געלעגט, אָבוואָהל עס איז געווען עפּעס מאָדנע זיך צו לייגען שלאָפען, בעת ארום איז אַזוי ליכטיג. נאָר בעת ער האָט אויסגעצויגען די מיע־דע פיס איבער'ן פרישען קיהלבליכען ליילעך, האָט ער זיך געפיהלט צופריעדען פון דער רוהע, ער האָט זיך זאָגאָר צולאַכט פון פרייד.

„ אַ גוטע זאַך איז דאָס לעבען !...“ — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.

און אָט דאָס געפיהל פון אַ פאַלשטענדיגער פיזישער בעפריע־דיגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז בעת דער סטודענט האָט זיך דערמאָנט וועגען נינאַ'ן און האָט ערשט פערשטאַנען, אַז ער האָט איהר פעררעטהען, האָט שוין דאָס ניט געקענט איבערשטייגען די

ענטציקונג און צופריעדענהייט פון א יונגען, געזונטען און קרעפּ־טיגען קערפּער.

— נו, איז וואָס איז... אליין שולדיג איז זי — האָט ער ווידער אמאָל געטראַכט, בערוהיגענדיג דאָס האַרץ, וואו ס'האָט איהם עפּעס א שמאָך געטהאָן. און דערביי איז איהם אין קאָפּ דורכגעפלויגען א חיטרער, געשווינדער געדאַנק: — און זי וועט דאָך וועגען דעם נישט געוואָהר ווערען!...

און איינשלאָפענדיג אויגענבליקליך מיט א געזונדען שלאָף, האָט לוגאַנאָוויטש'ן זיך געפלאָנטערט נינא, ראַאיסא און נאָך פיעל אזעלכע יונגע, שעהנע פרויען און האָט געשפּירט דערביי אַן ענד־לאָזע לעבענס־פרייד.

8.

נינא און קאָליא וויאַזאָווקין זיינען זאַלבענאַנד געגאַנגען אין וואַלד. אלץ ארום איז געווען דורכגעדרונגען מיט זון און היץ. אונ־טער די פיס האָבען זיך געגליטשט די טרוקענע שטאכעל־דאָרנדלעך פון די סאָסנעס און ס'האָבען געטרעשצעט די האַלב צופוילטע שיש־קעס. קאָליא וויאַזאָווקין איז געוואָרען אזוי אויסגעשוויצט, אַז ס'האָט זיך פון איהם געגאָסען. און נינא האָט זיך אויך צורויטעלט. בעת דער ברייטער אויסשניט פון איהר לייכטער בלוזע איז זיך צו־לאָפען פון דער בעוועגונג, האָט זיך בעוויזען אויף איהר ברוסט און רוקען א צאַרטע לייכטע אָבגעברענטקייט פון דער זון, וואָס האָט פערכאַפּט פון ביידע זייטען אין דער פאָרם פון א דריי־עק. ס'האָט פון איהר געשלאָגען מיט יוגענד, געזונט און פרישקייט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אז זי קאָן אזוי ניט ליידען פון היץ און שוויים, ווי אנדערע מענשען.

אין וואַלד האָבען זיך געטראָגען פויגעל־שטימען, גאָלדיגע פלי־געלאָך דורכגעדרונגען פון דער זון האָבען ארומגעשוועבט פון איין בוים צום צווייטען, פערשיעדענפאַרביגע שמעטערלינגען זיינען ארומגעפלויגען און זיך געזעצט אויף די גראַזיגע בערגלעך. מוראַש־קעס און זשוקלעך זיינען ערגיץ־וואו געקראָכען מיט אימפּעט. דער זומער איז געווען אין ברען, א מעכטיגער, א מיהזאַמער, פול מיט מיליאָנען לעבענס.

— אָט איז א חמימה, קאָליא!... — האָט נינא זיך צולאַכט,

און האָט אַ פּאַך געטהאָן מיט די אויפגעהויבענע הענד אין לופט, ווי מיט פליגלען. — מיין גאָט, ס'אַרא היץ !...

— יאָ, וואַרים !... — האָט קאַליאַ געענטפערט, אַרונטער־געהמענדיג די פוראַזשקע און אָבווישענדיג דעם נאַסען שטערען.

— אפילו די דאַטשניקעס האָבען זיך בעהאַלטען. נור איך מיט אייך זיינען אַזעלכע גבורים ! און מיר געפעלט עס. איך האָב ליעב, אַז ס'איז הייס !

קאַליאַ האָט ניט געענטפערט, ער איז אינגאַנצען געווען צור־קראָכען.

— און וועד זיצט דאָרט !... — האָט נינאַ בעמערקט.

אין אַ זייט פון יענע ערטער, וואו עס שפּאַציערען געוועהנליך די דאַטשניקעס, האָט זיך עפּעס געשוואַרצט.

נינאַ און קאַליאַ זיינען געגאַנגען פערביי דעם דאָזיגען אָרט, און ניט ווילענדיג האָבען זיי אַהין געקוקט.

דאָרט איז געהאַנגען אַ גרויסער שעהנער העמאַק מיט פּרענדז. אין העמאַק איז געלעגען אַ פרוי, און ביי איהרע פיס, גראַד אויף דער ערד, איז געזעסען אַ מאַנספּאַרשוין. זיי זיינען געווען נאָ־הענט איינער צום צווייטען. דער מאַנספּאַרשוין, אין אַ סטודענ־טען־היטעל, האָט עפּעס גערעדט. פון העמאַק האָבען אויף איהם געקוקט שוואַרצע אויגען און אַ פּאָר העל־רויטע רוהיגע ליפּען האָ־בען געשמייכעלט.

נינאַ האָט זיי באַלד דערקאָנט, נאָר זי האָט אָנפאַנגס עפּעס גאָר נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס קען בעדייטען און פאַר וואָס האָט עפּעס פּלוצלונג ביי איהר אַ קלאַפּ געטהאָן אין האַרצען.

— דאָס איז לוגאַנאָוויטש, — האָט קאַליאַ געזאָגט.

נינאַ איז באַלד בלאַס געוואָרען און געשווינד אָנגעהויבען שפּאַנען פאָראויס, טיעפער אין וואַלד אריין.

— נינאַ סערגעיעווגאַ, וואוהין געהט איהר ?... וואַרט... — האָט קאַליאַ, וועלכער איז געבליבען פון הינטען, זיך צושריען.

נינאַ האָט גיכער דערפיהלט, ווי דערזעהען, אַז אויף קאַליאַ'ס געשריי האָט לוגאַנאָוויטש געשווינד זיך אַרומגעקוקט.

ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט זי בעגלייט מיט די אויגען.

— דאָס איז, דאַכט זיך, אייער „פלאַם" ?... — האָט זי שפּאַס־האַפט געפרעגט.

זאָגאַר נישט קוקענדיג, מיט דעם ערפאַהרענעם פרויען־געַ־פיהל האָט זי פערשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אין לוגאַנאָוויטשעס נשמה, און האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— אריינגעפאַלען, ליעבינקער !... — האָט זי געזאָגט מיט עפּעס אַ נאַרישען, ניט־גוטען טאָן. — רעכט אויף אייך !...

— פאַרוואָס עפּעס אריינגעפאַלען ?... עט, נאַרישקייט !... האָט לוגאַנאָוויטש אַרויסגעמורמעלט, ווי אַ אינגעל, ניט וואַגענדיג אַ קוק צו טהאָן אויף איהר און פיהלענדיג, אַז ער ווערט נאַריש־רויש.

— יאָ, יאָ, יאָ !.. האָט ראַאיסאַ געלאַכט און איהם געסטראַ־שעט מיט'ן פינגער. — אַלץ ווייסען מיר !

לוגאַנאָוויטש האָט זיך געטראַכט, אַז זי איז אייפערזיכטיג און ער האָט זיך דערשראָקען. אָבער ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט צו־גוט געקענט מאַנספּאַרשוינען און האָט געוואוסט די מאַכט פון איהר קערפּער. זי האָט אויף לוגאַנאָוויטש'ן געקוקט פון אַ גאַנץ אַנ־דער שטאַנד־פּונקט. ער איז איהר געווען געפעהלען נאָר מיט זיין יוגענד און מיט זיין אונבעריהרטקייט. אַזאַ ליובאָווניק האָט זי שוין פון אַ צייט נישט געהאַט, און זי האָט גאַנץ פעסט געוואוסט, אַז זי וועט קענען איינהאַלטען לוגאַנאָוויטש'ען און איהם נישט אוועקגעבען צו דער דאָזיגער פּראָווינציעלער מיידעל, אַמווייניגס־טען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט איהר ניט דערעסען. גראָד אין דער מינוט, בעת עס האָבען זיך בעוויזען נינאַ און קאָליאַ וויאַ־זאָווקין, האָט ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ איינגערעדט לוגאַנאָוויטש'ן ער זאָל אַריבער אין פּעטראָגראַדער אוניווערזיטעט.

לוגאַנאָוויטש איז געווען פערוווירט און פערלוירען. זיין פּאָזע ביי די סאַמע פיס פון ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ, איז געווען אַזאַ אינטימע, און ער האָט אַזוי דייטליך פערשטאַנען נינאַ'ס אינסטינקט־יווע בעוועגונג, אַז איהם איז באַלד קלאָהר געוואָרען : איצט איז אַלץ צווישען זיי געענדיגט. און פּלוצלינג האָט איהם אָנגענומען אַ בייזער פערדרוס קעגען ראַאיסאַ'ן.

ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט אויף איהם אַ קוק געטאָהן פער־עכטליך און הערשעריש, האָט קוים קוים אַ שמייכעל געטהאָן און פויל אַרויסגערעדט :

— היים !... אַזוי היים, כאָטש נעהם און טהו זיך אוים נאַ־קעט איינגאַנצען !

לוגאנאָוויטש האָט אויף איהר געשווינד אַ בליק געטהאָן. דער געדאַנק זי צו זעהען אַ נאַקעטע דאָ, אין וואַלד, אין מיטען העלען טאָג, האָט איהם אָבגעברענט.

ראַאיסאַ האָט גוט פערשטאַנען זיין בליק.

— און וואָס וועט זיין, ווען איך זאָל זיך טאַקי אויסטהון נאַקעט ?... וואָלט איהר זיך שטאַרק געשעהמט ? — האָט זי געפרעגט, זיך אַ ציה געטהאָן מיט איהר שעהנעם קערפּער און פערוואָרפען די הענד הינטער'ן קאָפּ, אום די ביוסט מעהר אויסצושטעלען.

לוגאַנאָוויטש איז רויט געוואָרען, ער האָט אָבער געענטפערט מיט אַ פרעכען טאָן :

— אַז איהר וועט זיך ניט שעהמען, פאַר וואָס זאָל איך זיך דאַרפען שעהמען ? איהר ווילט, וועל איך אייך העלפען ?...

זי האָט געלאַכט, עפּעס אַזוי ווי די ווערטער וואָלטען איהר שטאַרק הנאה געטהאָן.

— און פאַר וואָס ניט, דאָס וואָלט געווען גאַנץ פּיקאַנט !...

— האָט זי געצווינגען די ווערטער און האָט אַראָבגעלאָזט איהר פולע, נאַקעטע האַנד האַרט ביי לוגאַנאָוויטשעס ליפּען.

לוגאַנאָוויטש האָט גענומען איהר צאַרטע פייכטע האַנד און זי אַריבערגעפיהרט איבער זיינע ליפּען. די פרוי האָט זיך פונאַנדערגעוואָרפען אין העמאַק, און האָט זיך פויל אָבגעגעבען צו זיינע לאַסקעס. איהר פּרעכטיגער שווערער קערפּער האָט זיך שעהן און רעליעף אויסגעבויגען אין דער אָנגעצויגענער נעץ, די דינע שפּאַגאַט פון העמאַק האָבען בעצויגען אַלע זיינע ליניען. די פיס, קליינע און שטאַרקע, אין דורכזיכטיגע זאָקען, האָבען גראַד זיך איבערגעקרייצט אין דער לופטען און זיינען אויסגעקומען העכער פון קאָפּ, זי איז אינגאַנצען געווען אַ ווייכע, אויפרייצענדע, און הייסע.

לוגאַנאָוויטש האָט אין געדאַנק אויף אַלץ אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, האָט גינאַ'ן פערגעסען.

זיך אָנכאַפּענדיג פאַר'ן העמאַק, האָט ער דער פרוי'ס קערפּער איבערגעקייקעלט אויפ'ן סאַמע ראַנד, און איהר אָנגעהויבען בעטען וועגען עפּעס. זיינע אויגען האָבען געבליצט און געקוקט, זיינען גנביש אַרומגעלאָפען. ראַאיסאַ האָט זיך געקייכט און איהם אָב - געשטויסען.

— משוגע געוואָרען !... איך בעט אייך !... פון אַלע זייטען געהט מען... טרעט אָב, אַ ניט וועל איך אַ קלאַפּ טהאָן... משוג־נענער !...

.9

דער בארג־אויפשיט פון דער דאַטשנער טראַמוויי האָט זיך געצויגען צווישען צוויי רייהען הויכע סאָסנעס. ס'איז געווען פון אָבענד, און גראַד פּאַראויס, אויפ'ן שטרייף פון פּיאָלעט־פאַרביגען הימעל האָט די דינינקע לבנה געגלאַנצט מאַט־גאָלדיג.

נינאַ איז געגאַנגען אין רייהע מיט'ן אינזשינער, און קאַליא וויאַזאַווקין האָט מוטהלאָז זיך געפּלאָנטערט הינטער זיי.

— נו, יאָ, איהר וואַרט פון לעבען עפּעס אונגעוועהנליכעס, — האָט דער אינזשיניער גערעדט ווייך און וועהמוטהיג, — אָבער אין לעבען איז שוין פון לאַנג אָן נישטאָ קיין סודות. דאָס אַלץ איז זעהר איינפאַך און לאַנגווייליג. אַ ביסעל שעהנקייט און לאַסקעס — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס דאָס לעבען קען געבען, און אויף מעהר האָבען מיר קיין רעכט ניט צו וואַרטען, ווארום אַליין האָבען מיר דער'הרג'עט אַלע סודות און אומערוואַרטקייטען.

— איהר זענט ענטוישט אין לעבען ? — האָט נינאַ געזאָגט אַ ביסעל זיך רעגענדיג און פורכטזאַם און פון אַ זייט האָט זי אַ קוק געטהאָן אויפ'ן אינזשיניר'ס בלאַסען פּנים מיט דער שוואַר־צער באָרד.

זי איז שוין לאַנג צוגעוואָהנט געוואָרען זיך צו האַלטען פאַר אַ דערוואַקסענע, און מיט אַזעלכע ווי קאַליא וויאַזאַווקין, האָט זי זאָגאַר זיך געפיהלט אַלס עלטערע, נאָר מיט דעם דאָזיגען נייעם בעקאַנטען האָט זי עפּעס פאַר־וואָס זיך געהאַלטען מיט פורכט־זאַמקייט, ווי אַ נאַאיווע און נאַרישע מיידעלע.

דער אינזשיניער האָט אונבעמערקט אַ שמייכעל געטהאָן, נאָר ער האָט פאַרטגעזעצט פּונקט אַזוי ערנסט, זאָגאַר טריאומפירענד, פּונקט מיט דעם זעלבען טאָן, וואָס ווירקט בעזאָנדערס אויף יונגינ־קע מיידלעך, ווי ער האָט געוואוסט פון זיין ערפאַהרען.

— ניין, ענטוישונג, איז אַ געשמאַקלאָזער וואָרט... איינ־פאַך, איך בין נישט אַזוי יונג, ווי איהר, און ווייס דאָס לעבען !...

נינאַ האָט זיך דערמאָהנט, אַז לוגאַנאָוויטש האָט אויך גע־

רעדט וועגען דעם וויסען פון לעבען, און אַז ער איז נאָך אויך גאָר אַ אינגעל, ווי זי אַליין — נאָך גאָר אַ מיידעל, נאָר אָט דער דאָזיגער מאַן, אַ האָרעלע שוין איינגעבויגען, מיט אַ בלאַסען פּנים, וויים זיכער דאָס לעבען און האָט געווים אַ פולע געליטען.

— קוקט איהר טאַקי אַזוי טרויעריג אויף אַלץ ?

— וואָס הייסט — טרויעריג ?... — האָט דער אינזשעניער בעדענקליך אָבגעענטפערט. — ווייסט איהר, מען זאָגט, אַז שווינדזיכטיגע געפינען אַ שטילע פרייד און אַ קרענקליכען גענוס נאָר דערין, וואָס זיי זיינען אַזוי שוואַך, אַזוי הילפלאָז, און זיי איז אַזוי ווייניג געבליבען צו לעבען... נאָך מיין מיינונג, יעדער קלוגער און צארטפיהלענדער מענש מוז זיך פונקט אַזוי בעציהען צום לעבען : געפינען געגוס אין דעם, וואָס דער שיקזאַל האָט איהם צוגעטהיילט אַזוי ווייניג פרייד.

קאַליא וויאַזאָווקין איז נאָכגעגאַנגען און מוטלאָז זיך צוגעהאָרכט.

— איך הויב דאָס ניט אָן צו פערשטעהן !... — האָט נינא ארויסגעפּליסטערט מיט פורכטזאַמקייט, ווי אַ שילערין, און איז בלאַס געוואָרען פון אויפמערקזאַמקייט.

גאַנץ מעגליך, אַז דער אינזשעניער האָט פערשטאַנען ניט מעהר פון איהר, נאָר ער האָט פאַרטגעזעצט פונקט אַזוי שעהן און פונקט אַזוי אונפערשטענדליך :

— צו־רוישיגע מוזיקע איז גראָב, טריאומפירענדע געשמאַקלאָזיגקייט — איז עקעלהאַפט... די אמת'ע שעהנקייט איז נור אין ליידען, אין די לעצטע אָבשטאַרבענדע אַקאָרדען, אין אָבשטאַרבענדען אָבענד, אין הערבסט־בלומען... ווען מענשען וואָלטען געווען צו גליקליך, וואָלטען זיי געווען עקעלהאַפטיג !... ווי גראָב עס איז די טריאומפירענדע ליעבע פון דער יוגענד, ביי געזונטע, זאַטע, אין־זיך־זיכערע מענשען. שעהן איז נור די ליעבע פון דער שטאַרבענדער נשמה, איהר לעצטע לאַסקע !... ליעבען דאַרף מען קענען !

— און איהר קאָנט ?... — האָט נינא נאַאיוו געפרעגט.

זי האָט שוין איצט גאָר נישט פערשטאַנען וואָס דער אינזשעניער האָט גערעדט, אָבוואָהל איהר האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז זי פערשטעהט אַלץ. איבריגענס, ער האָט זיך גאָר נישט בעמיהט וועַ-

גען דעם, אז זי זאָל פערשטעהן : דער פאַר־נאַכט, דער הימעל, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין אויסלעשען, די שטילע שטימע, די טרויעריגע שעהנע ווערטער — האָבען דערגרייכט דער מיידעל׳ס האַרץ, און נאָר דאָס האָט ער בעדאַרפט. זי, נאַטירליך, האָט טאַקע ניט פערשטאַנען זיינע ווערטער, אָבער איהר האָט שוין באַנג געטהאָן אָט דער דאָזיגער פרעכטיגער, שעהנער און טרויעריגער מאַן און ס׳האָט זיך איהר געוואָלט איהם טרייסטען. נינא האָט זיך ניט־ווילענדיג דערמאָהנט, וויפיעל רכילות און פלאָטקעס איהר איז אויסגעקומען צו הערען וועגען דעם דאָזיגען פאַרשוין, וויסאָצקי, נאָר איצט האָט זיך איהר געדאַכט, אז דאָס האָט ניט געקאָנט זיין, און אז, גאָר איינפאַך, אויסער איהר, פערשטעהט איהם קיינער ניט. אן אומבעוואוסטזיניגע שטרעבונג האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען אין איהר נשמה איהם אַרויסצואווייזען צערטליכקייט, און איהם דערמונטערען צו אַ נייַ לעבען.

— איך קאָן !... — האָט וויסאָצקי כלומרשט פאַלשטענדיג ערנסט געענטפערט און אומבעמערקט געוואָרפען אַ פולען בליק איבער דער מיידעל׳ס קערפּער, פון איהרע גערידכטע האָאַר, איבער אַלע איהרע אָבגערונדעטע קערפּערליכע פאָרמען, ביז איהרע קליינע פיס, וואָס האָבען זיך גראַציעז בעוועגט און באַהאַלטען אונטער איהר קורץ קליידעל, ווי קליינע חיה׳לעך. — אָבער דאָ אַרום איז אַזאַ געדרענג, אַזאַ מאַרק, אַזאַ קלאַפּעריי, אַז די, וואָס קאָנען פיהלען אמת׳ע שעהנקייט, מוזען נור ליידען !....

קאַליא וויאַזאָווקין האָט מוטלאָז זיך צוגעהאָרכט.

— מיר איז שטענדיג שמערצליך, — האָט דער אינזשעניער פאָרטגעזעצט, — ווען אַ פרוי גיט זיך איבער אַ זשעדנעם, טריאומפירענדען, עגאָאיסטישען מאַנסביל, וועלכער איז אין זיך אַליין פערליעבט, — אַנ׳„ער“ — ענטשולדיגט מיר פאַר מיין אויסדריק... די נשמה פון דער פרוי, די ליעבע פון דער פרוי קען אָבשעצען נור דער, וואָס האָט פיעל און לאַנג געליטען !... אַמאָל בין איך אַליין געווען אַ גראָבע חיה און געכאַפּט האָס לעבען, ווי אַ שטיק, וואָס איז מיינס לויט רעכט. דעמאָלט האָב איך ניט געקאָנט אָבשאַצען, נאָר איצט... אָך, ווען מיר וואָלט זיך איצט בעגעגענט איינע פון יענע ליעבע, צאַרטע, פערטראַכטע מיידלעך, וועלכע איך האָב אַמאָל איבערגעפיהרט זיך גאָר ניט פערטראַכטענדיג, נישט פער־

שטעהענדיג יענעם הויכען ווערטה, וואס דער שיקזאל האט מיר אין די הענד אריינגעגעבען.

קאליא וויאזאווקין האט שווער זיך אבגעזיפצט.

זיי האבען לאנג ארומשפאצירט, דערנאך איז דער אינזשעניער געגאנגען בעגלייטען נינא׳ן. נאר צוקומענדיג צו דער דאטשע, זיינען זיי איהר פערבייגעגאנגען און ארויסגעקומען אויף די לאנקעס, וואו ס׳איז נאך געווען גאר ליכטיג און דער הימעל, א צו־פלאקערטער פון זונען־אונטערגאנג, האט זיך בּרייט פארנאנדער־געוויקעלט. דערנאך האבען זיי זיך ווידער אומגעקעהרט צו דער דאטשע און ווידער אמאל פערבייגעגאנגען. דערנאך ווידער און ווידער אזוי, ביז וואנען עס האט זיך בעוויזען פייער אויף׳ן באל־קאן פון דער דאטשע און די שטימע פון דער עלטערער שוועס־טער, וועלכע האט אין דער פינסטערניש דערקענט נינא׳ס העלע בלוזקע, האט זי גערופען צום אבענד־מאהלצייט.

בעת׳ן שפאצירען האט דער אינזשעניער עטליכע מאל ניט־גנעדיג געקוקט אויף קאליא וויאזאווקין, נאר קאליא, פערשטעהט זיך, וואלט גיכער געשטארבען, איידער זיי איבערלאזען זאלבע־נאנד.

ענדליך האבען זיי זיך אבגעשטעלט פאר דער פארטקע און אנגעהויבען זיך פעראבשיידען.

— איהר זענט אזא וואכזאמע, אזא צערטליכע... — האט דער אינזשעניער געזאגט, — א דאנק אייך פאר היינטיגען אבענד !...

נינא איז לייכט רויט געווארען אין דער דונקעלהייט, נאר די האנד האט זי נישט אוועקגענומען און איהר האט באנג געטהאן. וואס אט זי וועט אריינגעהן אין א העל־בעלייכטען צימער, אין א קרייז פון ליעבענדע און נאהענטע מענשען און דיעזער אייזאמער טרויעריגער מענש, וועט אייניקער אליין אוועקגעהן אין אוועגד־דעמער, אוועקטראגענדיג אין נשמה זיין אונפערשטענדליכען טרויער.

— זייט געזונד — האט קאליא וויאזאווקין פלוצלינג ארויס־געשאסען, אזוי אונערווארט, אז ביידע האבען אויפגעציטערט, און נינא׳ן האט זיך געדאכט, אז דאס האט א פויק געטהאן פון

יעגעם מיארק, וועגן וועלכען דער אינזשעניער האָט גערעדט און זי האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט.

— א... זייט געזונד!... האָט וויסאָצקי אָבגעענטפערט אביסעל פערוואונדערט.

ער האָט זיך זאגאר דערפרעהט, מיינענדיג, אז קאָליא וועט ענדליך אוועקגעהן, נור קאָליא וויאזאָווקין איז געשטאַנען, ווי א פּלאָקען. ס'פערשטעהט זיך, אז דעם אינזשעניער איז אויסגעקור־מען אוועקצוגעהן.

ס'איז געווען איין מאָמענט, בעת וויסאָצקי מיט זיין גע־וועהנליכער חוצפּה האָט געוואָלט גאַנץ אָפען אוועקשיקען דעם דאָזיגען סטודענט צו אלע שדים, אָבער אין קאָליא וויאזאָווקין'ס באַראַנישען פּנים איז געווען עפּעס אזוינס שווערעס און ענטר שלאָסענעס, אז דער אינזשעניער איז טעמפּ געוואָרען, און איז אוועק. ער איז אוועק גאַנץ פּראָסט, אָהן אן עפעקט, וועלכען ער האָט שוין געהאט צוגעגרייט, פיהלענדיג מיט בייזקייט, אז ס'האָט זיך ניט איינגעגעבען אוועקצולייגען דעם לעצטען שטריך.

— „אז דער רוח זאָל איהם צורייסען!..." — האָט ער גע־טראַכט. „מען וועט זי דאַרפען מאָרגען אָבהיטען אייני אליין, אניט וועט דער דאָזיגער נאַר א וואָרט נישט לאָזען זאָגען!..."

און נינא מיט קאָליא'ן זיינען געגאַנגען איבער דער אַלעע פון דינע סאָסנעס און נינא האָט גערעדט מיט אויפגערעגטקייט:

— ס'אַרא ניט־פיהלבאַרער איהר זענט, קאָליא!...

קאָליא וויאזאָווקין האָט אָנגעכמורעט געשוויגען און האָט אפילו א זיפץ ניט געגעבען...

נינא האָט אויף איהם געוואָרפען א געשווינדען בליק און פערדריסליך א ציה געטהאָן מיט דער פּלייצע. איבריגענס, זי האָט באַלד פערגעסען וועגען קאָליא'ן, זייענדיג איינגאַנצען ארומגע־כאַפּט מיט דער בעצוייבערונג פון דעם נייעם בעקאַנטען.

בעת נינא'ס קנאַפּעל האָבען ווי שראָט אָבגעקלאַפּט איבער די שטיגען, האָט איהר פאָטער, אן אויסגעדיענטער מיליטער־בעאַמטער, אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון דער צייטונג און געזאָגט:

— א, אָט זיינען מיר אַלע!...

דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז געווען פערזאַמעלט. די סיך־מיידעל האָט געדעקט דעם טיש צום אוונד־מאָהל־צייט. אנני,

די פרוי פון אן אפיציר, וואס איז אוועקגעבאהרען אויף מאנעוו־רעס, אביסעל פויל, אביסעל שפאסהאפטיג, איז געזעסען ליידיג און לויט איהר געוואהנהייט האט זי פון א זייט אריינגעקוקט אין דער צייטונג, וואס דער פאטער איהרער האט געלייענט. נינא׳ס מוטער האט באלעבאטעוועט און געבורטשעט אויף דער דיענסט.

— שטעל אוועק אט אדא... וויפיעל מאל האב איך דיר גע־זאגט...

— אנגעשפאצירט זיך? — האט זי געפרעגט.

נינא האט מיט א שוואונג זיך א ווארף געטהאן אויפ׳ן שטוהל, האט א קוק געטהאן ארום מיט בלישצענדיגע אויגען און אנגעהויבען שרייען:

— עסען וויל איך!... עסען וויל איך!... מאמע!... און מיט וואס פאר אן אינטערעסאנטע מענשען מיר האבען זיך גע־וואס בעקאנט.

אננע האט פויל א קוק געטהאן אויף איהר מונטערן פנים און האט שפאט־לוסטיג געפרעגט:

— נאך אינטערעסאנטער פון לוגאנאוויטש׳ען?...

נינא איז רויט געווארען און זיך צובייזערט, פאר וואס זי איז רויט געווארען.

— ווי קומט דא לוגאנאוויטש? — האט זי פערגינפטיג גע־פרעגט, אויפגעשטאנען און מיט א בעליידיגטע מינע איז זי פאר־מעלעך אוועק אין איהר קאמער.

קאליא וויאזאווקין איז געבליבען אויפ׳ן באלקאן, אלס פאר־ביליען־מיטגליעד. אלע האבען איהם ליעב געהאט און זיינען גע־ווען צוגעוואהנט צו איהם ווי צו אן אייגענעם. פאר א מאנספער־שוין האט איהם קיינער ניט גערעכענט, אבוואהל זיין האפנונגס־לאזע ליעבע צו נינא׳ן איז אלעמען בעוואוסט געווען.

— קאליא, איהר וועט געהן עסען?

— איך?... איך, איך וויל... איבריגענס...

און ער האט זיך א נעהם געטהאן צו די זויער־מילך מיט אזא גרויזאמען אפעטיט, אז דאס האט אויסגעקוקט עפעס זאנדער־באר, אפילו ביי זיין פערטרוימטען פנים.

— נינא, געה עסען! — האט די מוטער זי גערופען.

און נינא, אין איהר קאמער, איז צוגעגאנגען צום פענסטער

און זיך פערטראכט, פיהלענדיג, ווי דער שטילער אטהעם פון אנוועגד ריהרט ווייך איהרע האר. הינטערן וואלד האט דער אוועגד־הימעל דערברענט און א קליינער, פלאטערדיגער סילועט פון א פלעדער־מויז האט רוישלאז זיך געדרעהט איבער די בוי־מער.

נינא האט געקוקט גראד פאר זיך מיט ברייט צועפענטע אוי־גען, זי האט אבער גארנישט געזעהן. פאר איהרע אויגען איז גע־שטאנען א בלאסער פנים מיט א שווארצע בארד און מיט מאדנע אויגען. נייע איינדריקע האבען נינא'ן ארומגעכאפט. וויסאצקי האט זיך איהר אויסגעוויזען פאר אן אויסערגעוועהנליכען, וואס איז ניט גלייך אויף אנדערע בעקאנטע מאנספערשוינען. און באלד איז איהר אויסגעקומען מאדנע, וואס כמעט צוויי מאנאטען איז זי געוועזן פערליעבט אין לוגאנאוויטש'ען.

עפעס אזוי ווי זי וואלט געוואלט זיך אויספרובירען, האט נינא זיך בעמיהט ארויסצורופען דאס פריהערדיגע געפיהל און זיך פערזיכערען, אז זי לײדט נאך אלץ, אבער דערפון איז גארנישט ארויסגעקומען. אלץ איז בלאס געווארען, זיך אבגעריבען, פער־וואנדעלט געווארען עפעס אין א קינדערשע שטיפעריי. אז זי האט זיך דערמאנט די נאכט אויפ'ן בארג־אברים, האט דיעזע ערא̇ינע־רונג איינפאך איהר בעליידיגט.

— ווי אזוי האט ער געוואגט!...

צום ערשטען מאל האט לוגאנאוויטש'עס געזיכט זיך פאר־געשטעלט איהר אזוי, ווי דאס איז געוועזן אין דער ווירקליכקייט: רויט, אויפגערעגט, אבשטויסענד פון א מהירישען באגעהר, וואס איז פאר איהר אונפערשטענדליך. איהר גאנצער קערפער האט אויפגעציטערט פון שאנד, עקעל און בעליידיגטען שטאלץ.

— ווי גראב, שמוציג, ציניש!... און ווי אזוי האט ער גע־וואגט טראכטען, אז איך... א אינגעל אזא!...

א ברענענדיגע פארב האט פערגאסען איהרע באקען, אויערען און האלז, ביז די סאמע שולטערען, און, זיך איינשרומפענדיג פון שאנד, האט נינא מיטביידע הענד פערדעקט דאס פנים.

זי האט נישט פערשטאנען, ווי אזוי זי האט דאס געקאנט דער־לאזען, אז מען זאל זיך מיט איהר באגעהן אויף אזא'ן ארט, און די גאנצע שולד האט זי ארויפגעלעגט אויף לוגאנאוויטש'עס פרעכ־

היים. אין דיעזער מינוט איז זי גרייט געווען אײנפאַך איהם צו פערראַכטען.

פאַר איהרע פערמאַכטע אויגען, אין דער פינסטער, איז באַלד ווידער אַמאָל אויפגעשוואומען וויסאָצקי'ס בלאַס פּנים און ס'האָט זיך דערהערט זיין טרויעריגע שטימע, וואָס האָט גערעדט אַזעלכע שעהנע און אונפערשטענדליכע ווערטער. נינא'ן איז אַרויף אויפ'ן זינען, אַז אויף לוגאַנאָוויטש'עס אָרט האָט געקאָנט זיין אָט דער שעהנער אינטערעסאַנטער מענש, און דאָס מיידעל האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז דעמאָלט וואָלט אַלץ געווען אַנדערש: אָהן אַ שום ציניזמוס, שעהן און פּאָעטיש. פון דער אונערוואַרטקייט פון דיע־זען געדאַנק איז נינא זאָגאַר אינגאַנצען קאַלט געוואָרען.

אַ מאָדנע פרויען־נייגיעריגקייט האָט זיך צום ערשטען מאָהל אין איהר דערוועקט. עפּעס פאַר־וואָס האָט נינא זיך דערמאָהנט ראַיסאַ וולאַדימיראָוונאַ און איהר געזיכט האָט זיך צוזאַמענגע־פּרעסט, געוואָרען בלאַס, בייז און פערשטייפט.

— גוט, גוט !... האָט זי עטליכע מאָהל ווידערהאָלט מאַ־שינמעסיג.

אויף צו להכעיס לוגאַנאָוויטש'ען האָט זיך איהר פערוואָלט זיך פערליעבען אין אינזשעניער און זיך קושען מיט איהם. און זיך קושען טאַקע אַזוי, אַז דער סטודענט זאָל דאָס זעהען און פּלאַ־צען פון אייפערזוכט. דאָס מיידעל האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי קושט זיך שוין מיט'ן אינזשעניער און דער קאָפּ האָט זיך פער־דרעהט ביי איהר. זי האָט זיך אַזוי פערשעהמט, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט, מיט'ן פּנים אין קיסען, און איז אויס־געגאַנגען.

— נינא, נעה עסען !... האָט מען זי גערופען פון באַלקאָן.

נאָר נינא האָט ניט געענטפערט. אונפערשטענדליכע טרעה־רען האָבען נאַס געמאַכט די קיסען און געהיצט די באַקען.

— וואָס וויין איך ?... — האָט זי זיך געפרעגט און ניט גע־קאָנט ענטפערען.

— עפּעס־וואָס האָט באַנג געטהאָן, עפּעס־וואָס האָט זיך גע־וואָלט, זי האָט געפיהלט, אַז אַרום איהר פלעכט דאָס לעבען עט־וואָס שרעקליכעס און ניט פערשטענדליכעס, אין וואָס זי קען זיך ניט פאַרנאַנדערקלייבען. און איהר יונגער קרעפטיגער קערפּער

האָט אַלץ געשמאַכט און געגאַרט און ערוואַרט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט נאָך ניט געוואוסט.

.10

דער אינזשעניער האָט זיך בעקאַנט מיט דער גאַנצער געזינד און איז געוואָרען אַן אָפטער איינגעהער ביי זיי אין הויז.

געוועהנליך פלעגט ער אַריינקומען, בעגלייטענדיג נינאַ'ן נאָכ'ן שפּאַציער, נאָר אַמאָל פלעגט ער בלייבען צום אָבענד־מאָהלצייט. דערין, נאַטירליך, איז קיין בעזאָנדערס נישט געווען, נאָר נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס וויסאָצקי האָט זיך געהאַלטען אויסגעצייכענט און איז שטענדיג געווען ליעב און ליעבענסווירדיג, האָט מען איהם ניט ליעב געקריגען.

נינאַ'ס פאָטער האָט אַרויסגעוויזען אַ דייטליכע אונצופריעדענהייט, די מוטער האָט פּראָסט זיך אונטערגעשראָקען פאַר'ן אינזשעניער, ווי פאַר אַ מענשען פון אַן אַנדער קרייז, און די פוילע אַנני פלעגט אָפט אין מיטען שמועס אויפשטעהן און שווייגענדיג אַוועקגעהן שלאָפען. אָבער וויסאָצקי פלעגט זיך דאָס ניט נעהמען צום האַרצען, האָט זיך געהאַלטען גראַד, אויסגעהאַלטען, זיך געזעגעלט, און נאָר ביי איהם אין די אויגען פלעגט דורכלויפען אַ קאַלטער בייזער שפּאָט.

דער איינציגער, וואָס האָט איהם ענג געמאַכט, איז אָט דער קאָליא וויאַזאָווקין. אַ נארישעוואַטער סטודענט, מיט אַ פּנים פון אַ באַראַן, האָט אָבער געשיינט, אַז ער האָט בעסער פון אַלעמען פערשטאַנען זיין שפּיעל מיט נינאַ'ן און ער האָט געהאַסט דעם אינזשעניער מיט אַ שווערען האַרטנעקיגען און געפעהרליכען האַס. דערביי האָט קאָליא אַנגעווענדעט גאָר זיינע קרעפטען זיי ניט צו לאָזען זאַלבענאַנד. אַנפאַנגס האָט דער אינזשעניער גערעכענט זיך איינצוקויפען אין זיין פריינדשאַפט און איהם געווינען אויף זיין זייט. אָבער אַלע פּראָבעס און בעמיהונגען האָט קאָליא וויאַזאָווקין בעגעגענט מיט אַזאַ עקשנות'דיגען און שווערען שווייגען, אַז דער אינזשעניער האָט ענדליך אָבגעלאָזט און בעשלאָסען גאָר איינפאַך איהם נישט בעמערקען מעהר.

נינאַ האָט דאָס אַלץ געזעהען און איז געווען טיעף עמפּעהרט. די בעציהונג פון איהרע אייגענע האָט זיך איהר אויסגעוויזען פאַר

אַן אומזיסטע, ווילדע און אומגערעכטע גראָבקייט, פּונקט ווי אַלע וואָלטען זיך צונויפגערעדט, פּונקט ווי אַלע וואָלטען געטהאָן איהר אויף צו להכעיס. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך גענומען הײס האַמפּערן מיט אנני׳ן און קאַליאַ׳ן, האָט אָבער ענדליך נישט אויסגעהאַלטען, איז אַרויס פון געדולד, האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר און דערנאָך אַלץ אויסגעלאָזט צו קאַליאַ׳ס קאָפּ. און קאַליאַ איז נאָר רויט געוואָרען און זיך אָנגעבלאָזען. און נינאַ, אַלעמען אויף צו להכעיס, פלעגט יעדען אָבענד דעמאָנסטראַטיוו אוועקגעהן שפּאַצירען מיט׳ן אינזשעניער, ניט לאָזענדיג קאַליאַ׳ן בעגלייטען זיך.

— ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי איהר אַלע האָט מיר דערעסען!... — האָט זי געזאָגט מיט אַן אונפערשטענדליכער אויפגערעגטקייט, און איהר פּנים איז געוואָרען טרוקען, בייז און ניט שעהן.

— איהר ווייסט ניט, נינאַ סערגעיעוונאַ, — האָט קאַליאַ ערווידערט פאָרכטזאַם און איז אַנשוויגען געוואָרען אַ פערניכטעטער פון קאַלטען האַס, וואָס דער מיידעלס אויגען האָבען איהם אָבגעגאָסען.

נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער אינזשעניער פלעגט אַרויסגעהן נור צוליעב נינאַ׳ן, פלעגט ער קיין מאָהל מיט איהר נישט ריידען, בעת זייטיגע מענשען זיינען דערביי געווען. געוויינליך פלעגט וויסאָצקי זיצען אויף דער טעראַסע, און דאָס מיידעל אונטען אויף די שטיגען, וואו עס פלעגט ניט צוקומען די שיין פון לאָמפּ, און פלעגט זיך צוהאָרכען. פון אונטען פלעגען זיך נאָר זעהען דער שוואַרצער סילועט פון אינזשעניער און די בעלויכטענע פּנים׳ער פון אנני און דעם פאָטער. נינאַ איז געזעסען שטיל, האָט געקוקט אין דער פינסטערקייט פון אָבענד און האָט געטראַכט וועגען עפּעס־וואָס איהר אייגענעס, נור פאַר איהר אליין בעגרייפליך. איבער׳ן וואַלד האָבען די שטערן געבלישצעט, פלעדער־מייז האָבען זיך רווישלאָז פערבייגעטראָגען, אויף די דאַטשעס, צווישען די דונקעלע בוימער, האָבען געבלישצעט פייערלעך, און נינאַ פלעגט זיך אַמאָל אַזוי פערטראַכטען אַז זי פלעגט אויפהערען פערשטעהען דעם שמועס אויפ׳ן באַלקאָן. זי האָט נור געהערט די שטימע פון אינזשעניר, און ער פלעגט זי מאָדנע רעגען. וועגען וואָס וויסאָצקי זאָל ניט רעדען, האָט דאָס מיידעל געפיהלט, אַז ער רעדט דאָס בלויז פאַר איהר איינע, און דערפון איז איהר האַרץ צוגאַנגען אַזוי זיס און שרעקליך.

ווי אונגעוויינליך דאָס אַלעס איז: אַזאַ קלוגער, אינטערע־סאַנטער, געבילדעטער מענש, וואָס האָט אַזוי פיל געקענט פּרויען, און פּלוצלינג האָט זי, — וואָס צייכענט זיך מיט קיין זאַך ניט אויס, אַ פּראָווינציעלע פרייליין, — אויף זיך צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט, איז פאַר איהם געוואָרען די אינטערעסאַנטסטע. דער אינזשעניער האָט פערזיכערט נינאַ׳ן, אַז אין איהר אַנוועזענ־הייט ווערט ער גאָר אַ נייער מענש, אַז זי צווינגט איהם פון דאָס ניי צו ליעבען דאָס לעבען, גלויבען און האָפען. און דאָס מיידעל האָט געגלויבט, וואָרים זי האָט גאָר נישט געקענט צולאָזען אַ גע־דאַנק אַז דאָ שטעקט אַ פאַלשקייט. דאָס בעוואוסטזיין, אַז זי איז פאַר איהם נויטיג, האָט פול געמאַכט איהר נשמה מיט שטאָלצ־קייט און מיט אַ געפיהל פון שרעקליכער פעראַנטוואָרטליכקייט: וואָרום זי דאַרף דאָך ווערען ווירדיג פאַר איהם!... אמת, דאָס לעצטע וואָרט האָבען זיי נאָך נישט ארויסגעזאָגט, נאָר נינאַ האָט געפיהלט, אַז דאָס וואָרט וועט גאָר אין גיכען ארויסגעזאָגט ווע־רען און ביי דיזען געדאַנק איז איהר געוועזען אַזוי שרעקליך און גוט, ווי נאָך קיין מאָהל נישט אין לעבען. איהר האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז זי פאַנטאַזירט עפּעס אין אַ שעהנעם, ניט געוויינליכען חלום.

איין מאָהל, בעת דער אינזשעניער האָט זיך צופלאַפּעלט ווי געוויינליך, אויף דער טעראַסע, און נינאַ איז געזעסען אונטען אויף די טרעפּלעך, האָט אויפ׳ן שטעג אָנגעהויבען סקריפּען דער זאַמד און אין דער פינסטערקייט האָט זיך אָבגעצייכענט אַ דונקעלע פי־גור. דער שיין פון באַלקאָן איז אויף איהר געפאַלען און מיט אַ מאָדנעם שטוים אין האַרצען האָט נינאַ דערקענט לוגאַנאָוויטש׳ן.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך איהר אויסגעוויזען שרעק־ליך זאָנדערבאַר וואָס ער איז געקומען. פאַר די דריי וואָכען וואָס זי איז געוועזען איינגעשלונגען פון אַ נייעם געפיהל, האָט זי כמעט זיך נישט דערמאָהנט אָן איהם, און אויב זי האָט זיך יאָ דערמאָהנט, איז דאָס געוועזען ווי וועגען עפּעס וואָס איז שוין לאַנג און אויף איי־ביג פערביי.

— און איך געה צו אייך!... — האָט לוגאַנאָוויטש געזאָגט צוגעהענדיג. ער האָט זיך בעמיהט צו האַלטען אונגעצוואונגען, נאָר נאָך זיין שטימע האָט זיך געהערט אַז דער סטודענט פיהלט זיך ניט בעקוועם.

נינא איז געווען פערווירט און האָט געשוויגען. אַלערליי גע־פיהלען האָבען איהר אַרומגעכאַפּט: קודם כל האָט זי זיך שמערצ־ליך געשעהמט, וואָס לוגאַנאָוויטש וועט דערזעהען דעם אינזשע־ניער, דערנאָך האָט זיך אַ ריהר געטהאָן עפּעס אַ נייגעריגע און דונקעלע פרייד, וואָס האָט עראינערט דאָס פריהערדיגע געפיהל, און באַלד האָט דאָס מיידעל זיך עראינערט וועגען זיין פערהעלטניס צו ראַאיסאַ און איז עמפּעהרט געוואָרען, ווי אַזוי האָט ער געוואַגט צו קומען אַהער, נאָכדעם וואָס האָט פּאַסירט.

— גוטען אָבענד, — האָט לוגאַנאָוויטש אויסגעשטרעקט די האַנד, אָבער נינאַ, אונערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, איז אויפגע־שטאַנען און זיך ניט אומקעהרענדיג, איז אַוועק אויפ'ן טעראַסע. זיין בעריהרונג איז איהר געווען דערווידער און בעליידיגענד.

לוגאַנאָוויטש איז מאַשינמעסיג איהר נאָכגעגאַנגען.

אַ, דאָס זייט איהר! — האָט אַנני געזאָגט, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און שפּאָט־לוסטיג אַ שמייכעל געטהאָן.

צו לעצט האָט לוגאַנאָוויטש מיט עטוואָס אַנשטרענגונג זיך בעגריסט מיט'ן אינזשעניער, און וועלכען ער האָט געזעהען זיין טריאומפירענדען פערטרעטער.

— שוין לאַנג ביי אונז נישט געווען, — האָט נינאַ'ס מוטער געזאָגט, — אַלץ אַרום דאַמען שאַרט איהר זיך.

— ניין, איך... — האָט לוגאַנאָוויטש אונגעשיקט אַ בורטשע געטהאָן און אויסגעקרומט די אויגען צו יענעם ווינקעל, פון וואַנען נינאַ'ס אויגען האָבען אויפמערקזאַם אַרויסגעבליצט.

— יאַ, יאַ, מיר ווייסען, מיר ווייסען!... און מיט וועמען שפּאַצירט איהר יעדען אָבענד אַרום אין פּאַרק?... אַ?... בע־טראַכט זיך!

— וויקטאָר סערגעיעוויטש איז אַ בעוואוסטער זיעגער איבער הערצער — האָט אַנני בעמערקט שפּאָט־לוסטיג. — אייך, דאַכט זיך, קען מען גראַטולירען מיט אַ נייעם זיעג?

נו, אַזאַ זיעג איז ניט פון די טהייערע!... — האָט דער איני־זשעניער בעמערקט עפּעס אַזוי ביילויפיג.

לוגאַנאָוויטש האָט זיך אָנגעצונדען. ער איז געווען נאָך זעהר יונג, און די רכילות און פּלאָטקעס, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען ווע־גען ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ, האָבען איהם בעליידיגט, יעדע אַנ־

צוהערעניש אויף איהר לייכט־צוגענגליכקייט, האט קרענקליך פער־וואונדעט דעם סטודענט׳ס יונגע איינגעליעבע.

— וואס ווילט איהר דערמיט זאגען ?... — האט ער צארנדיג געפרעגט, נאר ער האט זיך באלד דערמאהנט, אז נינא איז דא דער־ביי און האט זיך דערשראקענערהייד ארומגעקוקט.

דער מיידעל׳ס אויגען האבען אויף איהם געקוקט מיט עקעל און מיט האס.

„איז דאס אמת, אז איך בין אין איהם געווען פערליעבט !"

— האט זי געטראכט.

דאס געשפרעך האט זיך ניט געקלעפט. לוגאנאוויטש האט זיך געפיהלט אין א קאמישער לאגע און האט ליידענד בעדויערט, וואס ער איז אהער געקומען. נאך מעהר בעליידיגט האט ער זיך געפיהלט צוליעב דעם, וואס אהער איז ער געקומען אין געהיים פון ראאיסא׳ן. זי איז געווען אייפערזיכטיג און האט פערלאנגט, אז ער זאל זיך מיט נינא׳ן נישט בעגעגענען. לוגאנאוויטש האט אבער בעטראכט פאר אונמעגליך איבערצורייסען מיט נינא׳ן די בעקאנט־שאפט אויף אמאל, אונבעוואוסט פארוואס. אויסער דעם האט דער דאזיגער פערלאנג איהם ערניעדריגט. דאס איז עהנליך געווען אויף א פערבאט, עפעס ווי ער וואלט געווען א איינגעל, וועמען מען קען בעפעהלען. לוגאנאוויטש האט געוואוסט, אז מארגען וועט פאר־קומען א סצענע, און ראאיסא וועט פון איהם ראכע נעהמען. ווי געוועהנליך, וועט די ראכע זיין — קאלטקייט, ער וועט גיט האבען פון איהר די צערטליכקייטען און לאסקעס צו וועלכע ער איז גע־וואהנט, דאס האט איהם דערפיהרט צו משוגעת און ראאיסא פלעגט לאכען.

אנני האט ניט אויפגעהערט צו שפאטען איבער איהם, דער אינזשינער האט פערעכטליך געשוויגען, נינא איז ניט ארויס פון איהר ווינקעל. אין לוגאנאוויטש׳ס נשמה האט דער צארן געברויזט געגען דער מיידעל, א פאאר מאל האט ער פרובירט אנהויבען רע־דען מיט איהר, זי האט אבער געמאכט דעם אנשטעל, אז זי הערט נישט און פלעגט באלד זיך ווענדען מיט עפעס א פראגע צו אנני.

ענדליך האט זיך איהם איינגעגעבען צו כאפען א מאמענט און ער האט זיך צוגעזעצט צו נינא׳ן.

— וואס זאל בעדייטען אזא אומ׳חן ? — האט ער געפרעגט.

— וואָסער אַ מ'חן ?... איך פערשטעה אייך ניט !... — האָט נינאַ געענטפערט קאַלט און הויכמוטהיג, קוים בעוועגענדיג די ליפּען.

לוגאַנאָוויטש האָט אַ קוק געטהאָן אויף דיעזע פרישע ליפּען און האָט זיך עראינערט די בערוישענדע עמפּפינדונג פון זייער קוס. אַ לייכטער נעבעל האָט איהם אַ קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ.

— פריהער האָט איהר מיט מיר גערעדט גאָר ניט אזוי !... — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אָנצוהערעניש.

— דאָס איז געווען פריהער — האָט נינאַ געענטפערט פּונקט אזוי קאַלט און פערעכטליך און האָט געוואָלט זיך אויפהויבען.

— איין מינוט, — האָט בעטענד ארויסגעפּליסטערט לוגאַנאָוויטש, — איך האָב געוואָלט אייך זאָגען צוויי ווערטער.

נינאַ האָט זיך אויף איהם איינגעקוקט פון איבער דער פּלייצע.

— איך בעט אייך, — האָט זי דורכגעזייהט דורך די צייהן.

אָבער לוגאַנאָוויטש איז שוין געווען אין דער מאכט פון איהר יוגענדליכקייט און פרישקייט, ראַאיסאַ איז אויגענבליקליך ארויס־געפלויגען ביי איהם פון קאָפּ. עס האָט זיך איהם שמערצליך גע־וואָלט עראינערן דער מיידעל דאָס פריהערדיגע, ארויסרופען אין איהר די בעקאַנטע אויפרעגונג.

— נינאַ !... — האָט ער שטיל ארויסגעפּליסטערט.

זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט און זיין געפיהל האָט זיך איהר איבערגעגעבען. נינאַ האָט אויפגעציטערט און האָט אראָבגעלאָזט די אויגען. איהרע ברעמען האָבען אָנגעהויבען צי־טערען.

— האָט איהר מיר אין גאַנצען פערגעסען ?... — האָט לוגאַנאָ־וויטש ארויסגערעדט מיט אַ ציטערנדע שטימע.

אויף איין אויגענבליק האָט נינאַ אויפגעהויבען אַ פּאָאָר גרויסע אויגען פול מיט פאָרוואורף.

— איהר אַליין האָט פערגעסען !... — האָט זי נאָך שטילער געענטפערט.

זיין שעהנער אויפגערעגטער פּנים איז געווען גאַנץ נאָהענט און זיינע הענד האָבען כמעט בעריהרט איהרע קניה. נינאַ האָט ניט ווילענדיג אַ קוק געטהאָן אויף דיעזע גרויסע שעהנע הענד און ס'האָט זיך איהר באַלד פערוועלט פערגעסען דעם גאַנצען וואָרט־

שטרייט און אומקעהרען דאָס געוועזענע. אין איהרע אויגען זיי־נען אָנגעלאָפען טרעהרען.

— וויקטאָר סערגעיעוויטש, זאָגט, איך בעט אייך, איז דאָס טאקי אמת, אז ראאיסא וולאדימיראָוונא וועט אין גיכען אוועקפאָה־רען ?... — האָט דער אינזשינער פּלוצלינג א פרעג געטהאָן.

— ניין, זי האָט וועגען דעם גאָר נישט געזאָגט... — האָט לו־גאנאָוויטש אָבגעענטפערט אויפציטערענדיג פון אונערוואַרטקייט און האָט באַלד דערפיהלט, אז דיזער נאָמען האָט איהם פער־ניכטעט.

נינא'ס געזיכט איז געוועזען קאַלט, בייז, און האָט אויסגעדריקט עקעל, ווי פריהער. זי האָט ווידער אַמאָל געוואָלט זיך אויפ־שטעלען.

— נינא, וואַרט... איך וועל אייך אַלץ ערקלעהרען... האָט לוגאנאָוויטש אויף געשווינד ארויסגעברומט, אליין ניט וויסענדיג, וואָס ער רעדט. — איהר אַליין זייט געוועזען שולדיג... ווען איהר וואָלט דעמאָלט ניט געווען...

נינא האָט זיך אויפגעהויבען, א שטאָלצע, ווי א הערצאָגין, ווארפענדיג אויף איהם א בליק, אין וועלכען עס איז געוועזען מעהר עקעל, איידער האַס.

— ווי עקעלהאַפט דאָס אַלץ איז, ווי העסליך, — האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען פון מויל און זי איז אָבגעגאַנגען צום טיש צו.

— מאמא, ווען מיר באַלד געהן עסען ?... פאַר וויקטאָר סערגעיעוויטש איז שוין צייט אוועקצוגעהן... מען וואַרט אויף איהם... — האָט נינא ארויסגערעדט רוהיג, ווי א מעטאַל.

דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך אריינגעגאָסען אין לוגאנאָוויטשעס פּנים. ער איז געבליבען אויף אָן אָרט, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן, און האָט מורא געהאַט א קוק צו טהאָן אויף אימעצען פון די אנוועזענדע. א וואָהנזיניגע בייזקייט האָט איהם אין גאַנצען אויפגעטרייסעלט. איהם האָט זיך געוואָלט שרייען, בעליידיגען נינא'ן, איהר דערמאָהנען אין דער נעגענוואַרט פון אַלע פּערזאָ־מעלטע, אז ווי די זאַך זאָל ניט זיין, און זי האָט זיך דאָך געקושט מיט איהם און דארום זאָל זי נישט מאַכען דעם אָנשטעל מיט איהר שטאָלצער אונשולד.

אַנני, וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, האָט אויף איהם געקראַנגען

רחמנות, האָט זיך צוגעזעצט נעבען לוגאַנאָוויטשען און אָנגעהויבען מיט איהם רעדען עפּעס וועגען קליינינקייטען, אין אַזאַ טאָן, ווי מען רעדט מיט בעליידיגטע אינגלעך. לוגאַנאָוויטש האָט ניט גע־וואוסט, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהען פון איהר.

ענדליך האָט זיך איהם איינגעגעבען זיך צו פּעראַבשיידען און אַוועקגעהען, און אַוועקגעהענדיג האָט ער געהערט, ווי דער אינזשינער האָט עפּעס וואָס געזאָגט אויף זיין חשבון און ווי נינאַ האָט אוננאַטירליך שפּאַט־לוסטיג און ראַכע־זיכטיג זיך פאַרנאַנ־דערגעקייכט.

נאָך זיין אַוועקגעהען האָט וויסאָצקי אָנגעהויבען אבשייד נעה־מען. נינאַ איז געגאַנגען איהם בעגלייטען ביז דער פאַרטקע פון דער דאַטשע.

אין דער אַלעע איז געווען גאַנץ פינסטער, און בעת זיי זיינען אַבגעגאַנגען פון דער טעראַסע, איז שווער געוואָרען צו זעהען איי־נער דעם צווייטען. עס האָט נאָר אָבגעשלאָגען אין דער פינסטער־ניש נינאַ׳ס ווייסע בלוזקע. שווייגענדיג זיינען זיי צוגעגאַנגען ביז דער פאַרטקע און זיך אָבגעשטעלט.

— נו, צום ווידערזעהען, נינאַ סערגעיעוונאַ, — האָט דער אינזשינער געזאָגט, דריקענדיג און ניט אַרויסלאָזענדיג איהר האַנד.

— צום ווידערזעהען, — האָט נינאַ געענטפערט מיט אַ זאַנ־דערבאַרען אויסוואַרטענדען טאָן און איז ניט אַוועקגעגאַנגען.

אַרום איז געווען פינסטער, נאָר די שטערען האָבען געגלאַנצט איבער׳ן וואַלד, זיי האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין שווערע אונ־בעוועגליכע שוואַרצע מאַסע. דאָס פּייערל אויף דער טעראַסע האָט געשוועבט דורך די בוימער, דערנאָך האָט ער זיך בעוועגט, אַרום־געוויגט און פערשוואונדען. דעם לאָמפּ האָט מען אַריינגעטראָגען אין קאַמער. ס׳איז אינגאַנצען געוואָרען שוואַרץ און עפּעס אַזוי זאַנדערבאַר, פּונקט ווי אין אַ׳ן אומבעקאַנטען אָרט. אַרום האָט גערוהט אַ שטילקייט, און, עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט.

און פּלוצלונג, גאָר קעגען איהר ווילען, האָט נינאַ׳ס געזיכט זיך אויפגעהויבען צום אינזשינער, ער האָט זיך איינגעבויגען, און געפונען איהרע ליפּען. פון דעם אונערוואַרטעטען קוס האָט זיך ביי דער מיידעל דער קאָפּ אָנגעהויבען דרעהען און די ערד האָט זיך

אַנגעהויבען שאָקלען אונטער איהרע פּיס. לאַנג איז געווען שטיל, דערנאָך האָט נינא זיך ארויסגעריסען און איז אוועקגעלאָפען צוריק.

וויסאָצקי האָט זי בעגלייט מיט די אויגען, האָט ארונטערגע־נומען דעם הוט, אריבערגעפיהרט מיט דער האנד איבער די האָאר און אַ קנאַק געטהאָן מיט די פינגער.

— פּארטיג !... האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, שפּירענדיג אין גאַנצען קערפּער דעם פאַרגעפיהל פון אַ נאָהענטען זיעג אי־בער איהר. — אַ דאנק לוגאַנאָוויטשען : ער איז געקומען אין דער צייט !... אַ וואוילע מיידעלע !... איצט וועט זי זיך שוין ניט אוועקדרעהען פון מיר... זיכער !...

דער אינזשינער האָט זיך צולאַכט און, שפּרייזענדיג העלדיש, פאַלקאָם צופריעדען מיט זיך, איז ער געגאַנגען צום רעסטאָראַן.

.11

נינא איז געלעגען אויפ׳ן בעט, האָט אינגאַנצען געציטערט און געשמייכעלט אין דער פינסטער שעהמעדיג און צארט. דער אינזשינער האָט זיך בעגעגענט מיט אַ בעקאַנטער קאָמפּאַניע און האָט געגעסען אבענד־ברויט אויף דער טעראַסע, צווישען פיעל מענ־שען, וואו עס איז געווען רויהיג און ליכטיג. און לוגאַנאָוויטש איינער אַליין, האָט ארומגעבלאָנקעט איבער׳ן פינסטער׳ן פּארק און די גאַנצע נשמה האָט ביי איהם געבערענט.

ער איז געווען אייפערזיכטיג, ליידענשאַפטליך אייפערזיכטיג, ביז צו משוגעת, אַבוואָהל ביז איצטיגען אבענד פלעגט ער זיך ער־אינערען וועגען נינא׳ן נאָר מיט אַ געפיהל פון אונבעקוועמליכקייט קעגען איהר. אבער איצט האָט זיך איהם געדאכט, אז ער האָט זי נישט אויפגעהערט ליעבען, און דאס איז געווען דערפאַר, ווייל לו־גאַנאָוויטש האָט זיך פאַלשטענדיג איבערצייגט אין איהר נאָהענטער קייט צום אינזשעניער.

ווען דאָס מיידעל וואָלט איהם בעגעגענט מיט טרויעריגע אוי־גען, ווען זי וואָלט געווען פערקימערט און בלאַס, וואָלט לוגאנאָ־וויטש קיין זאַך נישט געפיהלט אויסער מאַנסבילשער זעלבסטצו־פריעדענהייט. ער וואלט זאגאר געפונען גענוס אין דעם, וואָס ער וואָלט איהר אַנגעמאַטערט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך איהם ניט איבערגעגעבען דעמאָלט, בעת ער האָט עס פערלאַנגט. אָבער נינא

איז געווען פערליעבט אין דעם אינזשעניער, און לוגאנאָוויטש איז פאר איהר געווען אונגויטיג און ניט אינטערעסאנט. דאָס האָט לוגאנאָווימש ניט געקאָנט איבערטראָגען און אויגענבליקליך מיט דער פריהערדיגער קראַפט, האָט ער זיך פערליעבט אין דער מיידעל.

מיט א געפיהל פון פיזישען עקעל האָט ער זיך דערמאָנט אָן ראאיסאַ'ן. ער האָט דאָס פריהער אויך געפיהלט, נאָר איצט איז איהם געוואָרען פערשטענדליך מיט אַן אויפטרייסלענדער קלאָהר־קייט, אז אין זייער פערבאנד איז קיין זאך נישטאָ, אויסער טהירוי־שער, גראָבער צולאָזענקייט. דאָס איז אַ צולאָזענקייט, אַן אויס־געלאָסענקייט, וואס בערוישט אין דער נאַכט־פינסטערניש און ווערט מאכטלאָז פערשוואונדען ביי דעם ערשטען מאָרגען־שיין, וואָס בע־לייכט די צוואוואָרפענע אָרדנונגסלאָזע בעט, די מיעדע, רויטע אוי־גען, די צושויבערטע האָר, די ניט־שעהנע, שאנדלאָזע און ניט יונגע פרוי. יעדע נאכט האָט געבראַכט אן אויסברוך פון וואָהל־לוסט, וואָס האָט געפיהרט צו בעוואוסטלאָזיגקייט, יעדער טאָג — מידקייט, שוועהמוטה און עקעל צו זיך אליין, און צו דיעזער פרוי אָהן א נשמה און אָהן א הארץ, נאָר מיט אַ צולאָזענער ליידענשאפט פאָר וועלכער עס איז גאָר ניטאָ — גענוג.

און נינא!... דערזעהענדיג זי, האָט לוגאנאָוויטש אזוי ווי ער־וואכט פון עפּעס א שלעכטען קאָשמאר. איהר יונגקייט, פרישקייט; איהר ליעבע, ריינע נשמה, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון איהרע פער־טרויליכע ליכטיגע אויגען, האָט פול געמאַכט דאָס הארץ מיט אזא צערטליכקייט, אז טרעהרען זיינען איהם אָנגעלאָפען צום האלז. אין דעם באגעהר אליין זי צו בעזיצען איז איצט געווען עפּעס ריי־נעס און פריידיגעס. איז דען טאקי שוין אלץ פערלוירען אויף איי־ביג?...

לוגאנאָוויטש'ען האָט זיך שמערצליך פערוועלט באלד איבער־צורייסען אלץ מיט ראאיסאַ'ן, זי בעליידיגען, ווי אַ סאמע לעצטע בעשעפעניש, דערנאָך פאלען פאָר נינאַ'ן אויף די קניע, אויסבעטען ביי איהר פערצייהונג, פערגעסען דאָס פערגאנגענע און פון דאָס ביי זיך צו פערהאלטען קעגען איהר ריינקייט מיט עהר־פורכט, פיהלענ־דיג דעם זיסען האָפנונגסלאָזען ציטער פון אַ אונדרייסטען יוגענר־ליכען באגעהר.

אָבער דאָס איז געווען אונמעגליך. און ביים געדאנק, אז דאָס

מיידעל, קען זיין, געהער שוין דעם אינזשעניער, איז לוגאנאָוויטש אריין אין אזא גרימצאָרן, אז ס'איז איהם שווער געוואָרען צו אָטהעמען און ס'האָט זיך איהם געוועלט דערשיסען זיך.

א שעה צוויי האָט ער זיך ארומגעשלעפּט איבער'ן פּארק, דאָ צאָרנדיג, און אָט ענטטוישט ביז צו טרעהרען, אָבער ער איז ענדליך מיעד געוואָרען און אראָבגעפאַלען פון מוטה. אזא צושטאנד איז געווען ניט צו דערטראָגען, ער האָט געוועלט בערוהיגען זיך אויף א וועלכען איז אופן און אין איהם האָט זיך א ריהר געטהאָן א געהיימער געדאנק צו געהן צו ראאיסא'ן.

— אָבער, דאָס איז דאָך אבשייליך, איך ליעב זי דאָך נישט, זי איז אבשטויסענד!... נאָך אַלעם דעם בין איך דאָך ניט קיין טהיער!... — האָט לוגאנאָוויטש א טראַכט געטהאָן מיט וועהמוטה.

ער האָט ניט געקענט גלויבען, אז ער וועט געהן צו איהר נאָך אַלעם דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעפיהלט, נאָר ער האָט שוין געזוכט עפּעס אן אויסרייד, כדי זיך צו קענען רעכט־פערטיגען:

— סיידען געהן אהין מיט'ן ציעל זי צו ערנידעריגען?... זי צוטראָמפּלען, ווי דאָס לעצטע בעשעפעניס, צוברעכען איהר די ביינער, פערפּייניגען און דערנאָך ארויסשליידערען זי?

ער האָט אָנגעהויבען זיך אַליין פערזיכערען, אז אזוי דאַרף מען זיך באַגעהן מיט איהר, אום צו נעהמען נקמה פאר זיין מפּלה, פאר זיין נידערפאַלען און אויך פאר נינא'ן, נאָר די פאָרשטעלונג וועגען דעם, אז ער וועט ראאיסא'ן פיזיש ערנידריגען, האָט אין איהם ארויסגערופען א ברענענדיגען וואָהל־לוסטיגען באַגעהר. און וואָס מעהר ער האָט ערנידריגט ראאיסא'ן אין געדאנק ביי איהם, וואָס מעהר יסורים ער האָט איהר אָנגעטהאָן און געשפּעט איבער איהר, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען זיין באַגעהר.

לוגאנאָוויטש האָט זיך פערלוירען.

— בין איך דען טאַקי אזא נידערטרעכטיגער?... — האָט ער גאאיוו זיך אַליין געפרעגט און באַלד זיך דערמאָנט, וואָסערע יסורים ער האָט דאָס איבערגעלעבט, בעת ראאיסא האָט צוליעב א קאַפּריז קיין צערטליכקייטען איהם ניט ארויסגעוויזען. דעמאָלט איז ער אויף אַלץ גרייט געווען, נאָר זיך איינצוקויפען אין איהר לאַסקע, און אויב ער וועט איצט אַלץ מיט איהר איבעררייסען, וואָס־זשע וועט דאַן זיין?...

און אפשר געהן אהין און דאס זאל זיין דאס לעצטע מאל ...
— האט ער פורכטזאם א טראכט געטהאן און אליין דערפיהלט, ווי עקעלהאפט און לעבערליך דאס איז.

דאן האט ער בעשלאסען באלד צו געהן אהיים און זיך לעגען שלאפען. און, דערפרעהענדיג זיך מיט דער פעסטקייט פון זיין בעשלוס, פיהלענדיג, אז פון זיין נשמה האט זיך אראבגעקייקעלט א גרויסע שווערקייט, האט ער געשווינד אנגעהויבען שפרייזען אהיים.

איהם איז אויסגעקומען פארבייצוגעהן פערביי ראאיסא'ס דאטשע, און בעת ער איז אויסגעקומען קעגען דער פארטקע, זייגען לוגאנאוויטש'עם טריט ניט ווילענדיג לאנגזאמער געווארען. ער האט דערפיהלט, אז די שרעקליכע פיזישע ציהונגס־קראפט איז שטארקער פון איהם און אז ער וועט שוין ניט פערבייגעהן.

איין מינוט איז לוגאנאוויטש געשטאנען אין אונענטשלאסענהייט, האט געקוקט קעגען זיך מיט פערצווייפלונג, עפעס ווי ער וואלט געווארט אויף א וועלכער איז הילף, אבער קיין הילף איז ניט אונטערגעקומען, און, פערהאסענדיג זיך, פונקט אזוי, ווי פאלענדיג אין א בלאטע, האט ער מאכטלאז געעפענט די פארטקע.

און בעת ער האט געהאלטען אין זיינע אומארמונגען די פערהאסטע, אבשטויסענדע פרוי, האט זיך זיין הארץ פערקלעמט פון שוועדר־מוטה און עקעל, נינא'ס געשטאלט האט געשוועבט פאר זייגע אויגען, און מיט דער פערצווייפלונג פון דעם וואס טרינקט זיך, האט לוגאנאוויטש געטראכט:

„נו זאל זיין אזוי!... א חיה, — איז א חיה!... זאל אזוי זיין!...“

און דער דאזיגער מינוט האט ער געהאסט די גאנצע וועלט און מעהר פון אלץ נינא'ן, וועלכע, ווי איהם האט זיך געדוכט, האט איהם געבראכט צו דעם דאזיגען נידערפאל.

12.

דער ערשטער קוש, אויף וועלכען נינא האט שוין לאנג געווארט, פאר וועלכען זי האט זיך געשראקען און דאך געוואלט, האט צוטרייסעלט איהר נשמה ביז'ן גרונד. אויסגעוויזען האט זיך דאס אזוי שרעקליך, פאר אזא שאנד, און געקומען איז דאס אומפערהאפט, איינפאך און גוט.

אויף מאָרגען, בעת דאָס מיידעל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט זי זיך דערמאָנט וועגען אַלץ, דאָס פּנים האָט זיך ביי איהר אָנגעצונדען, אָבער ניט פון שאַנדע, נאָר פון גליק. אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהר און לוגאַנאָוויטש'ען, האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַזוי נישטיג, אַז אפילו דערמאָנען זיך וועגען דעם איז געווען לעכערליך. איצט איז געווען גאַנץ אַנדערש, און פון דיעזען טאָג, האָט זיך איהר געדוכט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ ניי לעבען, אַ ווירקליכעס לעבען.

דער אינזשעניער איז געווען פאַרזיכטיג, ער האָט דאָס מיידעל ניט געשראָקען. זיי האָבען צוזאַמען פערבראַכט גאַנצע וואָכען, געגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירען ערגיץ־וואו ווייט, אין וואַלד, אָדער אויף די לאָנקעס און האָבען גערעדט אָהן אַ עק. אמת, די געשפּרע־כען פלעגען אָפט איבערגעריסען ווערען דורך קוסען און דורך אומ־אַרמונגען, אָבער דאָס פלעגט נאָר צוגעבען גרויס פּראַכט צו די אונטערהאַלטונגען וועגען ליטעראַטור, וועגען אַ לעבען נאָכ'ן טויט און וועגען טהעאַטער.

נאָר ביסלעכווייז, טריט פאַר טריט, מיט אַ געניטער האַנד, האָט דער אינזשעניער צוגעוואָהנט נינאַ'ן צו לאַסקעס. זי האָט אפילו ניט בעמערקט, אַז די קוסען זיינען געוואָרען צו פיעל פּיזיש, צו „פליישליך", די אומאַרמונגען — גראָב. און דאָס מיידעל איז צו זיי צוגעוואָהנט געוואָרען, האָט וועגען זיי דעם גאַנצען טאָג גע־טראַכט, האָט אָנגעהויבען ליעבען זיי און באַגעהרען.

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט אפילו קיין פערדאַכט ניט געקאָנט צולאָזען, אַז נינאַ ערלויבט אימעצען טהאָן אַזעלכע זאַכען, ער האָט אָבער געפיהלט, אַז דאָס מיידעל'ס לעבען האָט זיך געענדערט, האָט אונערטרעגליך געליטען, איז געווען אייפערזיכטיג אויפ'ן אינ־זשעניער אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט גאַנצע נעכט נאָר געטראַכט וועגען זעלבסטמאָרד. מיט אַלע קרעפטען האָט ער זיך בעמיהט נישט אָבצוטרעטען פון נינאַ'ן, נאָר נינאַ האָט דייטליך איהם אויס־געמיידט, איהם אָבגענאַרט אונטער אַלערליי אויסריידען, און פלעגט אַוועקגעהן אַליין. און דער אָרימער סטודענט פלעגט אויס־געהן פון ליעבע און אייפערזוכט, זיך אַרומבלאָנקען איבער אַלע דאַטשעס אַרומזוכענדיג נינאַ'ן און אין דער אייגענער צייט האָ־בענדיג מורא זיך צו ווייזען פאַר איהרע אויגען.

דער זומער האָט זיך שוין דערנעהנטערט צום סוף, און פון אבענד פלעגט דער הימעל ווערען גרין, און אין וואַלד־געוויש פלעגט זיך הערען א נייער, טרוקענער און שאַרשטיגער קלאַנג. ס׳איז נאָך אָבער אַלץ וואַרעם געווען, און פון אַוואַנד שטיקענד, אויפ׳ן ראַנד פון האָריזאָנט פלעגען זיך אויפטויכען בליצען.

נינא און וויסאָצקי זיינען געגאַנגען זאַלבעצאַנד איבער דעם באַרג־אויפשיט, איבער וועלכען זיי האָבען שפּאַצירט דעם ערשטען אבענד פון זייער בעקאַנטשאַפט. אָבער איצט האָט דער אינזשע־ניער וועניג גערעדט און דאָס ניט וועגען דעם, וואָס ער האָט דע־מאָלסט גערעדט. זיינע הענד האָבען כסדר געזוכט זיך אָנצוריהרען אָן דער מיידעל׳ס קערפּער. נינא האָט איינגאַנצען געברענט, איז גע־ווען אויפגעברויזט און גליקליך און האָט בענעהרט נאָך עפּעס אַ וועלכען איז גרעסערען גליק.

דער צופלאַקערטער הימעל האָט שוין אָנגעהויבען ביסלעכווייז זיך אויסלעשען, און אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַרונטערגעלאָזען הינ־טערן וואַלד. אין די גראָבענס, ביי די זייטען פון באַרג אויפשיט, האָט דאָס וואַסער געבלישצעט און אַ דורכזיכטיגער רויכעלע פון דעם נעבעל האָט זיך געהויבען איבער׳ן וואַסער.

זיי אָנטקעגען איז געגאַנגען עפּעס אַ וועלכע איז קאָמפּאַניע. פון אַ הינטער זיי האָבען זיך אויך געהערט שטימען און דאָס האָט אויפגערעגט נינא׳ן. איצט האָבען איהר אַלע געשטערט און ס׳האָט זיך איהר געוואָלט, אַז אַלץ זאָל פּלוצלינג פערשווינדען נאָר זיי ביידע זאָלען אליין בלייבען אויף דער גאַנצער וועלט. נאָך די שטי־מען האָט דאָס מיידעל דערקאָנט בעקאַנטע דאַטשניקעס און האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט זי דערקענען. נינא איז געווען צוטראָגען און זאָנדערבאַר זיך אַרומגעקוקט אין די זייטען, וואו דער וואַלד האָט זיך אַוועקגעצויגען גאַנץ ענג און ס׳איז געווען פינסטער. אומ־בעוואוסטזיניג האָט זי גנוואַרט, אַז דער אינזשעניער זאָל פאַרשלאָ־גען אַוועקצוגעהן אַהין, אָבער זי האָט מורא געהאַט אליין וועגען דעם צו רעדען. ס׳איז עפּעס געווען אַזוי חיים און אַ קערפּערליכער פער־דרוס האָט געמאַטערט.

„וואָס מהוט זיך דאָ מיט מיר?...“ האָט דאָס מיידעל גע־טראַכט.

אין דער קאָמפּאַניע, וואָס איז זיי אַנגעקומען אנטקעגען, איז

געגאנגען אין רייהע א מאנספארשוין און א פדוי. נאך פון דער ווייטענס האט זיי נינא דערקענט, אבער אנשטאט אמאליגער איי־פערזוכט, האט זי ערשט דערפיהלט א שאנד, וואס זיי וועלען זי דערזעהן און דעם אינזשעניער. זי האט זיך ניט געשעהמט ניט נעכטען און ניט פריהער, פאר וואס עפעס נאר ערשט האט זי זיך אנגעהויבען שעהמען?

און בעת לוגאנאוויטש מיט ראאיסא׳ן זיינען פערביי זיי פערביי־געגאנגען, זי נאך אלץ אין אזא שווארצער קלייד, מיט דיזעלבע זיכערע געצעהלטע טריט, — האט נינא דערפיהלט, אז דאס בלוט פערגיסט איהרע באקען. אבוואהל ס׳איז געווען פינסטער און ווי־סאצקי האט עס ניט געקאנט זעהן, איז דאס מיידעל פונדעסטוועגען אוועק פאראויס.

— א ליעבעס־לאסקע, — האט דער אינזשעניער אין דער־זעלבער צייט געזאגט — דארף ניט זיין פאר זיך אליין א ציעל... ווען עס איז וועלען עס מענשען פערשטעהן... זיי וועלען פער־שטעהן, אז זיי אליין זיינען אויף דער ערד, און אז זייער איינציגעס קימערליכעס גליק איז אין דעם, אז מען זאל ליעבען, לאסצען, טרייסטען איינער דעם צווייטען!... און דעמאלט וועט דער מאנס־פארשוין און די פרוי זיך אבגעבען איינער דעם צווייטען, זיי וועלען עס טהאן אהן ליידענשאפט, ווי פריינד וואס גיבען איינפאך אוועק אלץ, וואס זיי קענען געבען!....

„צו וואס רעדט ער דאס?...“ — האט נינא געטראכט מיט אן אונפערשטענדליכען פערדרוס. און א מאדנע פיזישע אונגעדול־דיגקייט האט זי געצוואונגען אויפצוציטערען. — און פאר וואס געהען מיר אט דא, בעת מ׳קען אוועקגעהן ערגיץ וואו, וואו קיינער איז ניטא!“

און איהר אליין איז איצט אויסגעקומען זאנדערבאר, איבריג, און אוננויטיג, דיזעלבע ווערטער, וועלכע זי האט זיך פריהער אנגע־הערט שטונדענווייז, ניט בעמערקענדיג, ווי די צייט פליהט.

נינא האט זיך א גליטש געטהאן און וויסאצקי האט זי אונ־טערגעכאפט. איין אויגענבליק האט זי זיך צו איהם צוגעדריקט מיט׳ן גאנצען קערפער, און זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט.

— קומט אוועק וואו עס איז... — האט דער אינזשעניער גע־זאגט, עפעס אזוי ווי ער וואלט דערפיהלט, וואס מיט דער מיידעל טהוט זיך.

— וואוהין ?... פאר וואס ?... — האט זי שטיל און מאָדנע ארויסגעפליסטערט און איז אליין געגאנגען הארט, וואו ער האט זי גערופען אהן ווערטער.

ווי נור די ביימער האבען בעהאלטען דעם אנגעשאָטענעם בערגעל, און די וואלד פינסטערקייט האט זיי ארומגעכאפט פון אלע זייטען, האט דער אינזשעניער גראָב ארומגענומען דאס מיידעל. דאס איז געווען א וואהנזיניגער, ענדלאזער, פייניגענדער קוס, פון וועלכען דער קאָפּ האט זיך ביי איהר פערדרעהט, דער גאנצער קער־פער איז אבגעשוואכט געוואָרען און דאס לעצטע בעוואוסטזיין פון דאס וואס קומט דא פאר, — איז פערשוואונדען. איצט האט ער מיט איהר געקאָנט טהאָן אלץ, וואס ער האט געוואָלט.

קוים זיכטבאר אין דער פינסטערניס, האט אויף איהם געקוקט עפּעס א אונבעקאנטעס געזיכט, מיט פרעמדע, גרויזאמע און דורש־טיגע אויגען. נינא, זיך איבערבויגענדיג אויף צוריק, האט געפיהלט, ווי עס צופלעכטען זיך איהרע האָר, האט געוואָלט זיי אונטערהאל־טען, נאָר זי האט ניט בעוויזען. קוסען האבען זיך צונויפגעגאָסען עפּעס אין א וואהנזיניגען אויסברוך. זי האט פערלוירען דעם אָטהעם. זי איז פון זינען אראָב, זי האט אויף די פיס ניט געקענט שטעהן.

— לאָמיר זיך זעצען... — האט זי קוים געפליסטערט, א צו־שויבערטע און א בלאסע.

ס'האט זיך געהערט, ווי איבער'ן בארג־אנשיט, גאנץ נאָהענט, זיינען פערבייגעגאנגען מענשען, לאכענדיג און אויסשרייענדיג הויך עפּעס אונפערשטענדליכע ווערטער. נאָר רונד־ארום האבען זיך גע־ענגט די שטילקייט מיט דער פינסטערקייט, די פערצויבערטע אונ־בעוועגליכקייט פון וואלד. ס'האט אויסגעוויזען, אז אלץ האט זיך אבגעשטעלט, האט געקוקט און געהאָרכט אין ערוואַרטונג.

נינא איז האלב געזעסען, האלב געלעגען אויפ'ן גראָז, קראַ־צענדיג די הענד אָן די שאַרפע, טרוקענע סאָסנאָווע נאָדלען. די אויגען זיינען ביי איהר געווען צוגעמאכט, די הענד מאַכטלאָז, דער גאנצער קערפּער ארומגעכאפּט פון אן ערשעפּפטע מיעדקייט. זי האט קיין זאך ניט געזעהן און ניט פערשטאנען, וואס איז מיט איהר, נאָר געפיהלט. זי האט געפיהלט א ברענענדיגע שאנדע, אבער עס האט זיך געוואָלט נאָך מעהר שאנד און גליק. אבער

בעת זי האָט שוין קיין ווידערשטאַנד ניט אַרויסגעוויזן און זיך ניט געוועהרט, האָבען זיך ווידער אַמאָל דערהערט שטימען, און דאָס מאָל גראַד אין דער ריכטונג צו זיי.

דורכ'ן קלאַנג און גערויש אין די אויערען האָט נינא דערהערט און דערקענט דיזע שטימען: לוגאַנאָוויטש האָט עפּעס וואָס גע־רעדט, ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונאַ האָט שפּאַט־לוסטיג און ציניש זיך געקייכט. און באַלד האָט דאָס מיידעל אינסטינקטיוו פערשטאַנען, אַז זיי זוכען נור איהר.

דער אינזשעניער האָט אַליין געשווינד אויפגעהויבען נינאַ'ן, ווארום זי אַליין האָט זיך אין דער מינוט ניט געקענט אויפהויבען אויף איהרע אָבגעשוואַכטע פיס. שווייגענדיג און געשווינד האָבען זיי געשפּאַנט טיעף אין וואַלד. נינא איז געגאַנגען פאַראויס, אין גאַנצען קאַלט ווערענדיג פון שאַנדע און מורא, בעמיהענדיג זיך אונבעמערקט צו ברייגנען אין אָרדנונג איהרע קליידער און די האָר.

די שטימען פון דער ווייטענס זיינען שטיל געוואָרען, און די לעצטע ווערטער, וואָס נינא האָט געהערט זיינען געווען:

— דאָך האָבען זיי זיך גוט בעהאַלטען!...

דאָס האָט שפּאָט־לוסטיג אַרויסגערעדט אַ פרויען־שטימע, און נינאַ'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען האָט איהר אַ שמיץ געטהאָן מיט אַ בייטש איבער'ן נאַקעטען קערפּער.

קוים אָטהעמענדיג, אַן אויסגעמאַטערטע, אַ האַלב טויטע פון שרעק און שאַנדע, איז דאָס מיידעל צוגעגאַנגען ביז די ערשטע דאַטשעס, מאַכענדיג אַ גרויסען קרייז איבער'ן וואַלד. איצט האָט זי שוין מורא געהאַט טאָמער וועט וויסאָצקי ווידערהאָלען זיינע פערזוכען און איז געגאַנגען אַלץ גיכער און גיכער, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט רעטען דורכ'ן אַנטלויפען. דער אינזשעניער האָט עפּעס וואָס גערעדט, האָט זיך בעמיהט זי איינצוהאַלטען, אָבער נינאַ האָט ניט געהערט און האָט פרייער אויפגעאָטהעמט נור דאַן, בעת אַרום האָבען זיך דערהערט שטימען, פון די פענסטער זיינען געפאַלען ברייטע פּאַסען ליכט און פון אַלע זייטען האָבען זיך גענומען בעווועגען די שוואַרצע סילועטען פון די דאַטשניקעס.

דער חושך, דער וואַלד און דער מאָדנער וואַהנזין, ווי אַ חלום, זיינען ערגיץ־וואו געבליבען, און רונד־אַרום איז אַלץ געוואָרען איינ־פאַך און געוויינליך.

— זייט געזונד, איצט וועל איך אליין !... — האָט נינא אָנ־געשטריינגט אַרויסגערעדט און פריידיג דערפיהלט, אַז זי איז ווי־דער אַמאָל שטאַרק און פריי.

דער אינזשעניער האָט עפּעס־וואָס געפרעגט, געבעטען, אָבער נינא האָט פעסט זיך אַ קעהר געטהאָן צום הויז־צו, און ער האָט מיט טהירישען פערדרוס געטראַכט, אַז איצט וועט מען זי ניט קענען אויפהאַלטען. מען האָט געדאַרפט אַריבערגעהען אַ קורצע פינסטערע אַלעע, און דאָ האָט וויסאָצקי ווידער אַמאָל אַרומגענו־מען דאָס מיידעל, אָבער נינא האָט זיך שוין ניט אָבגעגעבען צו זיינע קוּסען, איהרע ענטפּער־קוּסען זיינען געוועזען אונטערגעאיילטע, געשווינדע, ניט קיין אויפמערקזאַמע און לייכטע. זיך אַרויסרייס־סענדיג איז נינא געלאָפען און פערשוואונדען אין פאַרטקע.

דער אינזשעניר האָט אַ ציה געטהאָן מיט'ן שולטער און פער־דריסליך אַ סקריפּ געטהאָן מיט די צייהן.

— אַ, די שדים וואָלטען זיי בעסער גענומען !... דאָס וועל איך ראַאיסקע'ן קיין מאָל ניט מוחל זיין !... נו, גוט !"... און אַנ־דערם מאָל, ליעבע נינאָטשקע !...

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן כמעט מיט פיינדשאַפט, זיך אומגעקעהרט און געגאַנגען צוריק. אָבער די נערווען זיינען געווען צושרויפט און עס האָט זיך אויסגעוויזען גאַנץ אונמעגליך צו געהן אַ היים שלאָפען, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן און מיט וואָס אָב־צולעשען די אונערטרעגליכע פיזישע אויפגערעגטקייט, האָט ער זיך פערנומען צום רעסטאָראַן צו.

„וועט מען דאַרפען זיך אָנטרינקען, וואָס !..." האָט ער גע־טראַכט.

אַ דונקעלע פרויען פיגור, דייטליך קלאַפּענדיג מיט די קנאַפּ־לען, איז געגאַנגען איהם אַנטקעגען.

— אַ, דאָס זענט איהר !... — האָט דער אינזשעניער שפּאַט־לוסטיג אַרויסגעמורמעלט און זיך אָבגעשטעלט, — און וואו איז אייער קאַוואַליער ?

— און וואו איז אייער דאַמע ?... — האָט ראַאיסאַ געפרעגט אויך שפּאַט־לוסטיג.

דער אינזשעניער, ניט ענטפערענדיג, האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן אויף איהר, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט זיך בעטראַכ־

טען, דאן האט ער געשטעלט א טריט, און פלוצלונג זי א חאפ גע־טהאן אין זיינע אומארמונגען.

ראאיסא ווֹלאדימיראָוונא איז שיער ניט אנידערגעפאלען פון אונערוואַרטען שטוים.

— איהר זענט פון זינען אראב!... — האט זי ארויסגעפּליס־טערט, זיך ארויסרייסענדיג, — מען וועט דערזעהען!...

— נו, איז וואס, אז מען וועט דערזעהן?... מאך ניט קיין אָנשטעל, איך בעט דיר!... — האט דער אינזשינער איהר גראָב אָבגעענטפערט.

— אומעטיג... ס'האט שוין דערעסען!... — האט ראאיסא ארויסגערעדט מיט א מיעדער קאלטער בייזקייט.

א מינוט אומגעפעהר זיינען זיי אזוי געשטאנען, קוקענדיג איינעם דעם צווייטען אין די אויגען עפּעס מיט א מאָדנע פיינד־שאפט. דערנאך האט ראאיסא לאנגזאם זיך בעפרייט פון זיינע אומארמונגען, צורעכט געמאכט איהרע האָר, אונאנגענעהם א שמייכעל געטהאן, א הויב געטהאן מיט די אקסלען און, עפּעס אזוי ווי זיך אונטערגעבענדיג דער נויטווענדיגקייט, איז זי אוועק צו איהר דאטשע. וויסאָצקי איז נאכגעגאנגען. ביז'ן סאמע הויז זיינען זיי געגאנגען שווייגענדיג, ווי שונאים.

דאס פענסטער פון איהר שלאף־צימער, ווי שטענדיג, איז גע־ווען אָפען און האט זיך געשווארצט אויף דער ווייסער וואנט. פלוצ־לונג האט די פינסטערקייט אין צימער גענומען זיך באוועגען, א נאקעטע פרויען־האנד האט זיך בעוויזען און האט איהם פערמאכט.

13.

די גאנצע נאכט האט נינא אָבגעשלאָפען מיט א שווערען שלאף און האט זיך אויפגעכאפּט מיט א קאפ־וועהטאג, מיט א צובראָכענעם קערפּער און מיט א געפיהל פון עפּעס א שרעקליכען אומגליק. בעת זי איז ארויסגעגאנגען אין גאָרטען, האט זי זיך ערשט עראינערט וועגען אלץ, וואס איז פּאָרגעקומען, און האט אי־בערגעלעבט אזא שרעקליכע ערשיטערונג, אז איין מינוט האט זיך איהר געדאכט, אז אט שטארבט זי.

— גאט!... גאט!... — האט דאס מיידעל געפליסטערט, שטעהענדיג צווישען די גרינע, פון דער זון דורכגעדרונגענע בוי־

מער און קוקענדיג קעגען זיך מיט בלאַסע אומבעוועגליכע אויגען.

זי האָט זיך געוואָלט פערשטעקען מיט'ן קאָפּ ערגעץ־וואו אין די קוסטעס, קיינעם נישט זעהען. דעם גאַנצען טאָג איז זי געגאַנגען אַ צוטומעלטע, זיך בעהאַלטענדיג פון אַלעמען. זי האָט קיינעם נישט געקאָנט קוקען אין די אויגען און, זיך פערקלייבענדיג אין די אָבגעזונדערטע ווינקעלעך אין גאָרטען, האָט זי אַלץ געטראַכט און געטראַכט.

דיזע געדאַנקען קען מען ניט איבערדערצעהלען מיט ווערטער, ווייל די געדאַנקען האָבען זיך געטראָגען שטיקלעך־ווייז, עפּעס אַזוי ווי אָהן אַ שום צוזאַמענבונד. אַ ווילדע און זאָנדערבאַרע איבערבייטונג פון געפיהלען און שפּירונגען איז דאָס געוועזען: מינוטענווייז — אַ שרעק קעגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען, מינוטענווייז — אַנ'ערשיטערנדע פרייד. אָט האָט זיך איהר אָבגעדאַכט, אַז אַלץ איז שוין פערלאָרען, און אָט דאַכט זיך איהר, אַז ס'הויבט זיך אָן אַנ'אמת לעבען. אַמאָל האָט זי גאָר מורא צו עראינערען זיך, און אַמאָל בעמיהט זי זיך צו עראינערען אַלץ, ביז די קלענסטע איינצעלהייטען, און זי פאַרגעהט אין אַ זיסער מיעדקייט. דאַ דוכט זיך איהר, אַז דאָס טאָר נאָך אַמאָל נישט פּאַסירען, און דאַ ווילט זיך איהר, אַז דער טאָג זאָל וואָס גיכער אַוועק און זי זאָל זיך ווידער אַמאָל בעגעגענען מיט'ן אינזשינער, נייע קוסען, נייע לאַסקעס. נאָר איינס איז נינאַ'ן קלאָהר געוועזען, אַז עס איז געשעהען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזען אין איהר לעבען, און אַז עס האָבען זיך אין איהר ערוואַכט אַזעלכע געפיהלען, וועלכע זי האָט פריהער נאָך ניט געוואוסט.

בעת זי האָט זיך עראינערט דעם אינזשינער, האָט זי דערפיהלט, אַז פאַר קיין פאַל וועט זי איהם ניט קוקען אין די אויגען, און ווען ער וועט קומען וועט זי אַנטלויפען און זיך בעהאַלטען, ווי אַ קליין מיידעלע.

נינאַ האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ געזיכט ער האָט געהאַט אין יענער מינוט און אַ מאָדנער נייגיעריגער געדאַנק, פאַר וועלכען זי אַליין האָט זיך אָנגעהויבען שעהמען, איז איהר באַלד דורכגעלאָפען דורכ'ן קאָפּ:

„נו, און ער... און ער האָט זיך דען ניט געשעהמט ?... אָדער טאָקע אַזוי דאַרף דאָס זיין ?..."

פון ביכער האָט זי געוואוסט, אַז אַ מאַנספּערשוין טהוט אויס אַ פרוי. האָבענדיג הנאה פון איהר נאַקעטקייט, און דאָס האָט זיך איהר גאָר ניט אויסגעוויזען שענדליך, און, פערקעהרט, זעהר אינ־טערעסאַנט און שעהן. אָבער אין די ביכער זיינען נאָר געווען וואונ־קען, אָנצוהערעניִשען, וועלכע רעגען און שרעקען ניט, אָבער ווי אַזוי דאָס קומט פאָר אין דער ווירקליכקייט, ווי אַזויביידע פיהלען דערביי, האָט נינאַ אַפילו זיך ניט פאָרגעשטעלט. און אַט דער־פאַר איז דאָס, וואָס מיט איהר אַליין איז נעכטען פאָרגעקומען, געווען אונעהוואַרט, און האָט זי אויפגעטרייסעלט און פערפּלאָנ־טערט אין אַ פאַלשטענדיגען ווידערשפּרוך פון שאַנד, שרעק און פרייד.

אָבער אין איהם, אין דעם דאָזיגען שעהנעם, דרייסטען מאַנס־פּערשוין, וועלכער האָט זי אריינגעפיהרט אין אַ וועלט פון נייע שפּירונגען, איז נינאַ שוין געווען פערליעבט מיט איהר גאַנצען וועז־זען. זי האָט איהם ליעב געהאַט, נאָר אין דער אייגענער צייט אויך מורא געהאַט פאַר איהם, אַזוי מורא געהאַט, אַז נור ביי דעם קלאַנג פון זיין שטימע, האָט זיך געדוכט, וואָלט זי געקענט שטאַר־בען. אַט אין אַזאַ אינערליכער ארומוואָרפענעס איז אוועק דער גאַנצער טאָג. נאָר בעת די זון, ארומגערינגעלט מיט אַ רויטען שטויב האָט מיעד געגומען זיך נויגען צו מעריב זייט און אין דער לופט האָט אַ ציה געטהאָן מיט אַ קיהלקייט פון נאָהענטען אָוונד, האָט דאָס מיידעל אָנגעהויבען זיך בערוהיגען. און בעת ס'איז גע־קומען קאַליא וויאַזאָווקין, אַן אומעטיגער און דערפאַר אינגאַנצען עהנליך אויף אַ באַראַן, איז נינאַ אינגאַנצען פרעהליך געוואָרען. זי האָט זיך דערפרעהט, וואָס ער איז געקומען, ווייל אין זיין אַנוועז־זענהייט איז ניט געווען אַזוי שרעקליך און שעהמהאַפט צו בעגעגע־נען דעם אינזשעניער, און זי איז געווען אַזאַ שפּאַס־לוסטיגע, אויפ־געלעגטע און רווישיגע, אַז אַפילו די פּוילע אַנני האָט עס בעמ־מערקט.

— פון וועלכע שמחות האָסטו זיך עפּעס אַזוי צולאָזען?...

— האָט זי שפּאַס־לוסטיג געפרעגט. — וואָס איז מיט דיר?...

— מיט מיר?... גאָרנישט!... — האָט נינאַ אויפגעזונגען פון „יעווגעני אָניעגין“, — האָט זיך צוקייכט, אַ ציה געטהאָן קאַ־ליאַ'ן ביי די האָר און געגומען לויפען אין גאָרטען.

— יאָגט מיר נאָך !...

קאָליאַ וויאַזאָווקין האָט אומגעלומפּערט אָנגעהויבען אונטער־שפּרינגען, איז געלאָפען נאָך איהר.

— לאָמיר זיך זעצען, — האָט נינאַ ערנסט, זאָגאַר וויר־דיג, געזאָגט, בעת זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פערסאָפּעטע ביים באַנק, אין דעם ווייטסטען ווינקעל פון גאָרטען.

קאָליאַ וויאַזאָווקין האָט געהאָרכזאַם זיך געזעצט נעבען איהר.

— ווייסט איהר, קאָליאַ, — האָט זי אָנגעהויבען טריאומפי־רענד, — וועגען וואָס איך וויל ביי אייך פרעגען ?...

— ניין, איך ווייס ניט, — האָט קאָליאַ וויאַזאָווקין אומעטיג געענטפערט.

און ביידע האָבען געשוויגען. דער אָבענד האָט זיך שוין דער־נעהנטערט און דאָס גרינס פון די בוימער איז געוועזן שטיל און בלאָס. ניט איין צווייגעלע האָט זיך בעוועגט אַרום.

גאַנץ אונערוואַרטעט האָט נינאַ זיך פאַרנאַנדערגעוויינט. זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, דאָס פּנים פערדעקט מיט די הענד, און, זיך אַראָבבויגענדיג ביז די קניע, האָט זי זיך צונויפגעדרעהט אין א קנויל. זי האָט געוויינט, ווי אימיצער וואָס ליידט און קען קיינעם ניט דערצעהלען וועגען זיינע ליידען.

קאָליאַ וויאַזאָווקין האָט קיין זאַך נישט פערשטאַנען. ער האָט אַרומגעטענדעלט אַרום איהר פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען און האָט נור ווידערהאָלט:

— נינאַ סערגעיעווונאַ !... נינאַ סערגעיעווונאַ !...

ער האָט געמוזט זעהר נאַריש אויסזעהן, ווייל נינאַ, א קוק געבענדיג אויף איהם, האָט באַלד אויפגעהערט וויינען און היסטע־ריש זיך צולאַכט.

— אַך, סאַראַ קאָמישער איהר זענט, קאָליאַ !... סאַראַ נאַ־רישער, נאַרישער !...

נאָר דער אָרימער קאָליאַ וויאַזאָווקין, וועמעס הארץ, איינגע־דריקט פון דער שמאָלער טוזשורקע, צעריסען פון מיטלייד, ליע־בע און אונקלאָרע אהנונגען, האָט זיך נישט בערוהיגט. ער האָט בענומען שמייכלען נאַריש און ווידער אמאָל ווידערהאָלען דאָס זעלבע :

— נו, איז גאָט צו דאַנקען !... איז א דאַנק גאָט !...

— נו, דאנקען, דאנקען!... — האט נינא מאשינמעסיג יוי־דערהאלט. — און וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען?... דאס איז גאר נישט, נארישקייט!... און איך בין היינט גליקליך, קאַ־ליא!... זעהר גליקליך!... — האט זי ווידערהאלט און א קוק געטהאן אויף איהם מיט ברייט געעפענטע, פרעגענדע אויגען.

— פאר וואס עפעס?... — האט נאריש געפרעגט קאליא וויאַ־זאַווקין.

— פאר וואס עפעס?... — האט דאס מיידעל חיטרע אי־בערגעפרעגט — וואס ווייס איך פאר וואס ... איך בין גליק־ליך און דאס אלץ! קען מען דען זאגען, פאר וואס מען איז גליק־ליך?...

— איך דענק, אז מען קען, — האט קאליא בעשלאסען, סאליד בעטראכטענדיג.

נינא האט לאנג געשוויגען, קוקענדיג אויף אראפ, דערנאך האט זי פלוצלונג גענומען אטהעמען אלץ אפטער און אפטער און די שולטערען האבען אויפגעציטערט ביי איהר. טויזענדע געפיהלען און פראגען וואס האבען געמאטערט איהר נשמה, האבען געפאדערט אן אויסגאנג. איהר האט זיך געוואלט כאטש פאר וועמען עס איז זיך אויסרעדען, טהיילען מיט אימיצען איהר גליק און איהר שרעק.

— דענקט איהר דען, אז מען קען ניט?... — האט קאליא גע־פרעגט ווארטענדיג.

— איך דענק... — האט נינא לאנגזאם אנגעהויבען, נאך אלץ קוקענדיג אומבעוועגליך פאר זיך, — איך דענק גאר נישט!... — האט נינא געענדיגט געשווינד און גאנץ אונערווארטעט.

קאליא וויאזאווקין, וועלכער האט שוין געהאט אנגעשטעלט די אויערען, איז טעמפ געווארען און שווער זיך אבגעזיפצט.

— הערט נור אויס, קאליא, — האט נינא פלוצלינג אנגעהוי־בען געאיילט און ניט קוקענדיג, — איהר אכטעט מיר זעהר?...

— איך אכט אייך זעהר, נינא סערגעיעוונא!... — האט קאַ־ליא אהן א שמייכעל בעשטעטיגט.

— און שטענדיג וועט איהר מיר אכטען?...

— שטענדיג.

— וואס עס זאל ניט פאסירען?...

קאליא וויאזאווקין האט באלד עפעס וואס אנגעהויבען בע־

גרייפען און איז בלאַס געוואָרען. פונדעסטוועגן האָט ער געענטפערט שטיל און פעסט:

— וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, וועל איך אייך שטענדיג אַכטען, נינאַ סערגעיעווּנאַ!

נינאַ האָט אַ ציה געטהאָן דעם שולטער, עפּעס אַזוי ווי אין פערדרוס, און איהרע הענד האָבען אָנגעהויבען ציטערען.

— נו, און ווען איך וואָלט, צום ביישפּיעל... נו, ליעב געקראָגען אימיצען?... — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ מאָדנער אָנשטרענגונג.

קאָליאַ האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבען און האָט גאָר נישט געענטפערט. ער האָט געכאַפּט טרעפען וואָס זי מיינט אונטער די ווערטער „ליעב קריגען אימעצען". נינאַ האָט ניט פערשטאַנען זיין שווייגען.

— נו... — האָט זי געפרעגט קאַפּריזנע־שטרענג.

קאָליאַ וויאַזאָווקין איז אינגאַנצען ביי זיך אראָבגעפאַלען און ניט קוקענדיג געענטפערט:

— און דעמאָלט...

— וואָס דעמאָלט?

— און דעמאָלט וועל איך אייך אויך אַכטען...

— נו, אויב אַזוי בין איך... — האָט דאָס מיידעל אָנגעהויבען העפטיג.

אָבער קאָליאַ וויאַזאָווקין איז געשווינד אייפגעשטאַנען, ניט קוקענדיג און מאַכענדיג מיט די הענד עפּעס אַזעלכע מאָדנע בעוועגונגען.

— מען דאַרף ניט, נינאַ סערגעיעווּנאַ!.. מען דאַרף ניט!...

— האָט ער העפטיג אָנגעהויבען ריידען מיט ענדלאָזער פּיין אין זיין שטימע.

נינאַ האָט מיט שרעק אויף איהם אַ קוק געטהאָן און איז באַלד געדיכט רויט געוואָרען.

— וואָס דאַרף מען ניט?..

אָבער קאָליאַ וויאַזאָווקין איז געשווינד אָבגעגאַנגען אין אַ זייט, האָט זיך אומגעקעהרט מיט דער נאָז צום בוים און פערדעקט דאָס פּנים מיט די הענד.

אַ קליינע ווײַלע האָט נינאַ אומבעוועגליך אויף איהם געקוקט,

האָט גאָר נישט פערשטאַנען, דערנאָך איז זי אויפגעשפּרונגען און זיך א וואָרף געטהאָן.

— קאָליא, קאָליא !... — האָט זי גענומען שרייען, איהם כאַפּענדיג ביי די שולטערען און בעמיהענדיג זיך איהם אומצוקעהרען צו זיך. — הערט אויף !... איהר הערט !... איהר זאָלט זיך ניט אונטערשטעהן, איהר טאָרט ניט !...

אָבער קאָליא וויאַזאָווקין האָט ניט נאָכגעגעבען. ער האָט זיך מיט'ן שטערען איינגעשפּאַרט אין סאָסנע־בוים און האָט בשום אופן נישט געוואָלט ווייזען פאַר נינאַ'ן זיינע טרעהרען.

— לאָזט מיר... — האָט ער געברומט, — פאַר וואָס מאַטערט איהר מיר !...

דאַן האָט נינאַ אַליין זיך צוּוויינט. זי האָט קאָליא'ן אַרומגענומען אַרום האַלז און מיט איהר טאַשען טיכעל איהם אָבגעווישט דאָס פּנים.

— קאָליא, ליעבער !... ווען איהר וואָלט געוואוסט !... מען דאַרף ניט !...

נינאַ האָט געוואָלט זאָגען, אַז זי איז איינזאַם צווישען מענשען, אַז זי פערשטעהט גאָר נישט אין לעבען, נאָר זי פּיהלט, ווי אַ זומפּ ציהט איהר אַריין. זי האָט אָבער נישט געקענט אַרויסזאָגען און האָט נור ווידערהאָלט:

— ווען איהר וואָלט נור געוואוסט !...

דערנאָך זיינען זיי געזעסען אויף דעם זעלבען באַנק, און קאָליא'ן איז געווען גוט, ווי קיין מאָל נאָך ניט: נינאַ האָט איהם געהאַלטען ביי דער האַנד און געשמייכעלט דורך טרעהרען.

— סאַראַ נאַראָנים מיר זיינען נאָך ביידע, קאָליא !... ווי קינדער !... הייסט עס, אַז איהר האָט מיר שטאַרק ליעב ?...

קאָליא וויאַזאָווקין, וועלכער האָט קיין (על) „למד" ניט גוט געקאָנט אַרויסרעדען, האָט געוואָלט זאָגען איך „ליעב" און האָט געזאָגט איך „איב".

און נינאַ האָט גענומען זיך קייכען פאַר געלעכטער אַזוי אויפריכטיג און ערנסט, ווי זי האָט שוין פון לאַנג אָן ניט געלאַכט.

— און ווען וועט איהר שוין זיך אויסלערנען רעדען, ווי אַ מענש, קאָליא !... נו, זאָגט: איך ליעב !...

— איך „איב“ !... — האט מיהזאם ווידערהאלט קאליא וויא־זאווקין.

נינא האט זיך געקייכט פאר געלעכטער, און קאליא האט גע־שמייכעלט פריידיג און פערשעהמט, ער האט געסאפעט און גע־פרייכט, איז רויט געווארען און פונדעסטוועגען ארויסגערעדט:

— איך „איב“!...

פלוצלונג פון הינטען די גרינע בוימער האט זיך דערהערט א רוף:

— נינא, נינא ! אלעקסיי מיכאילאוויטש איז געקומען !...

נינא האט זיך אויסגעגלייכט, און גאר דאס בלוט האט זיך א ווארף געטהאן איהר אין פנים אריין.

איין אויגענבליק איז זי געבליבען אונבעוועגליך, עפעס אזוי ווי מיט שרעק קוקענדיג אין דער ריכטונג פון דער שטימע, דערנאך איז זי באלד אויפגעשפרונגען, ווידער זיך געזעצט, און דורך דער געדיכטער רויטקייט אויף איהר פנים האבען זיך ארויסגעשלאגען ווייסע פלעקען.

קאליא וויאזאווקין, איבעררייסענדיג זיך אין מיטען ווארט און איינגאנצען גרוי ווערענדיג, האט געשוויגען. ער האט מיטלייד געהאט מיט נינא און האט זיך געשעהמט איבער איהר. אין דיע־זער מינוט, איין מאל פאר אלע מאל, זיינען פון זיין נשמה פער־שוואונדען יענע קליינינקע, שוואכינקע האפענונגען, וועלכע ער האט אין געהיים פון זיך אליין געטראגען אין סאמע פערבארגענעם ווינקעל פון זיין הארץ. ער איז אויפגעשטאנען מיט אזוי פיעל מיה, פונקט אזוי ווי ער וואלט אויפגעהויבען א משא איבער זיינע קרעפטען.

— נו, איך וועל געהן...

נינא האט אויף איהם א קוק געטהאן און געשווינד ארויבגע־לאזט די אויגען, א פערלוירענע און א שולדיגע. קאליא וויאזאווקין האט אויסגעוואורט. ס'קאן זיין, אז ער האט דאך געהאפט, אז זי וועט איהם זאגען — געהט נים אוועק. נאר דאס מיידעל האט גע־שוויגען.

— צום ווידערזעהן, נינא סערגיעוונא, — האט קאליא גע־זאגט, זיך ניט דערווארטענדיג אויף אן ענטפער.

נינא האט זיך ווידעראמאל אויף איהם איינגעקוקט, און אין

איהרע פייכטע אויגען, אין איהר קרומען שמייכעל איז געווען עפּעס שרעקעדיגעס, פאַרכטזאַמעס, ערבאַרעמליכעס, בעטענדעס צו האָבען איינזעהענעס.

— וואוהין־זשע געהט איהר ?... — האָט זי געפרעגט דורך אָנשטרענגונג, אויסשטרעקענדיג די האַנד.

— אָט, דאָרט... איך האָב צוגעזאָגט אריינצוגעהען... — ניט קוקענדיג אויף איהר און עפּעס אַזוי ווי נישט בעמערקענדיג איהר האַנד, האָט קאַליא וויאַזאָווקין געענטפערט, האָט זיך אומגעקעהרט און געשווינד אַוועק.

— קאַליא !... — האָט נינאַ גערופען, בעת דער סטודענט האָט שוין געהאַט אָבגעגאַנגען אַ היבשע שטיק. די שטימע איהרע איז געווען ניט קיין ריכטיגע און אַ געאיילטע, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט ניט געוואָלט איהם אָבהאַלטען און וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער דערהערען און וועט בלייבען. אָבער קאַליא וויאַזאָווקין האָט זיך ניט אומגעקעהרט. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט געהערט.

דעם סטודענט אַנטקעגען, איבער דער ברייטער סאָד־אַלעע, איז געגאַנגען וויסאָצקי, פּראַנטיש און פריי, ווי אַ זיעגער, שמייכלענדיג מיט אַ שמייכעל, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר נינאַ'ן.

— אַך, דאָס זיינט איהר ?... — האָט ער געזאָגט פריי און נאַכלעסיג. — וואו־זשע איז נינאַ סערגעיעוונאַ ?

קאַליא וויאַזאָווקין האָט אומבעשטימט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— און איהר אַליין געהט גאָר אַוועק ?...

דער אינזשינער האָט גנעדיג אויסגעשטרעקט די האַנד. קאַליא האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער האַנד, דערנאָך אויף וויסאָצקין, דערנאָך ווידעראַמאָל אויף דער האַנד, האָט זיך בעדענקט און דערלאַנגט זיינע.

— וואָס עפּעס אַזוי פריה ?...

קאַליא וויאַזאָווקין האָט ווידער־אַמאָל זיך איינגעקוקט אויף וויסאָצקין, האָט זיך אונערוואַרט אומגעקעהרט און צוריקגעגאַנגען. דער אינזשינער איז געגאַנגען נאָך איהם. קאַליא איז גראַד און פעסט פערבייגעגאַנגען פערביי נינאַ'ן, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן באַנק און דערשראָקען זיך איינגעקוקט אויף איהם,

און, ניט ארומקוקענדיג זיך, האט ער זיך בעהאלטען הינטער די בוימער. נינא האט זיך פערלוירען און האט איהם בעגלייט מיט די אויגען, און ניט זי, ניט וויסאצקי האבען פערשטאנען, אז אין דיעזער מינוט איז דער אינזשינער געווען אויף א פערטעל סע־קונדע פון טויט. אבער קאליא וויאזאווקין איז אוועק, און בעת זיין רוקען האט זיך בעהאלטען הינטער די בוימער, האט נינא גע־טראכט, אז ער איז אוועק אויף אייביג.

נאך זייענדיג ארומגעכאפט מיט א פונק פון מיטלייד און מיט'ן בעוואוסטזיין פון איהר שולדיגקייט, האט דאס מיידעל גע־קוקט נאך דעם אוועקגעהענדען קאליא'ן, בעת דער זאמד האט אנ־געהויבען סקריפען און, געשווינד זיך אומקעהרענדיג, האט זי דערזעהען דעם אינזשינער.

אין אנ'אויסברוך פון ווינד פליהט אזוי געשווינד ניט אוועק א טרוקענער, קיינעם ניט נויטהיגער בלאט, ווי קאליא איז ארויס־געפלויגען פון נינא'ס קאפ. אויף א'ן אויגענבליק האט זיך אין איהר בלאס געווארענעם פנים ווידעראמאל בעוויעזען א צארטע רויטליכקייט, און זי האט אינגאנצען אויפגעפלאטערט, בעהערשט פון א דראנג, עפעס אזוי ווי צו לויפען, אדער, ווי זיך צוווארפען איהם אויפ'ן האלז.

זיי האבען א ווארט ניט געזאגט. וויסאצקי האט זיך געשווינד געזעצט אויפ'ן באנק רייטענדיג, אזוי, אז נינא איז אויסגעקומען צווישען זיינע קניע, האט זי הערשעריש אריבערגעבויגען אין זיינע אומארמונגען און גענומען קוסען זי אין די ליפען, אויגען, האאר און אויערען. א מינוט־צוויי האט נינא ניט געקענט אבכאפען דעם אטהעם, און איהר האט זיך אבגעדאכט, אז רונד־ארום שטעהט א בעטויבענדער קלאנג. און בעת דער אינזשינער האט זי ארויס־געלאזט פון זיינע ארעמס, איז דאס מיידעל'ס פנים געווען בלאס, די אויגען פערמאכט. זי האט אליין ניט געקענט זיצען און, פונקט אזוי ווי א איבערגעבראכענע, האט זי זיך גענויגט צו איהם.

וויסאצקי האט זיך ארומגעקוקט, ווי א גנב.

נאר ס'איז נאך געווען צו ליכטיג און דורך די שיטערע בוי־מער זעהט מען צופיעל אין אלע זייטען. ערגיץ־וואו, גאנץ נאהענט, האבען זיך שטימען געהערט.

— נינאַ... קומט היינט צו מיר !... — האָט דער אינזשינער אַרויסגעפּליסטערט.

זי האָט אויפגעציטערט, מיט גרויסע שטראַהלענדע אויגען האָט זי זיך איהם איינגעקוקט אין פּנים אריין און בעהאַלטען דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט.

— וועסטו קומען ?... נינאַ ?... — האָט צודרינגליך דער אינזשינער וויעדערהאָלט.

— צו וואָס ?... — האָט דאָס מיידעל שטיל געפרעגט, ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ.

דיעזע נאַרישע פראַגע, וואָס אַלע פרויען פלעגען איהם אויפ־געבען, האָט אויף אַ מינוט דעם אינזשינער אוועקגעשטעלט אין אַ פערלעגענהייט. דאָך האָט ער געענטפערט דאָסזעלבע, וואָס ער פלעגט שטענדיג ענטפערען אין אַזעלבע פעלען :

— וואָס הייסט צו וואָס ?... אָבער דאָס איך דאָך שרעקליך : שטענדיג אין דער אַנוועזענהייט פון אַנדערע, ניט קוסען, ניט האַלזען קען מען פריי...

געטראַכט האָט ער פיעל קירצער און איינפאַכער, נאָר די שטימע זיינע האָט געקלונגען מיט אַן אויפריכטיגער נאַאיוויטעט.

נינאַ האָט אינגאַנצען געציטערט און האָט זיך געדריקט צו איהם. דער „דו", וואָס ער האָט איהר געזאָגט — „וועסטו קו־מען ?" — האָט געקלונגען אין איהרע אויערען ווי מוזיק. זי האָט זיך געשעהמט ביז צו טרעהרען, זי האָט זיך אָבער אויך געפרעהט.

— וועסטו קומען ?... יאָ ?... — האָט דער אינזשינער זיך געבעטען, בעמיהענדיג זיך אויפצוהויבען איהר קאָפּ.

— איך וועל קומען...

און עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פון דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט דאָס מיידעל אַרויסגעלאָזט אַ שוואַכען גע־שריי, האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט הילפלאָז־פערליעבטע אויגען, האָט אויפגעוואָרפען די הענד און, קאָנוואולסיוו אַרומ־כאַפּענדיג איהם פאַר'ן האַלז, איז זי פאַרגאַנגען, אַזוי ווי אָבגע־שטאָרבען.

.14

אין וויסאָצקי'ס וואָהנונג, איינגעאָרדענט מיט פּוץ, גאָר ניט ... אַ דאַטשע־וואָהנונג, זיינען שוין איבער־געווען עטליכע פרויען,

אַנהויבענדיג מיט ראַיסאַ װלאַדימירָאָװנאַ און ענדיגענדיג מיט יענער קלײנינקער אַקטריסע, װעלכע האָט געשפּיעלט לאָון־טעניס און װעלכע האָט געהאַט אַ קלײנע שװעסטער אַ גימנאַזיסטקע. נאָר נינאַ׳ן, ס׳פערשטעהט זיך, האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז די ערשטע, װאָס איז אַרײן אין דיזען זאָנדערבאַרען אומבעקאַנטען צימער.

נינאַ האָט זיך נאַאיװ אױסגעפּוצט אין אַ װײסע לײכטע קלײד מיט אַ שמאָלען שװאַרצען סאַמעטל אױפ׳ן האַלז און אױסגעזעהען האָט זי אַזױ, װי זי װאָלט געקומען צו־גאַסט. װי נאָר דער אינזשי־נער האָט זי דערזעהען, האָט ער באַלד בערעכענט, אַז מיט דיזער קלײד װעט ער האָבען פיעל מיה.

דאָס מײדעל איז געזעסען אױפ׳ן דיװאַן און האָט מיט נײ־געריגקײט באַקוקט דאָס אומבעקאַנטע צימער מיט די זאַכען. אין קאָפּ האָט זי געהאַט אײן שרעקליכען געדאַנק: װאָס װאָלטען געזאָגט איהרע לײבליכע און קאָליאַ װיאַזאָװקין, װען זײ װאָלטען געװאוסט, װאו זי איז ?...

ניט אַכטענדיג אױף זײן גאַנצע ערפאַהרענהײט און אונבע־דינגטע זיכערהײט, אַז אַלץ װעט זיך ענדיגען נאָך דעם געװעהנ־ליכען מוסטער, נאָכ׳ן שאַבלאָן, האָט דער אינזשינער דאָך אַביסעל זיך גערעגט און האָט זיך געהאַלטען, װי אַ ליעבענסװירדיגער װירטה. ער האָט נינאַ׳ן געװיזען זײנע אַלבאָמען און פאָטאָגראַ־פיעס, האָט געגעבען ערקלעהרונגען, האָט געצױגען איהר אױפ־מערקזאַמקײט אױף זעלטענע קאַפּירונגען און צײכענונגען און האָט זיך געהאַלטען אַזױ, פּונקט װי צװישען זײ װאָלט קײן מאָל קײן זאַך נישט געװעזען.

נינאַ האָט גרינדליך באַקוקט די פאָטאָגראַפיעס, און בעת װיסאָצקי האָט גערעדט, האָט זי אױף איהם אױפגעהױבען די אױ־גען, נאָר פון אױפרעגונג האָט זי שלעכט געהערט און געזעהן. איהר אױפמערקזאַמקײט האָט נור צוגעצױגען דער איבערפלוס פון פרױען־פאָרטרעטען און אַלערלײ אינטימע אױפשריפטען פון פרױען.

— װאָרום אַזױ פיעל ?... האָט זי ענדליך שטיל געפרעגט.

— פון װאָס פיעל ?... האָט דער אינזשינער איבער־געפרעגט ניט בעגרײפענדיג גיך איהר פראַגע.

— אַזױ... פרױען... — האָט נאָך שטילער נינאַ אַרױסגע־פּליסטערט און האָט זיך נאָך נידריגער צוגעבױגען צום אַלבאָם. אום צו פאַרשטעלען דאָס פּנים מיט דעם אױפגעהױבענעם בלאַט.

וויסאָצקי האָט מיט נייגעריגקייט אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט לייכט אַ קרים געטהון מיט'ן אויג.

— דאָס זיינען אַלץ פּרויען, וואָס זיינען מיר געווען נאָהענט...

— האָט ער געענטפערט, עפּעס אַזוי ווי מיט פליים.

ס'איז קענטיג געווען, ווי די מיידעל'ס באַקען זיינען דונקעל געוואָרען און קוים האָבען אַ ציטער געטהאָן איהרע פינגער, וועלכע האָבען אונטערגעהאַלטען דעם אַלבום.

— יאָ ?... — האָט זי קוים, קוים דורכגעלאָזט דורך די צייהן און נאָך נידעריגער זיך צוגעבויגען צום פּאָרטרעט פון אַ שעהנער בלאָנדינקע, וועלכע זי האָט אפשר גאָר נישט געזעהען אין דעם מאָמענט.

דיעזע קליינינקע, נאַאיווע סצענקע פון ערשטער אייפערזוכט איז דעם אינזשינער געווען זעהר אַנגענעהם, ווי אַ גוטער וויין.

— געווים ! — האָט ער געזאָגט.

נינאַ האָט אויפגעהויבען די אויגען, האָט זיך בעגעגענט מיט זיינע שמייכלענדע אויגען און, נאָך מעהר רויט ווערענדיג, האָט זי זיך ווידער אַמאָל צוגעבויגען צום אַלבום.

— און אייך איז דאָס ניט אַנגענעהם ?... — האָט דער אינ־זשינער געפרעגט, אָוועקלייגענדיג זיין האַנד אויפ'ן אַלבום און פערבאָפענדיג איהרע ציטערענדע הייסע פינגער.

נינאַ האָט אויפגעציטערט, אַרויסגעריסען די האַנד, האָט נאַכלעסיג אָבגערוקט דעם אַלבום און אונגאַטירליך גלייכגילטיג זיך אַרומגעקוקט רונד־אַרום.

— יאָ, נישט אַנגענעהם ?... — האָט וויסאָצקי ווידערהאָלט.

— ניין, פאַרוואָס !... איז דען מיר ניט אַלץ איינס ?... — האָט נינאַ ערווידערט מיט אַ געמאַכטער שטימע, נאָר אין איהרע אויגען האָט געברענט אַ בייזער, אייפערזיכטיגער פייער.

— גאָר אַזוי ! איז דען טאַקי אייך אַלץ איינס ?... — האָט דער אינזשינער מיט אַ צאַרטער שפּאָט־לוסטיגקייט אַ דרעה גע־טהאָן מיט'ן קאָפּ און ווידער אַמאָל בעהערשט איהר האַנד.

נינאַ האָט ווידער אַרויסגעריסען די האַנד, ניט קוקענדיג אויף איהם.

— דאָ איז היים !... — האָט זי געזאָגט, אום וואָס עס איז צו זאָגען.

— נעהמט אַרונטער אייער הוט, — האָט דער אינזשינער איהר געראַטהען אין אַ זעהר אונשולדיגען טאָן. — לאָזט איך וועל אייך העלפען.

ער האָט אויפגעהויבען די האנד צו איהר קאָפּ, נאָר דאָס מיידעל האָט זיך דערשראָקען פאַר דיעזער בעוועגונג פון אַן אָנפּאַנגענדער נאָהענטקייט, און, אַזוי ווי אָבוועהרענדיג זיך פון איהם, האָט זי אַליין אויסגעטהאָן דעם הוט און איהם אַראָבגעלאָזט אויף די קניע. דער אינזשינער האָט שטילינקערהייד פאַרנאַנדערגענומען איהרע פינגער און דעם הוט אַוועקגעלייגט אויפ'ן טיש. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט אין רייהע מיט איהר און זי ארומגענומען ביים טאַליע.

— נינא !... — האָט ער געזאָגט.

דאָס מיידעל האָט אינגאַנצען אויפגעציטערט.

— נו, ווייזט עפּעס נאָך וואָס, — האָט זי האסטיג געזאָגט, שוין וויסענדיג, אַז באַלד וועט ער אָנהויבען קוסען זי, און אינסטינקטיוו בעמיהענדיג זיך איהם צו שטערען דערין. עפּעס פאַר וואָס איז איהר אויסגעקומען שרעקליך, אַז ער זאָל זי קוסען דאָ, ביי זיך אין צימער.

דער אינזשינער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן אויף דער מיידעל, ווי אַ חיה, איידער עס טהוט אַ שפּרונג, אויסמעסטענדיג די שטרעקע און דעם אָרט, און באַלד האָט ער זי אומגעשטירצט אויפ'ן דיוואַן, באַדעקענדיג זי מיט וואָהנזיניגע קוסען. נינא האָט זיך געוועהרט, פּערטהיידיגט, אָבער אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז וואַנען, אַ בעזיעגטע, איז זי אינגאַנצען געבליבען אין אַ צושטאַנד, וואָס איז נאָהענט געווען צו חלשות.

בעת דער אינזשינער האָט זי אויפגעהויבען און אַוועקגעזעצט, האָט דאָס מיידעל שווער געאָטהעמט, האָט אויף איהם ניט געקוקט און איהרע אויגען זיינען געווען מוטנע, די באַקען איהרע האָבען געברענט. איהר האָט זיך געדאַכט אַז ס'איז שרעקליך שטיקענד און דער שוואַרצער סאַמעטעל אויפ'ן האַלז שטיקט איהר.

וויסאָצקי האָט זשעדנע געקוקט אויף דער מיידעל.

דאָס ווייסע קלייד איז אַזוי ווי אַרומגעגאַנגען אויף נינא'ס ביוסט, און אין ניט־גרויסען אויסשניט האָט זיך געזעהען, ווי איהר ראָזער קערפּער הויבט זיך אַרויף און אַראָב. דערווייל האָט דער

אינזשינער באַקוקט דער מיידעל'ס פיגור און בעטראַכט, ווי דאָס קלייד שפּילעט זיך אויף.

— פאַר וואָס אָטהעמט איהר אַזוי שווער ?... — האָט ער געפרעגט מיט אַ אויפציטערענדער שטימע. — איז אייך הייס ?...

מיט'ן אינסטינקט האָט דאָס מיידעל פערשטאַנען, וואָס ער וויל, און זי איז ליידענד רויט געוואָרען.

— ניין, קיין בייז ניט !... — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט פערלוירען, קאָנוואולסיוו זיך כאַפּענדיג פאַר איהר שווארצען סאַמעטעל, וואָס האָט איהר צוזויפגעדריקט דעם האַלז.

— נעהמט איהם אַרונטער... — האָט דער אינזשינער אַרויסגעפּליסטערט עפּעס אַזוי געהיימניספול און ניט זיכער.

— צו וואָס ?... מען דאַרף נישט ! — האָט זי בעטענד אַרויסגעפּליסטערט.

— פאַר וואָס דאַרף מען ניט ?... — האָט דער אינזשינער ערווידערט, עפּעס אַזוי ווי ניט רעכענענדיג זיך מיט איהר ווילען, און ער האָט אָנגעהויבען אָפּבינדען דאָס שווארצע סאַמעטעל.

נינאַ האָט זיך בעמיהט איהם צו שטערען, אָבער וויסאָצקי האָט לייכט בעזיעגט איהרע שוואַכע פינגער און האָט אַרונטערגענומען דאָס שווארצע סאַמעטעל. נינאַ האָט געוואָלט ווייזען, אַז דאָס איז ניט וויכטיג, נאָר אַן אונערוואַרטעטער קוס האָט אָבגעברענט איהר רוקען דאָרט, וואו זי האָט געמיינט, אַז ס'איז צוגעדעקט מיט'ן קלייד. דאָס מיידעל האָט זיך געריסען, אָבער דער אינזשינער האָט זי ניט אַרויסגעלאָזען און האָט זי ווייטער געקוסט, נישט לאָזענדיג זי קומען צו זיך, אַלץ מעהר און מעהר. נינאַ האָט זיך געראַנגעלט כמעט מיט פערצווייפלונג, אָבער דער קאָפּ האָט ביי איהר געברענט, דער ווידערשטאַנד איהרער איז געווען אָהן אָרדנונג, מאַכטלאָז.

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטאַרבט פאַר שאַנדע, און בעת זי האָט דערפיהלט די נאַקעטקייט פון איהרע שולטערען, האָט נינאַ זיך ניט געגלויבט.

— נו, גענוג... גענוג אייך.. ראַנגלען זיך... הערט אויף... נינאָטשקאַ !... דו האָסט דאָך מיר ליעב... נו !... — האָט דער אינזשעניער געברומט אָהן רחמנות.

דאָס מיידעל האָט זיך נאָך אומגעוואָרפען און זיך געבעטען

ביי איהם, אָבער בעת זי האָט דערזעהען, אַז די ביוסט איז ביי איהר אַנטבלייזט און די לעצטע פּערטהיידיגונג איז אַרויסגעריסען פון איהרע הענד, האָט זי אַ קרעכץ געטהאָן און אום איהם ניט צו לאָזען קוקען אויף זיך, האָט זי זיין קאָפּ מיט די הענד אַרומגעכאַפּט און מיט גאָר איהרע קרעפטען איהם צוגעדריקט מיט'ן פּנים צו איהר ביוסט.

עס איז געקומען צו אַזאַ וואהנזיניגען צושטאַנד, בעת די שאַנד אַליין איז געווען אַ גענוס. נינאַ איז בעטרונקען געוואָרען מיט לאַסקעס, האָט פערלוירען די קרעפטען און דאָס בעוואוסט־זיין.

אַ שרעק האָט פּלוצלינג דורכגענומען דיזען זיסען וואהנזינן. דאָס מיידעל האָט זיך פּלוצלינג גענומען אַרויסרייסען, בעהערשט פון אַן אויסערגעוויינליכען שרעק, האָט איהם געשטויסען פון זיך, געכאַפּט פאַר די הענד. זי איז פערגליווערט געוואָרען און זיך געוואָרפען אין אַ מורא'דיגער פערצווייפלונג פּונקט ווי ער וואָלט זי דערהרג'עט.

דאָס איז געווען אַ לאַנגער ברענענדיגער קאַמפּף, אין וועלכען ביידע זיינען פערוואַנדעלט געוואָרען אין ווילדע חיות. ביי איהם איז געווען איין אונערטרעגליכער באַגעהר זיך צו דערשלאָגען דאָס זייניגע, ביי איהר — אַ טויט שרעק און אַ פערצווייפעלטעס גע־בעט וועגען ערבאַרמונג, מיטלייד מיט איהר. ענדליך האָט דאָס מיידעל געזיעגט.

דער אינזשעניער איז געזעסען אויפ'ן ראַנד פון דיוואַן, די הענד און פיס האָבען ביי איהם געציטערט, אַ טהירישע בייזקייט האָט זיין גאַנצען קערפּער געטרייסעלט. די געפּייניגטע נינאַ איז אונבעוועגליך געלעגען הינטער זיין רוקען, נאָך אַליין ניט גלויבענדיג אין איהר רעטונג און האָט קאָנוואולסיוו צוגעדריקט צום קינבאַק די אויסגעהאַקטע שפּיצען פון דער צוריסענער העמד און די צו־קניטשטע בלוזקע. זי האָט געפיהלט אַ וואהנזיניגע פרייד וואָס וויסאָצקי האָט זי אָבגעלאָזט און אין דער אייגענער צייט האָט איהר שמערצליך געערגערט וואָס זי האָט איהם פעראורזאַכט פערדרוס.

דער אינזשעניער האָט שוין אָנגעהויבען קומען צו זיך, די קערפּערליכע בייזקייט איז געפאַלען ביי איהם, אָבער אַבזיכטליך האָט ער זיך ניט אַרומגעקוקט אויף איהר און געמאַכט אַן אָנשטעל

פון איינעם וואָס פיהלט זיך בעליידיגט אין זיינע בעסטע געפיה־לען. עס איז נויטיג געווען, אַז זי זאָל פערשטעהען איהר שולד!

פּלוצלינג האָט נינא גאַנץ שטיל זיך אַ ריהר געטהאָן, און אַ גרינגע שוואַכע האנד האָט זיך פאַרזיכטיג אַוועקגעלייגט אויף זיין עלענבויגען. נישט ווילענדיג האָט דער אינזשעניער אַ ציטער גע־טהאָן, נאָר ער האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. זיינע אויגען האָ־בען בלויז אויפגעברענט ראַכע־פריידיג.

נינא'ס דינע פינגער האָבען פּאַמעלעך אָנגעהויבען בעוועגען זיך, פאָרזיכטיג זיך פארקליבען אַלץ העכער, און ענדליך, אין אַ שטומער לאַסקע, זיינען זיי אָבגעשטאָרבען אויף זיין האנד. אַ מינוט האָט זי אומבעוועגליך געוואַרט, דערנאָך קוים, קוים זיין האנד אַ ציה געטהאָן צו זיך. זי האָט געבעטען פערצייהונג, האָט איהם גערופען און איינגעשטימט אויף אַלץ.

אָבער בעת דער אינזשעניער האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבען זיין פערזוך, האָט נינאַ אָנגעהויבען זיך אָבוועהרען און פערטהיידיגען זיך מיט אַ נייער קראַפט. ווייזט אויס, דאָס איז געווען געגען איהר ווילען.

דער קאַמפּף האָט לאַנג געדויערט. עטליכע מאָל האָט ווי־סאַצקי זי אָבגעלאָזט, זיך געבעטען ביי איהר, זי געקושט. דאָס מיידעל האָט שוין בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען, האָט שטאַרק פערקריצט די צייהן, אום זיך אַליין בייצוקומען, אָבער איטליכעס מאָל האָט אַ שרעקליכע קראַפט, ווי אַ בלינדע נאַטור־קראַפט, פער־דונקעלט איהר בעשלוס און זי האָט זיך געוואָרפען, געביסען און געדראַפּעט, ווי אַ חיה'לע.

ענדליך, אָבגעשוואַכט פון קאַמפּף, האָט דער אינזשעניער אין גאַנצען זי אָבגעלאָזט, איז אָבגעגאַנגען צום טיש און זיך אַוועק־געזעצט, אונטערשפּאַרענדיג דעם קאָפּ מיט די הענד.

נינאַ איז געלעגען און געוויינט. איהר האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז אַלץ איז שוין פערלוירען, אַז ער וועט איהר שוין קיין מאָל נישט פערגעבען, און זי איז גרייט געווען זיך אַליין שלאָגען דערפאַר, וואָס זי קען זיין באַגעהר ניט נאָכקומען.

דער אינזשעניער האָט געהערט, אַז זי וויינט, ער האָט זיך אָבער נישט געריהרט. נינאַ איז שטיל געבליבען, אַ שטילקייט האָט איינגעטראָטען. דערנאָך האָט זיך געהערט אַ געאיילטער

שאַרף: זי האָט זיך אָנגעטהאָן. וויסאָצקי איז געזעסען, ווי אַ שטיינערנער. דער שאַרף האָט אויפגעהערט.

צוויי הענד האָבען איהם פלוצלינג ארומגענומען פון הינטען און אַ ברענענדיגער פּנים פון טרעהרען האָט זיך צוגעדריקט צו זיין באַק. וויסאָצקי האָט געוואָלט אָבשטויסען זי, נאָר נינא האָט איהם ניט ארויסגעלאָזט פון איהרע הענד. זי האָט אויסגעצויגען איהרע ליפּען פאַר אַ פורכטזאַמען, בעטענדען קוס און זיך בעמיהט שמייכלען צו איהם. דער אינזשעניער האָט גראָב זי אָבגעפיהרט פון זיך.

נינאַ'ס אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טרעהרען. האָפּ־נונגסלאָז האָט זי זיך אַראָבגעלאָזען אויף איהרע הענד, וואָס האָבען געהאַלטען ארומגענומען זיין האַלז, און פון אונטען איהם אין די אויגען אריינגעקוקט.

דער אינזשעניער האָט געמאַכט אַ גלייכגילטיגען קאַלטען פּנים.

— נו, וואָס ווילט איהר?... — האָט ער געפרעגט.

איהרע ליפּען האָבען אויפגעציטערט.

— אָבער איך קאָן דאָך ניט... איך קאָן נישט!... — האָט זי קלעגליך ארויסגעפּליסטערט.

— ווי אייך געפעלט!... און איך אַנדערש קען אויך ניט!..

— האָט דער אינזשעניער גרויזאַם אָבגעענטפערט.

ביי דיזע ווערטער האָט זיך נינאַ'ן עפּעס־וואָס אונקלאָהר דער־מאָנט. זי האָט צוגענומען די הענד פון ארום זיין האַלז, זיך אָב־געקעהרט, צוגעדריקט צום קינבאַק די איבערגעקרייצטע פינגער, און זיך פערטראַכט.

דער שטאָלץ, ענדליך, האָט זיך טריב דערוועקט אין איהר. פאַר וואָס עפּעס וויל קיינער זיך נישט רעבענען מיט איהר?... פאַר וואָס טראַכטען זיי בלויז וועגען זיך?... וואָס־זשע איז זי אזוינס אויף אַזאַ'ן אופן?... דאַרפען זיי טאָקי בלויז דאָס?... דאָס איז דאָך ענדליך בעליידיגענד!...

דאָס מיידעל האָט ביי זיך אָבגעמאַכט נאָך איין פערזוך צו מאַ־כען: זי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אזוי ווי קיין זאַך וואָלט גאָר נישט פּאַסירט, און האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען עפּעס־וואָס פאַלשטענדיג זייטיגעס.

— דאָס איז ניט אינטערעסאַנט!... — האָט דער אינזשע־ניער גראָב ערווידערט.

נינאַ האָט פערביסען די ליפען און לאַנג געשטאַנען אומבע־וועגליך. דערנאָך האָט זי שטיל, אָבער פעסט זיך אַ קעהר גע־טהאָן, האָט גענומען דעם הוט און געגאַנגען צום טהיר. דער אינ־זשעניער האָט געוואָלט זי אויפהאַלטען, נאָר ער האָט זיך איבערלעגט אויף ניט.

„קיין בייז ניט, זי וועט ווידער קומען!“... האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.

.15

וויסאָצקי האָט בעשלאָסען גוט אָנצולערנען דאָס מיידעל, אום זי צו צווינגען זיך אָבזאָגען פון וועלכען ניט איז ווידערשטאַנד קעגען איהם. עטליכע טעג האָט מען איהם נישט געזעהן, אָבער נינאַ איז געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען. ביי דיעזער ידיעה האָט דאָס מיידעל אַרומגעכאַפּט אַ טויט־שרעק: איהר האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אויף שטענדיג אַוועקגעפאָהרען און זי וועט איהם שוין קיין מאָל מעהר נישט זעהן. אָבער דער אינזשע־ניער איז צוריקגעקומען און איז זאָגאַר צוגעגאַנגען צו איהר, בעת זי האָט שפּאַצירט אין פּאַרק מיט אַנני.

נינאַ האָט איהם בעגעגענט מיט אַזאַ שטראַהלענדען פרייען שמייכעל, אַז אויף איהרע אויגען האָבען טרעהרען זיך בעוויזען. אָבער דער אינזשעניער איז געווען אונערביטליך. ער האָט זיך זעהר העפליך בעגריסט, אָבער גערעדט האָט ער נאָר מיט אַנני, נישט לעגענדיג קיין שום אויפמערקזאַמקייט אויף נינאַ׳ן. דאָס מיידעל האָט זיך אומזיסט בעמיהט צו כאַפּען זיין בליק, זי האָט זיך געראַוויטעלט, געבלייבט און שיער ניט געוויינט. ענדליך, אָבפּאַסענ־דיג איין אויגענבליק, האָט זי איהם צוגעפליסטערט:

— איהר זייט בייז אויף מיר?...

— איך מיין אַזוי!... — האָט דער אינזשעניער קאַלט אַ הויב געטהאָן די אַקסלען און ווידער זיך געווענדעט צו אַנני.

נינאַ האָט מאַכטלאָז פערשוויגען.

ביים פעראַבשיידען זיך, האָט נינאַ נאָך אַמאָל געמאַכט אַ פּער־זוך אַ שמייכעל טהאָן צו איהם, אָבער דער אינזשעניער האָט גע־קוקט קאַלט און גלייכגילטיג. די בעליידיגטע נינאַ האָט זיך אָנ־

געצונדען און צוטויפגעדריקט די ליפען, אום זיך ניט פאנאנדער־צוכליפען. איהר הארץ איז צוריסען געווארען, זי האט זיך זאגאר עפעס אזוי ווי פערלוירען.

דאס זעלבע האט זיך ווידערהאלט די נעקסטע טעג. דער־נאך האט נינא אליין פרובירט ניט שענקען איהם מעהר קיין אויפ־מערקזאמקייט, אבער דאס האט נאר אנגעהאלטען עטליכע שעה.

אין איינעם פון אזעלכע טעג איז געקומען צו פאהרען אנני'ס מאן, א גוט מוטהיגער שטאב־ראטמיסטער, מיט גרויסע וואנסעס, וועלכער האט פערגעטערט זיין פרוי און האט אויך זעהר ליעב געהאט נינא'ן, וועלכע ער האט געקענט, בעת זי איז נאך געווען א מיידעלע.

פריהער פלעגט נינא אריינפאלען אין א קינדערשער בעגייס־טערונג, בעת ער פלעגט קומען צו פאהרען, ווארום דאס קומען פון ראטמיסטער פלעגט ווערען בעגלייט פון אלערליי הולאנקעס, פיק־ניקס און ארומפאהרונגען. אבער איצט האט דאס מיידעל גאר נישט געשפירט אויסער פערדרוס: זי האט באלד בעגריפען, אז איצט וועט פאר איהר גאנץ שווער זיין זיך דורכצוריידען מיט'ן אינזשעניער אויג אויף אויג. און בעת דער ראטמיסטער האט איהר באלד פארגעשלאגען צו פאהרען אין וואלד, האט נינא שיער זיך ניט צעוויינט פון פערדרוס. עס איז קלאהר געווען, אז היינטיגען טאג וועט זי אפילו ניט קענען זעהן וויסאצקי'ן.

און אזוי איז טאקי געשעהן: נאך מיטאג איז מען געפאהרען אין וואלד, דערנאך האט מען זיך געשיפט אויפ'ן טייך, דערנאך האט מען געגעסען אוונד־מאהלצייט ביי אן אויסגעלייגטען פייער און מ'האט זיך אומגעקעהרט אהיים א שטיק אין דער נאכט. אלע זיינען געווען היימליך און צופריעדען, די פוילע אנני האט מען גאר ניט געקענט דערקענען, אזוי אויפגעלעגט איז זי געווען, זי האט געלאכט און זיך נאריש געמאכט, און נינא איז ארומגעגאנגען, ווי „אהן א קאפ", קוים איינהאלטענדיג איהר וואהנזיניגער אויפגע־רעגטקייט, זי האט ניט געקאנט אנזעהן קיינעם ניט און קיין זאך ניט.

אזוי איז זיך געגאנגען פון טאג צו טאג. נינא האט זיך אויף א מינוט ניט געקאנט ארויסרייסען. דער אינזשעניער פלעגט אליין קומען, נאר ער איז געווען פונקט אזוי קאלט, ווי פריהער, און

זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, ווי ס'האָט זיך אויסגעראַכט. האָט ער געלעגט אויפ'ן ראַטמיסטער. ענדליך האָט נינאַ ניט אויסגעהאַלטען דיעזע יסורים. זי האָט אָבגעפּאַסט אַ מינוט, און כמעט פאַר אַלעמען אין די אויגען, האָט זי פורכטזאַם און צאַרט זיך צוגעדריקט צו וויסאַצקי'ן, אָהן ווערטער אויסבעטענדיג ביי איהם ענטשולדיגונג. דער אינזשעניער האָט האַסטיג און נייגעריג אויף איהר אַ קוק געטהאָן.

— איהר האָט מיר שוין מעהר ניט ליעב?... — האָט נינאַ געפרעגט רויט ווערענדיג.

— ניין, איך ליעב אייך, אָבער פאַר מיר איז צו שמערצליך ליעב צו האָבען און ניט צו בעזיצען... איהר פאָדערט, אַז איך זאָל זיך דערבאַרעמען אויף אייך, נו, דערבאַרעם איך זיך... איז וואָס ווילט איהר נאָך?... זיין מיינע ווילט איהר נישט?...

נינאַ'ס בעטענדע אויגען האָבען אויסגעדריקט פערצווייפלונג.

— איך קען נישט... — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט.

— איך קען נישט און איך וויל נישט בעדייט דאָ איינס און דאָסזעלבע!... — האָט דער אינזשעניער קאַלט אָבגעענטפערט און איז אָבגעגאַנגען.

נינאַ האָט די גאַנצע נאַכט אָבגעוויינט און איז אַראָבגעפאַלען פון מוטה. זי האָט שוין מעהר ווידערשטאַנד ניט געקענט אַרויסווייזען. פון פריה אָן האָט זי אָנגעהויבען וואַרטען אויפ'ן אינזשעניער, אום איהם צו זאָגען עפּעס־וואָס וויכטיגעס, וואָס איהר אַליין איז נאָך ניט קלאָהר געוועןְ. אָבער דער אינזשעניער איז אַבזיכטליך ניט געקומען, האָבענדיג אין זינען דעם נעכטיגען געשפּרעך.

דאָס גאַנצע הויז־געזינד איז געזעסען ביים אָבענד־טהעע, און דער ראַמיסטער האָט רוישיג געלאַכט, דערצעהלענדיג אַנעקדאָטען פון רעגימענט־לעבען.

דאָס מיידעל האָט זיך געקוואָלען, ווי אַ קראַנקע. אַ בלאַסע און הילפלאָזע האָט זי אַרומגעבלאָנקעט הין און צוריק, דאָ זיך צוזעצענדיג צום טיש, דאָ איז זי אַרויסגעגאַנגען אין גאַרטען און מיט אַזאַ שווערמוטה געקוקט אויפ'ן טונקלענדען הימעל, פונקט אַזוי ווי מיט יעדען אויסגעלאָשענעם שטראַהל פון דעם זונענאונטערגאַנג, וואָלט איהר לעצטע האָפענונג צושמאָלצען געוואָרען. דער

אוועגד איז לאנגזאם געגאנגען און אין ערגיץ האט זי זיך קיין אָרט נישט געפונען און ס׳איז געווען שרעקליך, אז אויך היינט וועט זי דעם אינזשעניער נים זעהען.

— וואס קריכסטו ארום, ווי א שאָטען ? — האט אננע ענד־ליך געפרעגט, בעמערקענדיג נינא׳ס פערלוירענקייט.

נינא האט נישט געענטפערט ; נאר איהרע ליפּען האבען אויפ־געציטערט פון א קרענקליכען האס צו איהר גליקליכער שוועס־טער.

„יא, דיר איז גוט !...“ — האט זי געטראכט.

— און וואו־זשע איז אייער פרעכטיגער אינזשעניער ?... — האט דער ראטמיסטער גוטמוטהיג געפרעגט און פארנאנדערגעלאָ־זען זיינע וואנסען, זיך גרייטענדיג צו שפּאסען איבער דער מיי־דעל.

— זיי האבען זיך צוקריגט !... — האט אננע שפּאט־לוסטיג בעמערקט.

אין נינא׳ס אויגען האט א בייז פייעריל אויפגעבליצט און, פיהלענדיג אז אט באלד וועט זי זיך צעוויינען, האט זי א טאפּשע געטהאן מיט׳ן פוס און געשריען :

— ווי נאריש דאס איז !... וואס זענט איהר אלע צו מיר צו־געשטאנען !... וואס האב איך אייך געטהאן ?...

דערנאך האט זי זיך מיט כעס אומגעקעהרט און, שוין אין גאנצען נים הערענדיג איבער זיך, האט זי מיט נאר איהרע קרעפ־טען פערקלאפּט די טהיר פון איהר צימער.

— אָט האסטו !... — האט דער ראטמיסטער פערוואונדערט ארויסגעשטאמעלט. — וואס איז מיט איהר ?...

— פון זינען איז זי אראב !... — האט אננע קאלט געענטפערט, ציהענדיג מיט די אקסלען.

דער ראטמיסטער, זייענדיג אויפריכטיג בעקימערט, האט גע־וועלט געהן נאך נינא׳ן, נאר אננע האט נים געלאָזט.

— זאל זי זיך איבערקאכען. אט דאס מיידעל איז גאר צו־לאָזען געוואָרען !

נינא האט געהערט דיעזע ווערטער און זיי האבען זיך מאדנע איינגעזועצט ביי איהר אין מארך.

— נו, יא ! זאל זיין צולאָזען געוואָרען !... — האט זי ווי־

דערהאַלט מיט עפּעס אַ מין ברענענדיגען נענוס, ליגענדיג אויפ׳ן בעט און קאָנוואולסיוו דריבלענדיג דעם ווינקעל פון קישען מיט ביידע, נערוועזע פינגער.

און איהר איז איינגעפאַלען אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז איצט איז שוין אַלץ איינס!... זאָל זיין אַזוי...

דער בעשלוס איז געקומען באַלד, אָהן אַ ישוב הדעת. די נאַכט האָט זיך דערנעהנטערט. מ׳האָט געדאַרפט זיך אונטעראיילען. מיט רווישלאַזע, געשווינדע בעוועגונגען האָט נינאַ גענומען זיך ארומדרעהען אין קאַמער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי בעוועגט זיך שוין קעגען איהר ווילען, אין דער מאַכט פון עפּעס אַ פרעמדער קראַפט. איהר יעדער זשעסט, איהר יעדע בעוועגונג איז געווען מעכאַניש, דאָס געזיכט בלאַס, די ליפּען צונויפגעדריקט.

— צולאָזען געוואָרען?... זאָל זיין אַזוי!... — האָט זי ווידערהאָלט דורך די צייהן.

זי האָט איינגעוויקעלט דעם קאָפּ אין אַ לייכטען שאַרף, פאַרזיכטיג זיך צוגעהאָרכט צו די שטימען און געלעכטער אויפ׳ן באַלקאָן, רווישלאַז און געשיקט איז זי ארויסגעקלעטערט דורכ׳ן פענסטער און זעהר געשווינד גענומען לויפען איבער׳ן גאָרטען. נור איין מאָל האָט זי געהאַט אין קאָפּ, נישט מעהר, נעמליך: און טאָמער איז ער אין דער היים ניטאָ?... און ביי דיזען געדאַנק איז איהר קאַלט געוואָרען.

די אוועגדען זיינען שוין געוואָרען קיהלע און דארום איז שוין אין פּאַרק קיינער נישט געווען. בלויז די איינזאַמע לאַמטערנעס, טויטליך גרינענדיג די נאָהענטע בלעטער, האָבען געוואָרפען שטרייפען פון טריבען שיין אויף די ברייטע פּוסטע אַלעען. נינאַ איז געלאָפען, ווי אַ פערברעכערין, צוהאַלטענדיג אויפ׳ן געזיכט איהר שאַרף, און מיט דער צווייטער האַנד — דאָס קלייד. אַ שוואַרצער שאָטען, דאָ אָבשטעהענדיג, דאָ איבעריאָגענדיג זי, איז געלאָפען נאָך איהר.

דעם אינזשעניער׳ס דאַטשע איז געווען פינסטער, ווי אַ ניטבעוואָהנטע.

נינאַ האָט זיך אָבגעשטעלט אַ פערלאָרענע, אַ דערשלאָגענע, עפּעס אַזוי, ווי אַ שרעקליך אומגליק וואָלט געשעהן, וואָס מען קען גאָר ניט גלויבען. איהר האָט אויסגעוויזען, אַז אַלץ איז שוין

פערלוירען. דאָס געפיהל איז עהנליך געווען אויף פערצווייפ־לונג, איהר הארץ האָט וואהנזיניג זיך ארומגעוואָרפען פון גיך־לויפען.

פאמעלעך, זיך אָבשטעלענדיג אויף יעדער טריט און מיט דונקעלער האָפנונג זיך צוהאָרכענדיג, איז נינא געגאנגען צוריק. אויף דעם ווענד־פונקט צו דער גרויסער אלעע האָט זי דערהערט שטימען, און איהר האָט זיך געטרוימט דעם אינזשעניער'ס שטי־מע. ניט אָבגעבענדיג זיך קיין רעכענונג, האָט זי זיך בעהאלטען און שטיל געבליבען אין שאָטען פון א גרויסען דיקען סאָסנע־בוים.

געגאנגען זיינען צוויי: א מאנספּארשוין און א פרוי. זיי האָבען וועגען עפּעס וואָס זעהר לעבהאפט זיך געהאמפּערט. דער מאנספּארשוין האָט איבערצייגט, די פרוי האָט ניט געוואָלט איינ־שטימען און האָט געלאכט קאָקעטיש און חיטרע. נאָך ניט צוגע־הענדיג קיין עטליכע טריט, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט גראד אונ־טער'ן לאמטערן. נינא איז געשטאנען, אראָבגעלאָזט דעם שארף. איבערראשט פון איין שרעקליכען געדאנק.

— וואָס פאר א חיטרער! — האָט די פרוי געזאָגט, — קענ־טיג, אז זי האָט איהם געגרייצט.

דער מאנספּארשוין האָט עפּעס־וואָס געענטפערט, און די פרוי האָט נאָך אמאָל זיך צולאכט. נינא האָט געפיהלט, אז זי פערלירט דאָס בעוואוסטזיין, נור זי האָט דאָס נאָך אלץ ניט גע־קענט פערשטעהן.

דער אינזשעניער איז געשטאנען מיט'ן רוקען צו איהר, האל־טענדיג די פרוי אין זיינע אומארמונגען און זיך בעמיהענדיג זי צו קוסען, און די פרוי האָט געלאכט און זיך איינגעשפּארט מיט ביידע הענד אין זיין ברוסט. די שיין פון לאמטערן איז איהר געפאלען אין פנים אריין, און נינא האָט זי דערקענט. דאָס איז געווען די שעהנינקע פערקויפערין פון דער פרוכט־און־סאָדא קרע־מעל. נור איצט האָט זיך איהר פנים אביסעל געענדערט פון לייד־ענשאפט, בלאסער געוואָרען, די אויגלעך האלב פערמאכט. אין דער אייגענער מינוט האָט די פערקויפערין דערקענט נינא'ן.

— לאָזט מיר אָב!... לאָזט־זשע מיר אָב!... — האָט זי אויסגעשריען, זיך ארויסרייסענדיג פון אינזשעניער'ס הענד.

דער אינזשעניער האָט ניט פערשטאנען און זי ניט אָבגע־

לאזט. די פערקויפערין האט גראב, מיט גאר איהרע כחות איהם אבגעשטויסען און, אונטערציהענדיג דאס קלייד, האט זי גענומען לויפען איבער'ן גראז, אן א זייט פון דער אלעע.

— ווארט! וואוהין לויפסטו?... ווארט!... — האט וויסאצקי איהר נאכגעשריען און געוועלט לויפען נאך איהר, ער איז אבער ארויפגעפלויגען אויף נינא'ן.

דאס איז געווען אזוי אונערווארטעט, אז אין ערשטען אויגענבליק האט זיין פנים אויסגעדריקט נאר א אומבעשרייבליכע ערשטוינונג. באלד אבער האט דער אינזשעניער פערשטאנען דעם גאנצען זין פון דער פאסירונג, און אלע שטריכען פון זיין שעהן פנים זיינען צוקרימט געווארען פון א בייזען פערדרוס. אזא'ן אויסדרוק האט נינא געזעהן דאס ערשטע מאל און אין דערזעלבער מינוט האט זי פערשטאנען, אז דאס איז טאקי זיין אמת'ער פנים.

עטליכע אויגענבליקען האט זיך געצויגען דאס לאסטיגע שווייגען, און ס'איז אומבעוואוסט מיט וואס דאס וואלט זיך געענדיגט, ווען אויף'ן אינזשעניער'ס פנים, פלוצלונג, אונערווארטעט פאר זיך אליין, וואלט זיך ניט בעוויזען א ברייטער שמייכעלע ביז די סאמע אויערען. און דאס איז געווען אזא נארישער, זינלאזער, שולדיגער, און שמוציגער שמייכעלע, אז נינא האט דערלאנגט א טעמפען געשריי און פארדעקט דאס געזיכט מיט די הענד.

—ווי אזוי קומט איהר דא!... וועלכער שיקזאל האט אייך אהער געבראכט?... — האט דער אינזשעניער ארויסגערעדט, פאלשטענדיג ניט וויסענדיג, וואס צו זאגען, און דערלאנגענדיג איהר די האנד.

דאס מיידעל האט זיך אבער ווילד אבגעטרייסעלט פון איהם, אויפשטעלענדיג זאגאר דעם ברעג פון שארף, עפעס אזוי ווי זי וואלט זיך געוועלט פארשטעלען, אבצאמען זיך פון א העסליכע זאך, וואס האט זיך געצויגען צו איהר.

— געהט ניט צו צו מיר!... — האט זי אויסגעשריען אויסער זיך, און אויפהויבענדיג די הענד, עפעס אזוי ווי זי וואלט איהרע אויגען ניט געגלויבט. זי האט אויף איהם א קליינע ווייל געקוקט און דערנאך גענומען לויפען כמעט פאלענדיג, שלעפענדיג איהר שארף אויף דער ערד.

און אזוי איז דער אינזשעניער געבליבען שטעהן מיט אן אויס־געשטרעקטער האנד, אין דער פאזע פון א מענשען, וואס האט אונ־ערוואַרטעט ארויסגעלאזט פון די הענד א געכאפטען פויגעל. און בעת ער איז געקומען צו זיך, האט נינא זיך שוין ניט געזעהן...

דער שמייכעל איז לאנגזאם אראב פון וויסאצקי'ס פנים, און א גרימאסע פון פערדרוס האט צוקרימט זיינע געזיכטס־ציגען. ער האט זאגאר אנגעהויבען קריצען מיט די צייהן.

— אך, די שדים זאלען דאס נעהמען!... צום טייוועל!... עך!... — האט ער מיט פערדרוס געברומט און געשנעלט מיט די פינגער.

.16

פאר'ן אינזשעניער איז דיעזע געשיכטע געווען א גאנץ אונ־ערוואַרטעטע און ער האט בשום אופן זיך ניט געקענט מוחל זיין, וואס ער איז אזוי נאריש ארייגעפאלען. אבער וויסאצקי איז גע־ווען צופיעל זיכער אין זיך, אום צו גלויבען, אז נינא קען איהם אויפהערען ליעבען. איהם האט זיך געדאכט, אז ער דארף זיך נור זעהען מיט איהר אויג אויף אויג, און זי וועט ווידער אמאל זיין אין זיין מאכט. אבער טאקי דאס, דאס הייסט, זיך זעהן מיט איהר, האט זיך איהם נישט איינגעגעבען. צוויי טעג האט דער אינזשעניער זי געזוכט און געגישטערט אין פארק, אבער נינא'ן האט מען נישט געקענט זעהן אין ערגיץ. דערנאך האט ער ביי זיך אבגעמאכט „דורכצוברעכען" די זאך און ער האט זיך בעוויזען אויף דער דאטשע, אבער דאס מיידעל האט זיך בעהאלטען ביי זיך אין קאמער און איז ניט ארויסגעקומען אונטער דעם אויסרייד פון קאפ־וועהטאג. זי האט זיך פערשטעקט אין ווייטסטען ווינקעל און פלעגט נאר אויפציטערען און בלאס ווערען בעת דעם אינזשע־ניער'ס שטימע האט זיך צו איהר הערטראגען פון באלקאן. דער אינזשעניער האט אנגעשריבען א ליידענשאפטליכען בריעף, ער האט אבער קיין ענטפער ניט געקראגען, אבוואהל נינא האט לאנג געוויינט איבער זיין בריעף. די נעקסטע צוויי בריעף האט ער צו־ריק געקראגען ניט קיין געעפענטע, און וויסאצקי האט בעשלא־סען, אז מען גיט איהר די בריעף ניט איבער. אז זי אליין זאל איהם נישט וועלען ענטפערן, האט דער אינזשעניער גאר נישט גע־

קאָנט צולאָזען. דאַן האָט ער זיך בעטראַכט זיך צו ווענדען צו קאַליאַ וויאַזאָווקין.

קאַליאַ האָט אומעדיג געשפּאַנט איבער'ן פּאַרק, בעת וויסאַצ־קי האָט איהם אָבגעשטעלט.

— זייט געגריסט, — האָט ער געזאָגט אונגעצוואונגען, אויפ־הויבענדיג דעם הוט.

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט עפּעס מאָדנע אַ קוק געטהאָן, ער האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט.

— מיר זיינען ווייניג בעקאַנט, — האָט דער אינזשעניער פּאַרטגעזעצט בעצויבערענד שמייכלענדיג, — איך האָב אָבער צו אייך אַ גרויסע ביטע... קענט איהר מיר שענקען איין מינוט צייט?...

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— די זאַך איז אָט וואָס, — האָט וויסאָצקי פּאַרטגעזעצט אַלץ מעהר אונגעצוואונגען, זאָגאַר אין אַ לייכטזיניגען טאָן, — איהר זענט דאָך, דאַכט זיך, אַ נאָהנטער פריינד פון נינאַ סערגע־יעוונאַ?

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט געמאַכט עפּעס אַן אומבעשטימטע בע־וועגונג, און האָט געשוויגען.

— אַלזאָ, איז אָט וואָס... ענטשולדיגט, וואָס איך ווענד זיך צו אייך, און נעהמט עס חלילה ניט אָן אין אַ שלעכטען זין... קענט איהר ניט איבערגעבען נינאַ סערגעיעוונאַ מיין בריעף און בעטען אַן ענטפער?...

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט פון אונטער'ן שטערען אַ קוק געטהאָן און גאָר ניט געענטפערט.

— פערשטעהט איהר, איך האָב אַ גרונד צו מיינען, אַז מיי־נע בריעף דערגעהען ניט צו נינאַ'ן, אונטערדעסען איז דאָס זעהר וויכטיג סאַי פאַר מיר, סאַי פאַר איהר... פאַר אייך איז דאָס געוויס קיין סוד ניט, אַז מיר... נו, דאָס הייסט, אַז איך און נינאַ סערגעיעוונאַ ליעבען איינער דעם אַנדערען...

אַ פּאַלשטענדיג אומבעשטימטע בעוועגונג איז געווען דער איינציגער אויסדרוק פון מיטגעפיהל פון קאַליאַ'ס זייט.

„אָט איז אַ האַרטנעקיגער באַראַן!“ — האָט דער אינזשעניער אַ טראַכט געטהאָן, אָבער ער האָט נאָך פריינדליכער אַ שמייכעל געטהאָן.

—צווישען אונז, פערשטעהט איהר, איז פאָרגעקומען א קליי־נער וואָרט־שטרייט, איך בין א ביסעל שולדיג געווען, אָבער... ענט־שולדיגט, וואָס איך פיהר אייך אריין אין דיזע איינצעלהיי־טען, איך האָב אָבער וועגען אייך געהערט אַזוי פיעל גוטעס פון נינאַ סערגעיעוונאַ... און דאן, האָב איך קיינעם נישט צו ווע־מען זיך צו ווענדען!... אין אַלגעמיין איז דאָס א גאַנץ נאַרישע געשיכטע, און ווען איך וואָלט געקענט זעהען נינאַ סערגעיעוונאַ, וואָלט אַלע, נאַטירליך, אויסגעגליכט געוואָרען. אָט איהר, אַלס פריינד, וואָלט געקאָנט איבערצייגען זי, אַז פאַר אונז איז וויכטיג זיך צו זעהן.

דער אינזשעניער איז אַנשוויגען געוואָרען אויסוואַרטענדיג, אָבער קאָליאַ וויאַזאַווקין האָט אויך אויסוואַרטענדיג געקוקט און געשוויגען. ביי וויסאָצקי׳ן האָט זיך די געדולד אויסגעשעפּט.

— נו, איז ווי איז דאָס? וועט איהר איבערגעבען? — האָט ער גראָב געפרעגט, בעשליסענדיג, אַז מיט דעם דאָזיגען באַלוואַן דאַרף מען זיך ניט פיעל צערעמאָניען.

קאָליאַ וויאַזאַווקין איז פּלוצלונג געדיכט רויט געוואָרען, פּונקט ווי א שולדיגער, און מיט אַנשטרענגונג געענטפערט:

— גוט... איך וועל איבערגעבען...

— איהר וועט מיר זעהר פערפליכטען!... — האָט דער אינ־זשעניער זיך דערפרעהט, ארויסנעהמענדיג דעם בריעף, — איך וואָלט זיך קיין מאָל צו אייך נישט געווענדט...

— גיט אַהער! — האָט קאָליאַ איהם איבערגעשלאָגען ניט קוקענדיג, כמעט ארויסרייסענדיג דעם בריעף, האָט זיך אומגעקעהרט און אָנגעהויבען שפּאַנען.

דער אינזשעניער האָט זיך זאָגאַר אביסעל פערלוירען.

— אַלזאָ, וועל איך דאָ אויף אייך אויפוואַרטען!... — האָט דער אינזשעניער איהם נאָכגעשריען.

קאָליאַ וויאַזאָווקין, זיך ניט אומקעהרענדיג, האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

קאָליאַ האָט נינאַ׳ן געפונען אין גאָרטען.

דאָס מיידעל איז אַליין געזעסען אויף דעמזעלבען באַנק. ביי איהר אויף די קניע איז געלעגען א בוך, אָבער נינאַ האָט ניט געלעזען. אָט די אַלע טעג איז זי געזעסען אין דער היים, מורא

האַבענדיג זיך צו בעגעגענען מיט'ן אינזשעניער און די גאַנצע צייט האָט זי פערבראַכט אין גאָרטען, וואו זי פלעגט גאַנצע שטונדען אַבזיצען מיט פערליינטע הענד און מיט בלאַסע פערצווייפעלטע אויגען און קוקען גראַד פאַר זיך אויף די גרינס, וואָס האָט שוין אָנגעהויבען געלב צו ווערען. זי האָט קיינעם ניט געהאַט פאַר וועמען צו דערצעהלען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, זי האָט ניט געהאַט ביי וועמען צו פרעגען וועגען דעם, וואָס זי האָט ניט פערשטאַנען, און איהר האָט זיך גערדאַכט, אַז אַלץ איז שוין געענ־דיגט, אַז מעהר לעבען לוינט זיך ניט פאַר איהר.

הערשט דען איבעראַל אַזא בעטרוג, אַזא שרעקליכע, שמוציגע בלאָטע?... וואָס־זשע איז דאָס אַלץ?... אָדער נור זי אַליין איז דאָס אַזא אומגליקליכע, אַזא בעדויערענסווערטהע, אַז נור מיט איהר בעגעהט מען זיך אַזוי נידערטרעכטיג און מיאוס, אָדער אַלע לעבען איבער דאָס זעלבע?... איז דען מיט אַנני אויך געווען אַזוי?...

נינא האָט זיך פאַרגעשטעלט העם גוטמוטהיגען ראַטמיסטער און האָט צום ערשטען מאָל אין איהם דערזעהן נור א זאַטע, גראָבע, אַבגעשמאַקטע חיה. און אַלע מאַנסלייט, וועלכע זי האָט זיך פאַר־געשטעלט, זיינען געווען אַזעלכע חיות, וואָס האָבען נור אין זינען די „פליישליכע“ ליעבע. אַן עקעל און א שווער געמיטה האָבען צונויפגעדריקט דאָס מיידעל'ס הארץ. זי האָט זיך געפיהלט פונקט ווי צווישען ווילדע חיות, פאַלשטענדיג הילפלאָז און אָהן א שום פערטהיידיגונג.

און וואו־זשע איז יענע ליעבע, וועגען וועלכער זי האָט גע־לעזען און געהערט?...

דער זאַמד האָט אָנגעהויבען סקריפען אונטער שווערע טריט. דאָס מיידעל האָט דערשראָקען א וואָרף געטהאָן מיט די אויגען און זי האָט דערזעהן קאַליא וויאַזאָווקין.

איהרע אַבגעבלייכטע און אַבגעצעהרטע באַקען האָבען געקראָ־גען פאַרב. נינא האָט האַסטיג די אויגען אַראָבגעלאָזט אינ'ם בוך.

— אָט נאָט אייך א בריעף... — האָט קאַליא וויאַזאָווקין גע־זאָגט, זיך ניט בעגריסענדיג.

דיזעלבע גרויסע, פורכטזאַמע אויגען האָבען זיך אַבגעשטעלט אויפ'ן בריעף, וועלכען ער האָט אויסגעשטרעקט, אָבער נינא האָט דעם בריעף נישט גענומען.

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט אומעטיג און אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן אויף איהר און האָט אַראָבגעלאָזט די האַנד.

— מעגליך, אַז איהר ווילט ניט?

נינאַ האָט איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען, דערנאָך אויפ'ן בריעף, דערנאָך אויף איהם, און קאַליאַ האָט געזעהן, ווי זי קווענ־קעלט זיך.

מיין גאָט, ווי עס האָט זיך דער מיידעל געוואָלט איבערלע־זען דעם בריעף, גלויבען, אַז דאָ איז נור געשעהן אַ מיספערשטענד־ניס, אַז אַלץ וועט זיך דערקלעהרען, און דאַן... — וואָס — דאַן, האָט נינאַ ניט געוואוסט, אָבער דער געדאַנק וועגען דעם, אַז זי וועט שוין קיין מאָל מעהר נישט זעהן דעם אינזשעניער און וועט מעהר נישט פיהלען זיינע קוסען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען אונ־מעגליך און שרעקליך, ווי דער טויט.

פאַר וואָס האָט קאַליאַ וויאַזאָווקין געקוקט אַזוי ערנסט און שטריינג, אַז נינאַ האָט אפילו ניט געוואגט ארויסוויזען, וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אויף דער נשמה?... איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב זי וועט נעהמען דעם בריעף, וועט קאַליאַ פערהאַסען זי, ווי אַ סאַמע נישטיגע פרוי. יאָ, און ער האַסט זי שוין!...

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט געוואַרט, האָט זיך בערענקט, דערנאָך ענטשלאָסען אַריינגערוקט דעם בריעף אין קעשענע און איז אוועקגע־גאַנגען.

— קאַליאַ!... — האָט קלעגליך נינאַ אויסגעשריען, בעת דער סטודענט איז שוין געווען ווייט.

קאַליאַ האָט זיך אומגעקוקט.

נינאַ האָט רחמנות'דיג צו איהם געשמייכעלט, פונקט אַזוי, ווי זי וואָלט געבעטען האָבען מיט איהר מיטלייד, אָבער דעם סטודענט'ס בליק איז געווען שטריינג און ערנסט. די קרעפטען האָבען זי פערלאָזען. נינאַ האָט זיך פערדעקט מיט די הענד און זיך צואוויינט.

קאַליאַ האָט אויפמערקזאַם, ס'האָט אויסגעוויזען, אָהן מיט־לייד, פון דער הויך, אַ קוק געטהאָן אויף איהרע אויפציטערענדע ווייכע שולטערען, האָט זיך אַ קעהר געגעבען און איז אוועק.

דער אינזשעניער האָט אויף איהם געוואַרט, איז אונגעדולדיג ארומגעגאַנגען הין און צוריק.

— נו, וואָס ?... — האָט ער געשווינד געפרעגט, בעת דער סטודענט האָט זיך בעוויזען פון דער ווייטענס.

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט איהם אויסגעשטרעקט דעם בריעף שווייגענדיג.

דער אינזשעניער האָט געשווינד אַ כאַפּ געטהאָן דעם קאָנ־ווערט און באַלד אויף איהם דערקענט זיין אייגענע שעהנע האַנד־שריפט.

— וואָס איז דאָס ?... האָט איהר נישט אָבגעגעבען ?... — האָט ער געפרעגט, אביסעל רויט ווערענדיג.

— ניין, איך האָב יאָ אָבגעגעבען... — האָט קאַליאַ וויאַזאָוו־קין אומעטיג אָבגעענטפערט.

— נו, איז ווי שיקט זיך דאָס ?...

— נו, איז גאָר נישט... — האָט קאַליאַ וויאַזאָווקין נאָך אוּ־מעטיגער ארויסגעברומט.

דער אינזשעניער איז געוואָרען אָן אָנגעצונדענער. דעם סטו־דענט'ס שטימע האָט פאַר איהם געקלונגען מיט אַ שפּאָט, און אין אמת'ן האָט זיין לאַנגע טאַקי אויסגעזעהן נאַריש און קאָמיש. דעם אינזשעניער האָט אָנגעכאַפּט אַ בייזקייט, און אַ וואונש די בייז־קייט אויף אימיצען אויסצולאָזען.

— אזוי־ס־ם !... — האָט ער דורכגעזייהט דורך די צייהן.

— זעהר גוט... אַ דאַנק אייך !... דאָס וואָלט איך אַליין געקאָנט טהון... באַלוואַן !... — האָט ער אַ בורטשע געטהון פאַר זיך.

קאַליאַ וויאַזאָווקין האָט דערהערט דאָס וואָרט „באַלוואַן“ (פלאָקען, דומקאָפּ) און איז אַ ביסעל בלאַס געוואָרען. ער האָט אָבער אַ וואָרט נישט געזאָגט. דער אינזשינער האָט פרעך אויף איהם אַ קוק געטהאָן. די אונטערטהעניגקייט, דאָס פערשווייגען פון סטודענט, וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר פייגהייט, האָט איהם צוגעגעבען קוראַזש, דאָס האָט איהם אונטערגערייצט.

— אויב אזוי — האָט ער לאַנגזאַם און מיט הנאה פאַרטנגע־זעצט, — גיט־זשע איבער אייער פרעכטיגע נינאָטשקע, אַז זי איז איינפאַך...

דער אינזשינער האָט ניט ווילענדיג זיך פאַר'איקעט, שרעק־ליך בלאַס געוואָרען און אויסגעשטעלט אַ פּאָאַר שפּיציגע אויגען אויפ'ן סטודענט. נאָר איידער וויסאָצקי האָט בעוויזען עפּעס

וואָס צו בעגרייפען, האָט דער סטודענט וואַהנזיניג איהם אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן ברוסט, איהם אַ שלעפּ געטהאָן צו זיך און מיט אַ גרויסען שוואונק איהם אַ שטויס געטהאָן אויף צוריק אַזוי, אַז זיין רוקען און נאַקען האָבען זיך שרעקליך אַ זעץ געטהאָן אָן נאָהענטס־טען בוים. דער הוט איז אַראָבגעשפּרונגען פון אינזשינער'ס קאָפּ, ער האָט שווער אַ קרעכץ געטהאָן און פאַר זיינע אויגען האָבען אַלע סאָסנע־בוימער און דאַטשעס זיך אָנגעהויבען דרעהען.

דאָס ווייטערדיגע איז פאָרגעקומען געשווינד, ווי אַ בליץ: זיך אַרויסרייסענדיג פון קאַליאַ'ס הענד, איז דער אינזשינער אָב־געשפּרונגען אַ פּאָר טריט און אויפגעהויבען אַ שטעקען, אָבער דעם שטעקען האָט קאַליא מיט אַ מאָדנע פלינקקייט אַרויסגעדרעהט ביי איהם פון די הענד און פון פייערדיגען וועהטאָג אין באַק און אויער האָט וויסאָצקי שיער ניט פערלוירע דאָס בעוואוסטזיין. ער האָט פּרובירט זיך פאַרשטעלען מיט די הענד, אָבער די קלעפּ האָבען זיך געשאָטען ווי אַ האָגעל, אויף די הענד, אויפ'ן קאָפּ, אויפ'ן רוקען, זיינע פיס זיינען זיך פאַרנאַנדערגעפאָהרען און אַ פער־טויבטער, אַ צובראָכענער, ניט עהנליך אויף אַ מענשען, האָט ער מאַכטלאָז זיך אַראָבגעלאָזט מיט'ן קאָפּ אין אַ ווייכע קופּע פון פערשטויבטע פיכטען־צווייגלעך.

מענשען, וואָס זיינען פון ערגיץ־וואו אָנגעלאָפען, האָבען איינ־געהאַלטען קאַליא וויאַזאָווקין און האָבען ביי איהם אַרויסגעריסען דעם אינזשינערס שטעקען. פון אַלע זייטען האָט מען געשריען, זיך געשראַקען אַרומגעטענדעלט, געפּאַכט מיט די הענד. פינף מענשען מיט איין מאָל האָבען זיך געסטאַרעט אויפצוהויבען דעם אינזשינער און האָבען בשום אופן ניט געקענט איהם אוועקשטעלען אויף די פיס. וויסאָצקי'ס געזיכט איז שרעקליך געווען, נישט צו דערקענען. פון מויל האָט גערונען בלוט צומישט מיט קויט, די צייהן האָבען זיך געקלאַפּט איינער אָן אַנדערען, די אויגען האָבען געקוקט זינלאָז און ווילד.

מיט דריי טריט ווייטער, אין מיטען אַלעע, איז געשטאַנען אַנני און האָט מיט שרעק געקוקט אויפ'ן אינזשינער, און דער שווערקערפּערדיגער ראַטמיסטער האָט איהם פערשטעלט פון צו־ווילדעטען קאַליא וויאַזאָווקין, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ צו איהם געריסען, און האָט געשריען:

— זייט איהר פון זינען אַראָב, וואָס?...

.17

אין צוויי טעג אַרום נאָכ'ן סקאַנדאַל, ווענען וועלכען אַלע דאַטשניקעס האָבען גערעדט, האָט מען נינאַ'ן אַוועקגעפיהרט אַ היים, אין כאַרקאָוו, און זי איז לאַנג קראַנק געווען.

דער גאַנצער הערבסט איז פאַר דער מיידעל אַוועק עפּעס ווי אַ מוטנער און בלאַסער טרוים. דערנאָך, האָט זי זאָגאַר שלעכט גערענקט דיעזע צייט, וועלכע האָט זיך איהר פאַרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון אַן ענדלאָזען גרויהען שטרייף. גאַנצע טעג איז זי געזעסען ביי זיך אין צימער, האָט זיך פון אַלעמען פערשלאָסען, פלעגט ווערען אויפגערעגט פון יעדער קליינינקייט און פלעגט וויינען, איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האַסען זי און קענען זי ניט ליידען.

וויסאָצקי'ן פלעגט זי ניט דערמאָהנען. ער איז פאַר איהר פערוואַנדעלט געוואָרען אין עפּיס אַ וועלכער עס איז פוסטקייט און דיעזע פוסטקייט איז געווען אַרום איהר און אין איהר. אין איהר נשמה איז געווען עפּעס פערברודיגטעס, אומריינעס, פערקריפּעלטעס און ריהרען דיעזע וואונד וואָלט געווען צו שמערצליך. ס'האָט זיך איהר נור געדאַכט, אַז אַלץ אין לעבען איז שוין געענדיגט און אַז עס וועט שוין קיינמאָל ניט זיין אַזוי פרעהליך, לייכט און גוט, ווי פריהער.

און ביי זיך אַליין איז דאָס מיידעל געוואָרען עפּעס אַן אַנדערע: זי פלעגט אָפט קוקען אויף זיך אין שפּיגעל און פאַר איהר איז געווען עפּעס אַ וועלכע איז נייע, פרעמדע פרוי, מיט אַ פערעלטערטען מאָגערען פּנים און מיט גרויסע אויגען, וואָס ווייסען שוין עפּעס־וואָס.

קאָליאַ וויאַזאָווקין איז אַוועקגעפאָהרען אין פּעטראָגראַד, עס זיינען אויך אַוועקגעפאָהרען אַנדערע מיט'ן מאַן, און נינאַ האָט זיך זאָגאַר געפרעהט דערמיט, ווייל וועניגער מענשען האָבען איהר ערגעהאַרט דאָס איבערגעלעבטע.

אָבער די צייט איז זיך געגאַנגען און ביסלעכווייז אָבגעריבען דאָס פערגאַנגענע. דאָס פערגאַנגענע האָט זיך שוין איצט ניט אויסגעוויזען אַזוי שרעקליך און אונפעריכטבאַר. ביסלעכווייז האָט נינאַ ווידעראַמאָל אָנגעהויבען אריינגעהן אין'ם לעבען, זיך אינטערעסירען מיט דאָס אַרומיגע, שפּאַציערען, שמועסען און לאַכען.

אַנפאַנגס האָט זי דאָס געטהאָן מיט פורכטזאמקייט, שרעקענדיג און אונזיכער און דאָס פלעגט אָפט זיך פערבייטען אויף אַנפעלע פון ווילדקייט און שווערמוטה, אָבער קרעפטען פון פרייד און פון לעבען זיינען צוגעקומען מיט יעדען טאָג. און בעת ס'איז ארויסגעפאַלען דער ערשטער שנעע און אַלץ אַרום איז ווייס געוואָרען אזוי יוגענדליך, האָט עפּעס־וואָס פון איהרע שולטערען אזוי ווי זיך אראָבגעקייקעלט און, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט אין אמת'ען געזונד געוואָרען נאָך אַ שווערער און לאַנגער קראַנקהייט, האָט דאָס מיידעל מיט ברייט אָפּענע אויגען זיך אַרומגעקוקט אַרום.

איהר האָט זיך באַלד אויסגעוויזען זאָנדערבאַר, וואָס זי האָט פונקט אזוי ווי גאָר ניט געלעבט אָט די גאַנצע צייט און איהר האָט זיך געוואָלט בעוועגונגען און לוסטיגקייט. צו ווייהנאַכטען (קריסטמעס) איז זי שוין געווען די פריהערדיגע, געזונטע, לוסטיגע נינאַ, וועלכע פלעגט זעהר פלייסיג בעזוכען די לעהר־קורסען, פלעגט לאַבען מיט די בעקאַנטע סטודענטען, זיך פערנומען מיט מוזיק און געטרוימט וועגען טהעאַטער. זי איז זאָגאַר שעהנער געוואָרען, אויפגעבליהט, עפּעס פולער געוואָרען, פון אַ מיידעלע איז זי געוואָרען אַ דערוואַקסענע מיידעל. איהר גאַנג איז געוואָרען גראַציעזער, אין איהרע בעוועגונגען — מעהר ווייבליכקייט. צוזאַמען דערמיט האָט נינאַ אָנגעהויבען ווייניגער לעזען, ווייניגער הינגעריסען זוערען פון דעבאַטען וועגען אידעען, זי האָט אָנגעהויבען זיך צו קליידען בעסער און זיך מאַכען אַ שעהנערע פריזור, אָפטער זיך געפינען צווישען מאַנסלייט און זאָגאַר קאָקעטירען.

דער קרייז פון איהרע פריינדינעם האָט זיך אויך געענדערט: זי איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט יענע, וועלכע פלעגען גאַנצע טעג אָבזיצען איבער ביכער, און איז זיך צונויפגעקומען מיט אויסגעפוצטע, שעהנע און קאָקעטישע מיידלעך, וועלכע שפּיעלען זיך אין ליעבע. נינאַ אַליין האָט עס ניט בעמערקט, אָבער איהר האָט געצויגען אין יענעם קרייז, און אין אַן אינטימער מיידעלשער פּלוידעריי וועגען מאַנסבילען האָט זי געלעבט מיט איהר גאַנצער נשמה, די אויגען ביי איהר האָבען געגלאַנצט, איהרע באַקען האָבען געקראָגען אַ ראָזען קאָליער, איהר ברוסט האָט געאַטהעמט אויפגעברויזט און לײדענשאַפטליך.

איהר איז שוין געווען לאַנגווייליג, בעת אין אַ געזעלשאַפט

איז נים געווען קיין איין איינציגער אָנציהענדער מאַנספּאַרשוין, און נינא האָט זיך אויסגעלערענט, אַ ביסעל אַ זשמורקע טהאָן מיט'ן אויג און מאָדנע שמייכלענדיג זאָגען:
— ער איז אינטערעסאַנט !...

נינא'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט שוין דעם אינזשעניער אינגאַנצען פערגעסען, אָבער מאַנכעסמאָל ביינאַכט, אין בעט, פּלעגט זי זיך פּלוצלונג ערינערען וועגען איהם. אַלע מאָל איז דאָס געווען נאָכדעם, ווי זי פּלעגט פערברייינגען אַן אָבענד צווישען מענער, וועלכע זי פּלעגט געפעלען ווערען. און דערמאָהנט האָט זי זיך ניט דעם אינזשעניער גופא, נור דאָס, וואָס צווישען זיי איז פאָרגעקומען. מיט אַן איבערראַשענדער קלאָהרקייט האָט זי געזעהען יענעם ברייטען מאָדנעם דיוואַן, אַ בלאַסען ליידענשאַפטליכען פנים איבער זיך, איהר אייגענעם נאַקעטען קערפּער, די גאַנצע סצענע פון וואַהנזיניגען קאַמפף ביז צו די קלענסטע איינצעלהייטען. אַ ווילדע נייגיעריגקייט האָט זיך אין איהר דערוועקט: נינא האָט כמעט בעדויערט, וואָס זי האָט דעמאָלט איהם ניט נאָכגעגעבען און האָט ניט ערפאַהרען, וואָס דאָס איז אַזוינס. דער מיידעל האָט זיך געדאַכט, אַז זי פיהלט ברענענדיגע קוסען און גראָבע לאַסקעס, און איהר האָט זיך געהאַכט, עפּעס אַזוי ווי זי פערליערט איהרע קרעפטען און געהט אויס פון אַ זיסער מיעדקייט. דאָס בלוט איז איהר צוגעלאָפען צום קאָפּ, די באַקען האָבען געברענט, און ווי אַ סטרונע האָט זי זיך אויסגעצויגען אונטער'ן דעקע, קאָנוואולסיוו זיך איינגעדראַפּעט מיט די פינגער אין ליילעך, און איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, מיט אַ מאָדנעם שמייכעל אויף די ליפּען, זיך סטאַרענדיג ניט צו בעוועגען זיך, אום ניט צו פערטרייבען עפּעס וועלכע עס איז אילוזיאָנען און פאַרשטעלונגען. איהר האָט זיך געוואָלט אָבפרישען אין געדעכנים אַלץ, און דיעזער באַגעהר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך געוואָלט שרייען. מיט די צייהן האָט זי זיך איינגעקלאַמערט אין געלענק פון איהר פינגער און אין אונטערגעליבען וועהטאָג האָט זי געפונען אַ ברענענדיגען גענוס. דערנאָך איז זי פּלוצלונג געקומען צו זיך און אינגאַנצען אויפגעציטערט פאַר שאַנדע, און אויף מאָרגען איז זי אויפגעשטאַנען אַ שוואַכע, מיט אַ קאָפּ־וועהטאָג און מיט עקעל צו זיך אַליין.

מאָדנע, וואָס גראָד איצט האָט זי געקראָגן פיעל נאָכגעהער. די מאַנסלייט, שפּירענדיג די פרוי, וואָס אַנ'אַנדער מאַנסביל האָט אין איהר דערוועקט, האָבען עפּעס זאָנדערבאַר זשעדנע און צוּדרינגליך זיך אַרומגעדרעהט אַרום נינאַ'ן און ביי זיי אַלעמען אין די אויגען איז געווען אַ בעזונדערער אויסדרוק, וואָס האָט געצוואונגען דער מיידעל צו אָפּט און שעהן לאַכען, בליצען מיט די אויגען, זיך בעוועגען אַזוי פויל און מאַט, פּונקט אַזוי ווי איהר וואָלט זיך געוואָלט אַ ציה טהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער. אויף דער גאַס האָט זי בעמערקט, אַז אַלע פאַרקוקען זיך אויף איהר און דאָס איז איהר געווען אַנגענעהם.

איינמאָל, בעת נינאַ איז געגאַנגען אַ היים, אויף אַ גרויסער רוישיגער גאַס, אין מיטען העלען טאָג, האָט אַנ'אָפיציער זיך אַריינגעזעצט אין אַ שליטען. נינאַ האָט אויף איהם געשווינד אַ בליק געטאָהן, און באַלד האָט זיך איהר געוואָרפען אין די אויגען זיין שטאַרקע ביז צו נאַקעט אָבגעשאָרענע פאַטילניצע, איבער די ברייטע מאַנסבילשע פּלייצעס. עפּעס וואָס זאָנדערבאַרעס, ווי אַ פונק, איז אַריבער איבער דער מיידעל'ס קערפּער, און אָבוואָהל דער אָפיצער איז באַלד פערשוואונדען אין שנעעאיגען שטויב, איז פאַר איהר נאָך געשטאַנען די ערינערונג וועגען דיעזער שטאַרקער פאַטילניצע. אָט אין דעם טאָג איז נינאַ געווען מאָדנע גערעגט און האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען.

נאָך דעם האָט אַ מאַנסבילשע געזעלשאַפט אָנגעהויבען נינאַ'ן מעהר אויפרעגען, ווי פרעהליך מאַכען. ניט אַלע מענער, נור אָט איינער, אָט אַ צווייטער האָבען צוגעצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט, און נינאַ האָט געפיהלט, אַז איהר ציהט צו דיעזען מענשען, זי האָט געפיהלט, אַז צווישען איהר און איהם איז נור אַ דינינקע ניט שטאַרקע ווענטעל. צייטענווייז פלעגט זי פאַר זיך אַליין מודה זיין, אַז איהר ווילט זיך אַ קוס, און ווען אימיצער וועט צו איהר דרייסט צוגעהען, וועט זי ניט געפינען ביי זיך קיין קראַפט איהם אָבצושטויסען.

שפּעט אין אָבענד, בעת די לבנה האָט געשיינט און די גאַנצע שטאָדט איז געווען איינגעשמידט מיט איהר פראָסטיגען שיין, איז נינאַ געגאַנגען אַהיים פון צוגאַסט. דאָרט איז געווען זעהר פרעהליך און רוישיג, מען האָט פיעל געזונגען און געטאַנצט, זיך נאַריש

געמאַכט און געלאַכט, צום אַבענד מאָל־צייט האָט מען געטרונקען וויין. בעת מען איז זיך צוגאַנגען, איז די גאַנצע גאַס פול געוואָרען מיט געלעכטער און מיט יוגענדליכע קלינגענדיגע שטימען.

ביז דעם פּאַראַד־פּאַלאַץ איז מען געגאַנגען אין אָן'אָרדנונגס־לאָזער מאַסע, דערנאָך האָט מען זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן ראָג און לאַנג זיך געאַמפּערט וועגען עפּעס־וואָס, צו־ציהענדיג די אויפמערקזאַמקייט פון פּאָליציאַנט, וועלכער איז געשטאַנען אונטער דער לבנה פערפרוירען און איינגעהילט. ענדליך איז מען מיעד געוואָרען און מען איז זיך צוגאַנגען אין פערשיעדענע זייטען פאַר־ווייז און קופּקעס־ווייז. נינאַ'ן איז געגאַנגען בעגלייטען אַ הויכער, שעהנער סטודענט וויאַחיראָוו.

די גאַסען זיינען שוין געווען פּוסט, און צוליעב דער לבנה־נאַכט האָבען די לאַמטערנעס ניט געברענט. די לבנה, ווי אַ מלכה, איז געשטאַנען איבער דער שלאָפענדער שטאָדט. אויף איין זייט גאַס זיינען די הייזער געווען ווייס און די פינסטערע שויבען האָבען געבלישצעט מיט בלויע פונקען, אויף דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען אַ שאַרפער שווארצער שאָטען, וואָס האָט זיך געלייגט אויפ'ן וועג, ווי מיט גרויסע צייהן.

וויאַחיראָוו און נינאַ זיינען לאַנג געגאַנגען שווייגענדיג, אַרומגעחאַפּט מיט דער הערליכער שעהנהייט פון דער פראָסטיגער לבנה־נאַכט, און דער שנעע האָט געסקריפּעט אונטער זייערע פיס. נינאַ האָט געקוקט, ווי געשווינד די פּאַרע פון איהר אַטהעם שמעלצט און פערשווינדט אין בלויען שיין, האָט צוגעדריקט די מופטע צו איהר באַק און איהר איז געווען עפּעס זאָנדערבאַר גוט. געהויש, געשריי און שטיפעריי האָבען זיך אויף אַמאָל אָבגעריסען, און דיזע לבנה־שטילקייט האָט איהר ארומגעחאַפּט פון אַלע זייטען. ס'האָט זיך געוואָלט עפּעס וואָס בעזאָנדערס און ס'איז געווען עפּעס מאָדנע צו געהן אהיים שלאָפען.

וויאַחיראָוו איז געגאַנגען פעסט און ברייט געשפּרייזט, דעם מאַנטעל אָבגעשפּילעט און די היטעל ארויפגערוקט אויף דער פּאַטילניצע. נינאַ האָט צופעליג אַ קוק געטהון אויף איהם און ווידער אַמאָל האָט זיך איהר אַ וואָרף געטאָהן אין די אויגען די שטאַרקע געקרויזטע פּאַטילניצע איבער'ן ווייסען האַלז. דאָס מיידעל האָט באַלד, פונקט אזוי, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען, אָבגעפיהרט איהר

בליק און טיעפער אריינגערוקט דאָס פּנים אין ווייכען פּעלץ פון איהר מופטע, אָבער אַ מאָדנע רעגונג האָט איהר אָנגענומען. ס'האָט זיך געוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טהאָן, אָבער זי האָט עפּעס פאַר וואָס דערפיהלט אַ שאַנד. זי האָט דערפיהלט אַ שאַנד און ס'איז איהר געווען היימלעך.

אין דערזעלבער צייט האָט וויאַחיראָוו אין־דער־שטיל אַ זונג געטהאָן אונטער דער נאָז:

„ניט ליעבען, הייסט אומבריינגען דאָס יונג לעבען...

דאָס לעבען איז ניט קיין גן־עדן, קלייב אויס יעדע יונגע מיידעל.“

נינא האָט אויפגעציטערט און געגאַנגען גיכער. עפּעס פאַר וואָס האָט דיעזע אַלטע אָבגעשמאַקטע ליעד איהר אויסגעוויזען נייע און שעהמפּול און די לעצטע ווערטער האָבען זיך בעצויגען פונקט ווי צו איהר אַליין.

— וואוהין איילט איהר זיך אַזוי... — האָט געפרעגט וויאַחיראָוו, ווען ס'איז געווען אָנגענעהם צו געהען זאַלבענאַנד מיט אַ שעהן יונג מיידעל איבער די העלע און ליידיגע גאַסען, פערגאָסענע מיט לבנה־שיין. — איהר וועט בעוויזען!... עך, נאַכט! און אַזוי דאַכט זיך טאַקי, אז איך וואָלט גענומען און אוועקגעדרעהט דעם לאָמטערן אויף אַ זייט!... — האָט ער אונערוואַרטעט געענדיגט.

נינא האָט זיך צולאַכט, און איהר געלעכטער איז געווען קאָקעטיש און רעטזעלהאַפט, פונקט אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געוואוסט.

— און וואָס זשע מיינט איהר! — האָט וויאַחיראָוו געענטפערט אויף איהר געלעכטער, — מיר לעבען, מיר לעבען... ס'ווערט אָבער לאַנגווייליג!... — ניט קיין שוואונק איז ביי אונז דאָ, ניט קיין אויסברוך!... אַלץ איז אַזוי פּאָרזיכטיג, מיט בעטראַכט, לויט'ן געזעץ!... נישט זיך אָנ'שיכור'ן ווי געהעריג איז, ניט זיך צוהוליען סקאַנדאַליעז, ניט זיך פערליעבען, ווי ס'בעדאַרף צו זיין...

— נו, זיך אָנ'שיכור'ן בעווייזט איהר שטענדיג!... — האָט נינא חיטרע געענטפערט, און איהרע אויגען האָבען געבלישצעט ביי דער לבנה, איבער איהר טונקעלע מופטע.

— אָבער ניט דאָס מיין איך!... — האָט מיט אַ מאָדנעם פערדרוס וויאַחיראָוו אָבגעענטפערט. — וואָס הייסט זיך אָנ־

שיכור'ן !... זיך אַנ'שיכור'ן קען מען, אָבער, וואָס קומט דערפון אַרויס ? מיר קלייבען זיך צונויף, האַמפּערן זיך, שרייען, און דאַ... עך !...

וויאַחיראַוו, ווייזט אויס, האָט נישט געוואָגט אָדער ניט גע־קענט אַרויסזאָגען עפּעס־וואָס, וועגען וועלכעס ס'האָט אָהן ווער־מער געערדט זיין גאַנצע יונגע, דרייסטע שטאַרקע פיגור. אָבער נינאַ האָט מיט איהר גאַנצען וועזען פערשטאַנען, וועגען וואָס ער רעדט, און אין איהר איז געוואַקסען אַ רעגונג. עפּעס אַזוי ווי אַ פרישע שטאַרקע כוואַליע וואָלט דאָס מיידעל אויפגעהויבען.

איהר האָט זיך געדאַכט, אַז וויאַחיראַוו בענקט נאָך אַ יונגע פרייע און דרייסטע מיידעל, וועלכע וואָלט געקענט ניט אורטהייי־לענדיג און אָהן שרעק, צוזאַמען מיט איהם נעהמען גאַר די פרייד פון לעבען, די פרייד, וועגען וועלכער עס רעדט דיעזע ליכטיגע לבנה־נאַכט.

און אַלץ שטאַרקער איז אין איהר געוואַקסען דער צווייפעל. זי האָט ווידער אַמאָל בגנבה אַ קוק געטהאָן אויף וויאַחיראַוו'ן און האָט זיך געפרעהט, וואָס ער האָט נישט געזעהען איהר בליק.

קענגען דעם הויז, וואו נינאַ האָט געוואָהנט, זיינען זיי דורך דער גאַס אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט און באַלד פערזונקען געוואָרען אין אַ דורכזיכטיגען קאַלטען חושך. די קעגענ־איבערדיגע זייט האָט זיך אינגאַנצען געווייסט און געבלישצעט מיט אַ בלויען פייער, און דאַ איז געווען געהיימניספול פינסטער און אימה'דיג. נינאַ האָט ניט געקענט זעהען, זי האָט אָבער גע־פיהלט, אַז וויאַחיראַוו קוקט אויף איהר, און פון דיעזען בליק איז זי ניט ווילענדיג געוואָרען גראַציעזער, האָט קאָקעטישער צוגעדריקט די מופטע צום געזיכט און איז געגאַנגען אַזוי, פונקט ווי זי וואָלט געטאַנצט.

— נו, צום ווידערזעהען ! — האָט זי שטיל געזאָגט, בעת זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן פּאַסאַד.

וויאַחיראַוו האָט פערהאַלטען איהר האַנד אין זיין ווייכער וואַ־רימער ברייטער האַנד־פלעכע, און נינאַ'ן איז דאָס געווען שרעקליך און אַנגענעהם.

— שוין שלאָפען ?... — האָט ער געפרעגט, עפּעס אַזוי ווי ער

וואָלט נאָך אַלץ ניט געקענט גלויבען, אַז אַלץ וועט זיך ענדיגען אַזוי איינפאַך און אומעטיג.

— שלאָפען ! — האָט דאָס מיידעל געענטפערט און זיך צו־לאַכט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט איהם געוואָלט אונטעררייצען.

— עה—מאַ !... — האָט וויאַחיראָוו אַ זיפץ געטהאָן. — נו, וואָס־זשע... שלאָפען איז שלאָפען !... און איך וועל זיך נאָך ארומבלאָנקען !...

זיי האָבען געשוויגען.

— צום ווידערזעהען... — האָט נינאַ ווידערהאָלט און אויס־געשטרעקט די האנד.

— נו, צום וויעדערזעהען, אויב אַזוי, — האָט וויאַחיראָוו כמעט מיט שווער־מוטה איינגעוויליגט, האָט שטאַרק אַ טרייסעל געטהאָן איהר האַנד און אַרויסגעלאָזט איהרע פינגער.

ווידער האָט איינגעטראָטען אַ קורצעס רעגענדעס שווייגען און פּלוצלונג האָט נינאַ דערשפּירט, אַז ער וויל זי אַ קוש טהאָן. ס'איז געווען אַ מאָמענט פון שוואַכקייט און אונקלאָהרען באַגעהר פאַר דיעזען קוש, אָבער דאָס מיידעל האָט איילענדיג, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען, זיך אויפגעהויבען אויפ'ן פליגעל פון הויז און אַנגעקלונגען. און ביז וואַנען הינטער דער גלעזערנער טיהר האָט ניט אויפגעשיינט פייער און דער פערשלאָפענער דינער האָט זיך ניט בעוויזען, האָבען זיי געשוויגען און געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען. נינאַ איז געשטאַנען אויפ'ן טרעפּעל און קאָקעטיש גע־דריקט די מופטע צום געזיכט, און וויאַחיראַוו איז געשטאַנען אונ־טען, אויפ'ן טראָטואַר.

די טהיר האָט זיך געעפענט. נינאַ האָט נאָך אַמאָל, עפּעס אַבי־סעל שפּאָטיש, צו איהם אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און פער־שוואונדען אין קאָרידאָר. און וויאַחיראָוו איז אַ ווײלע געשטאַנען, זיך בעטראַכט, און אַוועק דורך די פּוסטע גאַסען, אין אַ בעקאַנטען הינטער־געסעל, וואו אין אַלע הייזער זיינען די פענסטער געווען העל בעלויכטען, הינטער די פערפרוירענע שויבען האָבען זיך גע־דרעהט טאַנצענדע שאָטענס. ס'האָט זיך געהערט ניט קיין האַר־מאָנישע מוזיקע, און איבער'ן ברוק זיינען געגאַנגען קופּעס מענ־שען, שיכור'ע סטודענטען האָבען געזונגען און געליאַרעמט.

נאָך דיעזען אָבענד האָט נינאַ אומבעוואוסטזיניג געזוכט זיך

צו טרעפען מיט וויאחיראָוו׳ן, און וויאחיראָוו האָט זי געזוכט. אָבער ביי די בעגעגענישען פלעגט דער סטודענט גראָבליך זיך פער־לירען, און דאָס מיידעל פלעגט קאָקעטיש לאכען, פלעגט זיך וויצ־לען איבער איהם, און אליין ניט געוואוסט, וואָס אייגענטליך זי פערלאַנגט פון איהם.

18.

ס׳איז געקומען דער מאָנאט מערץ. דער מונטערער, געזונ־טער אויפרעגענדער מאָנאט מערץ, מיט דער בלענדענדער זון, בלויען הימעל, שמעלצענדען שנעע, קלינגענדע טייכלעך און בעטוי־בענדען גערויש פון די רעדער איבער דעם ברוק.

וויפיעל קלאַנגען, וויפיעל קאָלירען און בעוועגונגען נאָך דעם לאַסטיגען איינאַרטיגען קלאַנגלאָזען ווינטער. בייטאָג איז דער גאַנצער קערפּער געווען פול מיט קרעפטען און פרייד, אין די אבענ־דען האָט די נשמה אזוי זיס געבענקט, עפּעס אויף וואָס געוואַרט, עפּעס וואָס געפאָדערט.

נינא האָט אין הויז ניט געקאָנט איינזיצען, און דער קאָפּ ביי איהר איז פול געווען עפּעס מיט אונערוואַרטעטע פרעהליכע גע־דאַנקען. זי האָט זיך נאַריש געמאַכט, קאָקעטירט, דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט אין גאַס און אָפּט־מאָל האָט זי אויסגעזעהען אזא אויפגעלעגטע, אויפגעלעבטע, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט אַלץ מעהר פערשיכור׳ט געוואָרען פון דער שטאַרקער, פריידיגער פריהלינגס־לופט.

עפּעס איין מאָל אין דער פריה האָט זי זיך אויף די לעהרע־קורסען דערוואוסט, אז אין שטאָדט איז געקומען צו פאָהרען און זיך אָבגעשטעלט אין א גרויסען האָטעל דער שריפטשטעלער אר־סעניעוו.

די קורסיסטקעס האָבען וועגען דעם גערעדט מיט אַן אומבע־שרייבליכער בעלעבונג. ביי דער יוגענד איז ארסעניעוו געווען שטאַרק פּאָפּולער און דאָס איז געווען פערשטענדליך: מיט ברייט אָפענע אויגען זיינען די מיידלאַך געשטאַנען אויפ׳ן שוועל פון לעבען, אין א ליכטיגער ערוואַרטונג פון גליק און לאַסקעס, און ביי קיינעם פון די היינטיגע שריפטשטעלער איז ניט געווען אזוי פיעל שעהנע, צאַרטע און בעטריעבטע ווערטער וועגען ליעבע. א

שטילע ליעבעס־מוזיק האָט געשטראָמט פון די בלעטער פון זיינע ביכער. ארסעניעוו האָט ליעב געהאַט צו שרייבען וועגען דעם, ווי פריידיג און צוטרוילִיך עס געהט אריין אין לעבען אַ יונגע פרויען־נשמה און ווי גראָב, ציניש און רויבעריש עס בעגעגענט זי די פיעל־ערפאַהרענע מאַנסבילשע פליישליכע לוסט. עס איז געווען עפּעס־וואָס אונאויסדריקליך טרויעריגעס אין יענע קימער־ליכע נאָטקעס, מיט וועלכע ער פלעגט פערענדיגען זיינע ערצעהל־לונגען, און ס׳האָט אויסגעזעהען, אַז ביי איהם אליין מוז געווים זיין אַ ווייבליך־צאַרטע, שעהנע, פול מיט ליעבע און לאַסקעס, נשמה.

זיין לעצטע ערצעהלונג האָט נינא איבערגעלעזען עטליכע מאָל. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז אונזיכטבאר נאָך איהר נאָכגעגאַנגען, און אַז די ערצעהלונג איז אָנגעשריעבען טאַקע וועגען איהר. מיט אַנדערע פּערזאָנען, אין אַן אַנדער אומגע־בונג, האָבען געלעבט אויף די בלעטער פון זיין ערצעהלונג לוגא־נאָוויטש און וויסאָצקי, און נינא, און ס׳איז אויסגעקומען שרעק־ליך און ניט־פערשטענדליך, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט וויסען דאָס, וועגען וואָס נינא זעלבסט האָט מורא געהאַט מודה צו זיין פאר זיך אליין. גאָר דאָס איבערגעלעבטע, אלע אונפערשטענדליכקיי־טען פון דער מיידעל, וועלכע האָט זיך צום ערשטען מאָל אָנגע־שטויסען אויף דעם וועלט־שמוץ, פון אַן ערניעדריגטע און בעליי־דיגטע, האָט זיך אויפגעטרייסעלט אין איהר נשמה, און נינא׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מ׳וואָלט געקאָנט זיך דורכריידען מיט דיעזען מענשען, איהם דערצעהלען אלץ, וואָלט ער איהר געענטפערט. וואָס ער וואָלט געענטפערט, האָט נינא אליין ניט געוואוסט, אָבער איהר נשמה האָט אומבעוואוסטזיניג געשטרעבט צו דעם דאָזיגען אומ־בעוואוסטען, בעזונדערען, אונפערשטענדליכען מענשען.

יענעם גאַנצען טאָג, בעת דאָס מיידעל איז געוואָהר געוואָ־רען וועגען ארסעניעוו׳ס אָנקומען, איז נינא געווען אין אַ נער־ווען, אָנגעצויגענער רעגונג. און פון אבענד איז איהר אריין אין קאָפּ אַן אונערוואַרטעטער געדאַנק. זיך שעהמענדיג פאַר איהר אויפריכטיגען, נאַאיווען אויסברוך, האָט זי צו אלעם דעם צוגעגעבען אַ פאָרם פון שטיפעריי און צוזאַמען מיט דער קורסיסט־קע קאַטיאַ טשומאַקאָווא, אַ גרויסע ליעבהאָבערין פון ליעבעס־פאַ־

פירוגגען, האָט זי אָנגעשריבען אַרסעניעוו'ען אַ בריעף. און אויפ'ן צווייטען טאָג, פון אבענד, זיינען זיי ביידע אוועקגעלאָפען אין אוניווערזיטעט־גאָרטען.

קיין מאָל איז ניט געווען אזוי שטיל, פערטראַכט און הערליך א מערץ־אבענד. נאָך גאָר אינגאַנצען נאַקעטע בוימער האָבען גאנץ קענטיג זיך אָבגעצייכענט אויפ'ן ווייכען בלויען הימעל, אין וועלכען לאנגזאם און דורכזיכטיג ס'האָבען זיך אָנגעצונדען פריהלינגס־שטערען. פון דער ערד איז געגאַנגען אן אויפרעגענדער, ווי א נאָך־ניט־אַנערקענטע פרייד, א שיכור'ער ריח, און די ערד איז געווען שווארץ און עלאַסטיש. אין די קליינע לוזשקעס האָט אונטערגעקנאַקט די שוואַכע אייז־פלעווע פון א פאַר־פריהלינג. ס'איז געווען עפעס־וואָס פריידיגעס און בערוישענדעס אין דער שווארצקייט פון דער ערד, אינ'ם גלאַנץ פון די ערשטע שטערען אין דער הויך, אין דעם קלאָהרען גלאַנץ פון דער אבענד־רויטקייט, אין די רויטליכע מענשען־שאָרען, וואָס האָבען פּאַמעלאָך זיך בעוועגט איבער די אַלעען, אין דעם לאַכען אָהן אַן אורזאַך דאָ און דאָרט, אין דעם, וואָס מ'האָט ניט געזעהען קיין געזיכטען און בלויז נאָך די שטימען האָט מען געקאָנט דערקאָנען בעקאַנטע.

נינאַ און קאַטיאַ זיינען לאַנג געגאַנגען אין דער מענשען־מאַסע, אויפגעברויזטע, אויפגערעגטע פון דער ערוואַרטונג. אין אמת'ען, האָבען זיי ניט געגלויבט, אז אַרסעניעוו וועט קומען, נאָר פונדעסטוועגען איז זיי געווען פרעהליך און אַ ביסעל שרעקליך.

— איך זועל אַנטלויפען !... — האָט געזאָגט קאַטיאַ, וועלכע האָט זיך געשראָקען ווי אַ גימנאַזיסטקע.

נינאַ איז געווען רוהיגער, און וואַהרשיינליך דערפאַר, וואָס אומבעוואוסטזיניג האָט זי געפיהלט די ענטציקונג און די באַגעהריגקייט פאַר איהר יונגען קערפּער, ליעבע אויגען און צאַרטע יוגענדליכקייט. זי האָט ניט גערעכענט פאַר אַזאַ אונמעגליכקייט, אז אַרסעניעוו זאָל זיך אָברופען אויף איהר בריעף.

ס'איז שוין גאַנץ טונקעל געוואָרען, בעת זיי האָבען דערזעהען און דערקאָנט זיין הויכע פיגור, אין אַן אויבער־מאַנטעל און ווייכען הוט. דערקענט האָבען זיי איהם נאָכ'ן פּאָרטרעט, וואָס איז געווען אין דער אָרטיגער צייטונג צוליעב דעם אָנקומען פון בעריהמטען שריפטשטעלער.

אַרסעניעוו איז געגאַנגען פון טויער אין דער בעגלייטונג פון אַ דיקען, פּראַנטיש־פּערפּוצטען מאַן. לויט זיין ראַזירטען פּנים און לויט זיינע מאַניערען — אָהן צווייפעל אַן אַקטיאָר.

שטייענדיג איינע דער צווייטער, קוים איינהאַלטענדיג זיך פון לאַכען און אַ בעגעהר צו אַנטלויפען, האָבען די מיידלעך באַלד זיך אומגעקעהרט און געגאַנגען הינטער זיי, עפּעס מאָדנע שטיל ווערענדיג און ניט אַראָבלאָזענדיג די אויגען פון אַרסעניעוו'ן.

אָנפאַנגס האָט מען זיי ניט בעמערקט. אַרסעניעוו איז גע־גאַנגען לאַנגזאַם, און לויט דעם, ווי ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף יעדע פאַרבייגעהענדע פרויען־פיגור, איז געווען קענטיג, אַז ער איז געקומען טאַקי לויט'ן בריעף און ער וואַרט אויף אַ פּאַרטזועצונג. נאָך מעהר האָט זיך דער אַקטיאָר גערעגט. ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער געוואוסט פון בריעף און אַלס לייב־בעשיצער האָט ער בעגלייט די בעריהמטהייט אויף אַ ליעבעס־פּאַסירונג. זיין אַנוועזענהייט האָט נינא'ן אונאַנגענעהם פערוואונדערט, און זי האָט דעמאָלט שוין אונקלאָהר דערפיהלט, אַז דער שפּאַס איז שוין גאָר ניט אַזאַ אונשולדיגער, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויעזען.

נינא האָט אויך פריהער זיך ניט פאָרגעשטעלט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, אָבער איצט, אַז אַרסעניעוו איז געקומען ניט אַליין, האָט זי זיך אינגאַנצען פערלוירען און האָט דערפיהלט, אַז ס'וועט גאָר נישט אַרויסקומען. דאָס, וועגען וואָס זי האָט גע־טרוימט, לייענענדיג אַרסעניעוו'ס ערצעהלונגען, האָט זיך באַלד גענומען איהר אויסווייזען פאַר קינדיש־נאַאיוו און אונמעגליך. און בעת די אומגעדולדיגע קאַטיאַ, אינגאַנצען ציטערנדיג פון אויפ־גערעגטקייט, האָט איהר געפּליסטערט: — נו, וואָס־זשע ?.... נו?..

— האָט נינא אָבגעשטויסען די פריינדין מיט'ן עלענבויגען און גענומען זיך בייזערען.

קאַטיאַ האָט זיך גערעגט פאַלשטענדיג אָהן אייגענגוצען. איהר איז גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויפגעקומען, אַז אַרסעניעוו קען זיך פּעראינטערעסירען מיט איהר אַליין, אָבער זי איז געווען פער־ליעבט אין נינא'ן, ווי נאָר יונגינקע ניט־שעהנע מיידלעך קענען זיך פערליעבען אין זייערע ליעבינקע, קלוגע חבר'טעס, און דאַרום האָט זיך איהר ביז צום שטאַרבען געוואָלט, אַז נינא זאָל זיך בע־קאָנען מיט אַרסעניעוו'ען. די אונענטשלאָסענהייט פון דער פריינ־דין האָט נאָך מעהר זי אויפגערודערט.

אזוי זיינען זיי צוויי מאָל אריבערגעגאַנגען איבער דער אַלעע. די מיידלעך זיינען אַלץ נאָכגעגאַנגען הינטער אַרסעניעוו'ן, און דער אַקטיאָר האָט דער ערשטער זיי בעמערקט. ער האָט עפּעס־וואָס געזאָגט אַרסעניעוו'ען, נאָר יענער האָט געענטפערט מיט אַן אונענטשלאָסענעם זשעסט.

ס'איז אינגאַנצען פינסטער געוואָרען. אין די אַלעען איז בים־לעכווייז ליידיג געוואָרען. ענדליך, האָבען די ביידע מענער ענט־שיידען זיך פערנומען צום אַרויסגאַנג צו.

— נו, וואָס זשע וואַרטסט דו ?.. ער וועט אַוועקגעהען !...

— האָט קאַטיאַ אויסער זיך געפּליסטערט, נישט פיהלענדיג קיין פּיס אונטער זיך.

נינאַ האָט דערשראָקען זי אָבגעשטויסען און אָנגעהויבען האָס־טיגער שפּרייזען, אום פריהער אַרויסצוגעהן פון גאָרטען, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט דער אַקטיאָר אונגעצוואונגען געצויגען דעם הוט און הויך געפרעגט :

—זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט ניט איהר דאָס געשריבען צו אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש ?

הינרייסענדיג נאָך זיך קאַטיאַ'ן, האָט נינאַ שרעקענדיג אַ שוועב געטהאָן אין אַ זייט, אָבער אַרסעניעוו האָט שוין געשפּרייזט צו זיי צו, און די מיידלעך האָבען נישט ווילענדיג זיך אָבגעשטעלט. קאַטיאַ איז אינגאַנצען אָבגעשטאָרבען פון שרעק, און ביי נינאַ'ן האָט דאָס האַרץ ליידענד אָנגעהויבען קלאַפּען.

— נו, וואָס־זשע... לאָמיר זיך בעקאָנען — האָט דער אַקטיאָר פרעך געזאָגט. — פאַר וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען ?

דיעזע פראַזע האָט נינאַ'ן בעליידיגט : איהר האָט זיך גע־דאַכט, אַז דער אַקטיאָר נעהמט זיי אָן פאַר וועלכע עס־איז שנײ־דערקעס, און זי האָט געענטפערט קאַלט און טרוקען :

— איך בעט אייך...

דער אַקטיאָר האָט באַלד געענדערט זיין טאָן, מיט אַכטונג אַרונטערגענומען דעם הוט. ער האָט פערשטאַנען, ווער פון זיי איז די אָנפיהרערקע, און פריהער פון אַלץ האָט ער זיך פערנייגט פאַר נינאַ'ן.

— ערלויבט אונז זיך פאָרצושטעלען : סטראַיעוו... וולאַ־דימיר סערגעיעוויטש אַרסעניעוו...

פון אויפרעגונג האָבען די מיידלאַך ניט געענטפערט און זייע־רע הענד האָבען געציטערט, בעת זיי האָבען זיך אָבגעביטען מיט האַנד־דרוקען. ארסעניעוו האָט געשוויגען, ניט וויסענדיג, וואָס צו זאָגען. דער אַקטיאָר איז זיי אַלעמען געקומען צו הילף.

— נו, וואָס־זשע, לאָמיר זיך דורכגעהען אַביסעל, — האָט ער פאָרגעשלאָגען און אויסגעקומען איז אַזוי, אַז ער אַליין איז אַוועק מיט קאַטיען פאָראויס, און ארסעניעוו און נינאַ זיינען שווייגענ־דיג געגאַנגען נאָך זיי.

דאָס מיידעל האָט נישט געוואַגט אויפצוהויבען די אויגען און איהר איז געווען ליידענד אומבעקוועם, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט געשעהען עפּעס־וואָס ניט ווירדיגעס און אָבגעשמאַקטעס. אר־סעניעוו האָט פער׳גנב׳עט׳ערהייט איהר ארומגעקוקט און נינאַ האָט דערפיהלט זיין בליק און ניט געוואוסט, ווי זיך צו האַלטען. ס׳איז געווען שרעקליך, אַז ער זאָל אָנהויבען רעדען, און זי האָט כמעט קאַטיען פערהאַסט, פאַר וואָס זי האָט אין אַזאַ מינוט זי איבערגעלאָזט אויפ׳ן שיקזאַל׳ס באַראָט.

— וואָרום האָט איהר מיר געשריעבען ? — האָט ארסעניעוו שטיל געפרעגט.

נינאַ האָט אויפגעציטערט און ניט באַלד געענטפערט.

— אַזוי... — האָט זי געזאָגט און מעהר גאָרנישט געקענט צוטראַכטען.

זיי זיינען ווידער געגאַנגען שווייגענדיג.

בעת ארסעניעוו איז אַהער געגאַנגען, האָט ער ערוואַרט צו טרעפען אַ פרוי, אַן ערפאַהרענע אין אַזעלכע פאַסירונגען און וועל־כע וויים, וואָס זי וויל. אַלץ האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט גאַנץ פּראָסט, אָבער איצט האָט ער דערפיהלט מיט׳ן מאַנסבילישען אינ־סטינקט, אַז דאָס איז אינגאַנצען ניט דאָס, וואָס ער האָט גערע־כענט, און אונערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט ער זיך פערלוירען. דער אַקטיאָר איז איהם ווידער געקומען צו הילף :

— ווייסט איהר וואָס, — האָט ער געזאָגט, זיך ניט פער־טראַכטענדיג, — עס ווערט קאַלט, אפשר ערגיץ־וואו צוּפאָהרען ?

— וואוהין ? — האָט נינאַ אַ פרעג געטהאָן מאַשינמעסיג.

— נו, וואו־עס־איז... אין אַ רעסטאָראַן, צום ביישפּיעל... מען קען בעטען אַ בעזונדערען קאַבינעט....

קאַטיאַ האָט דערשראָקען אַ קוק געטהאָן אויף נינאַ'ן, אָבער יענע האָט געמאַכט אַזאַ בעוועגונג, אַז דער אַקטיאָר איז באַלד טעמפּ געוואָרען.

— נו, אויב איהר ווילט ניט, קען מען פּראָסט אַריינגעהען אין אַ קאָנדיטעריי. מיר וועלען טרינקען קאַפּע און שמועסען אַבי־סעל.... און דאָס טאָר מען אויך נישט ?...

נינאַ'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ס'איז קאָמיש זיך אָבצוזאָגען פון אַלץ, ווייבאַלד זיי אַליין האָבען געשריעבען דעם נאַרישען בריעף, נאָר פון דעסטוועגען איז איהר אויסגעקומען צו מאַכען אַ גרויסע אָנשטרענגונג איבער זיך, אום אַ שאָקעל צו טהאָן מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

אין ענגען, העל־בעלויכטענעם און שטיקענדען זאַלאָן פון דער קאָנדיטעריי איז געווען הייס און ס'האָט געשמעקט מיט קיך. אַ זיסע פּאַרע און אַ טאַבאַק־רויך איז געשטאַנען אין דער לופט. עס זיינען געווען אַ סך סטודענטען און פערדעכטיגע אויסגעפּוצטע דאַמען.

דער אַקטיאָר האָט טראַקטירט די מיידלאַך, האָט זיך געוויצעלט, זיך געקייכט און האָט זיך אין אַלגעמיין אויפריכטיג בעמיהט צו פערטרייבען די אומבעקוועמליכקייט, וואָס האָט זיך געפיהלט בכלל. אָבער וואָס אונגעצוואונגענער און פרייער ער איז געוואָרען, אַלץ שווייגענדער און פרעמדער האָבען זיך געהאַלטען קאַטיאַ און נינאַ.ביידען האָט זיך שוין אויסגעוויזען איצט, אַז ס'איז אַרויסגעקומען פון דער גאַנצער זאַך עפּעס־וואָס נישט שעהנעס און אין גאַנצען ניט קיין שפּאַסהאַפטעס.

נינאַ איז געזעסען קעגען אַרסעניעוו'ן און בגנבה איהם אַרומגעקוקט. אין דיעזער געשמאַקלאָזער אומגעבונג, אין דער אָנוועזענהייט פון אַ פּרעכען רוישיגען אַקטיאָר, האָט זי גיט געקאָנט צוזאַמענברייגגען יענע געשטאַלט, וואָס האָבען פאַר איהר בעשאַפען זיינע ביכער, מיט דיעזען אינטעליגענטען העררען, וואָס איז איצט געזעסען קעגען איהר, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּראָווינציעלער אַרצט, מיט קנייטשלעך אַרום די ווינקלען מויל און מיט עטוואָס אַ פערוואירטען אויסדרוק. דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען זעהר געוועהנליך און זאַגאַר באַנאַל. נינאַ האָט שוין געטראַכט נור וועגען דעם, ווי אַזוי וואָס־גיכער צו ענדיגען די דאָ־

זינע נאַרישע געשיכטע און אַוועקגעהן און קיין מאָל מעהר ניט דערמאָהנען וועגען דיזער אונגעלונגענער און אונגויטיגער בעגעגע־ניש. אָפּטמאָל פלעגט זי בליקען אויף ארסעניעוו׳ן זאָגאר פיינדליך, פונקט אזוי, ווי ער וואָלט זי מיט עפּעס־וואָס אָבגענאַרט.

ארסעניעוו האָט געזעהן דעם איינדרוק, וואס ער האָט גע־מאכט, און זיין מאַנסבילשע פערצערטעלטע אייגענליעבע האָט גע־ליטען.

נאָר דער אַקטיאָר האָט זיך געפיהלט אויסגעצייכענט. ער איז פאָלשטענדיג זיכער געווען, אז אַלץ וועט זיך ענדיגען הער־ליך, פונקט אזוי, ווי פון זיין שטאַנדפּונקט דאַרף זיך טאַקי ענדיגען: נינאַ וועט זיך אָבגעבען ארסעניעוו׳ן, און קאַטיא איהם. אנ׳אנדער ענד האָט ער זיך זאָגאַר ניט פאָרגעשטעלט, און ער איז געווען אי־בערצייגט, אז די מיידלעך אליין ווילען דאָס. עס איז נור נויטיג געווען צו געפינען דעם קירצסטען וועג צום ציעל, און דארום האָט דער אַקטיאָר געשווינד ארויפגעפיהרט דאָס געשפּרעך אויף ליעבע, וועלכע ער האָט פערשטאַנען זעהר פּראָסט און בעשטימט. בעת, לויט ווי ער האָט געמיינט, דער באָדען איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט ער פאָרגעשלאָגען צו בעגלייטען די מיידלאָך. דערביי האָט ער אויסגעמארקירט אזוי, אז נינאַ מיט ארסעניעוו׳ן זאָלען געהן אין איין זייט, און ער מיט קאַטיע׳ן אין דער אַנדער זייט. ביים פער־אַבשיידען זיך האָט ער בעוויזען אריינצופליסטערען ארסעניעוו׳ן:

— גאָר אָהן צערעמאָניעס: פיהרט זי אוועק גלייך צו זיך!...

און דערנאָך האָט ער שטיפעריש געצויגען דעם הוט און, פיה־רענדיג געארעמט קאַטיען, וועלכע האָט זיך אין גאַנצען פערלוירען, האָט ער אויסגעשריען פיעל־בעדייטענד און פרעך:

— איך ווינש אייך ערפאָלג!... און כל טוב!...

נינאַ׳ן האָט זיך געדאַכט, אז מ׳האָט איהר אַ שמיץ געטהאָן איבער׳ן פּנים, און איהר איז געוואָרען אזוי עקעלהאַפט און שאַנד־האַפט, אז דאָס מיידעל האָט שיער ניט אָנגעהויבען וויינען. זי האָט זיך געשעהמט פאַר זיך אליין, פאַר וואָס זי האָט געקענט זיך אַוועקשטעלען אין אַזאַ לאַגע. אָבער אויף איבערצורייסען די זאַך האָט זי גענוג מוטה ניט געהאַט, און געגען ווילען איז נינאַ געגאַנגען מיט ארסעניעווען, טראַכטענדיג נור וועגען דעם, וואָס

גיבער צוצוגעהן צו איהר הויז און אינגאנצען מאכען אן ענד מיט דיעזער אונגעלונגענער, נארישער שטיפעריי.

זיי זיינען געגאנגען שוויינענדיג. ארסעניעוו האט שוין בעוויעזען צו בעטראכטען איהר גאנצע הויכע גראדע פיגור, אין א לאנגען מאנטעל מיט א פעלצענעם קראגען און אין א פעלצענעם היטעלע. פון אונטער'ן מאנטעל האבען די ליניען פון איהר יונגען קערפער זיך שוין געלאזט פארשטעלען, און א לייכטע רעגונג האט ארסעניעוו'ן אנגענעהם געענגט דאס הארץ. דאס מיידעל איז געגאנגען אין רייהע מיט איהם, אזא שטילע, רעטזעלהאפטע און ליעבינקע ביי דער בלאסער שיין פון דער עלעקטרישער בעלייכטונג, אז ארסעניעוו'ן האט זיך געוואלט זי א קוש טהאן. ער איז שוין פון לאנג געוואהנט צו געשווינדע און לייכטע פערבינדונגען מיט פרויען און איצט איז איהם אויסגעקומען זאגאר זאנדערבאר, וואס מען קען נים איינפאך נעהמען זי און אוועקפיהרען צו זיך.

— איך דארף געהן אט אהער־צו, — האט נינא שטיל געזאגט אויפ'ן ווענדע־פונקט אין געסעל אריין.

זיי האבען דורכגעשניטען די גאס, און בעת א בלישצענדיגער אויטאמאביל איז פערבייגעפלויגען מיט גערויש, האט ארסעניעוו גענומען דאס מיידעל געארעמט.

פון דיעזער אונערווארטעטער און, ווי איהר האט זיך אבגעדאכט, בעליידיגענדער פאמיליאריטעט, איז גאר דאס בלוט איהר אנגעלאפען אין פנים, אבער זי האט נים געוואגט צו פראטעסטירען און האט געמאכט אן אנשטעל, אז דאס האט ביי איהר קיין בעדייטונג נים.

די העל בעלויכטענע גאס איז געבליעבען הינטער זיי. רונדארום איז באלד געווארען שטיל און וויסט. די בלויע לבנה, וועלכע מ'האט גאר נישט בעמערקט אין שטאדט־צענטער, צווישען די פרעכע לאמטערנס, האט זיך איצט אויפגעהויבען איבער די טונקעלע דעכער און בלויע פונקעלעך האבען פון איהר זיך צובליצט אויף די נים־גראדע שטיינער פון ברוק.

— לאמיר אביסעל ארומשפאצירען. — וואוהין איילט איהר זיך אזוי! — האט ארסעניעוו געזאגט און קוים־קוים צוגעדריקט איהר האנד, די ווארימקייט פון וועלכער עס האט זיך געפיהלט אפילו דורכ'ן ארבעל פון מאנטעל.

— ווי איהר ווילט, — האָט נינאַ געענטפערט אונענטשלאָסען.

— מיר וואָלט זיך געוואָלט מיט אייך דורכריידען, האָט ער פאָרטגעזעצט ווייך און פאָרזיכטיג, — אין אונזער בעגעגעניש איז אויסגעקומען עפּעס וואס ניט גוטעס און מיר וואָלט זיך ניט געוואָלט, אַז מיר זאָלען זיך צושיידען אונטער אַזאַ איינדרוק.

נינאַ האָט צוגעשוויעגען.

— זאָגט, — האָט ארסעניעוו ווידער אָנגעהויבען, — איהר האָט זיך זעהר ענטוישט, בעת איהר האָט מיר דערזעהן?...

דאָס מיידעל איז פערווירט געוואָרען, אָבער עפּעס פאר וואָס האָט זי ניט געקענט איהם ענטפערען מיט אַ ליגען.

— יאָ... לויט אייערע ביכער האָט איהר זיך מיר פאָרגעשטעלט אינגאַנצען ניט אַזעלכער...

ארסעניעוו האָט זיך אַ קרים געטהאָן, ווי פון אַ לייכטען שטאָך.

— און ווי האָב איך זיך אייך פאָרגעשטעלט?

נינאַ האָט גאָר ניט געקענט ענטפערען און געזאָגט:

— אַזוי, ניט אַזעלכער...

ארסעניעוו האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטהאָן אויף איהר.

— נו, יאָ... אַלע זאָגען אַזוי. איהר האָט ערוואַרט צו בעגעגענען עפּעס אַ וועלכען עס איז אונגעוועהנליכען וועזען, און בעגעגענט האָט איהר אַ געוועהנליכען מענשען.

— אַ געוועהנליכען? — האָט ניט ווילענדיג נינאַ איבערגעפרעגט.

און טאַקי דאָס איז פאר איהר געווען שמערצליך און בעליידיגענד, דאָס, וואס זי האָט בעגעגענט אַ געוועהנליכען מענשען.

ארסעניעוו האָט עס פערשטאַנען, אָבער אַנשטאַט דאָס יאָבצורייקענען, האָט ער דרייסט ווידערהאָלט:

— געוויס אַ געוועהנליכען;

נינאַ האָט קוים־קוים אַ הויב געטהאָן מיט דער פּלייצע.

— אונטער'ן וואָרט „אונגעוועהנליכער" — האָט ער געזאָגט — מיינט איהר דאָך געוויס עפּעס־וואָס אַזעלכעס, וואס אויף דער וועלט איז נישטאָ. און אַ שריפטשטעלער איז אַ מענש פריהער פון אַלץ. ער לעבט, ער לאַנגווייליגט זיך, ליעבט, ליידעט, זוכט אויף פרייד און פערווילונגען, פּונקט אַזוי, ווי אַלע מענשען... ס'קען

זיין, ער פיהלט דינער, צארטער, איידער אנדערע, אבער דאס ניט איהם נור מעהר באגעהרען און א גרויסע אונבעפריעדיגונג!...

ארסעניעוו האט לאנג גערעדט וועגען דעם, וואס איז אזוינס א שריפטשטעלער. די נאהענטקייט פון א שעהן מיידעל און מיט יעדער מינוט דער אונגעדולדיגער וואקסענדער בעגעהר פאר איהר נאהענטקייט, האבען געהיצט זיין שטימע און זי געמאכט דורכדרינג־ליך, די ווערטער שעהן און בעדייטענד. ארסעניעוו איז אליין הינ־געריסען געווארען, און איהם האט זיך געדאכט, אז קיין מאל האט ער נאך אזוי גוט ניט גערעדט, אבוואהל ער האט שוין ניט איין מאל געהאט אזא ערפאהרען מיט אנדערע פרויען.

אין זיינע ווערטער איז ניט געווען קיין בעוואוסטזיניגעס ליגען, און ארסעניעוו האט קיין ליגען ניט געזאגט. ער פלעגט שטענדיג זיך גרוים האלטען דערמיט, וואס ער קען זיין אויפריכטיג ביז אהן רחמנות צו זיך אליין. אבער איצט האט איהם בעהערשט איין בעגעהר, און דערום, אלץ, וואס ער האט גערעדט, איז געווען נור געציעלט איהר צו ווייזען, וואס פאר אן אונגעוועהנליכער מענש ער איז אין דער ווירקליכקייט און וואס פאר א גליק עס איז פאר יעדע פרוי צו בעלאנגען צו איהם נור.

זיי האבען קיינעם ניט בעגעגענט אויפ'ן וועג. די לבנה האט געשיינט געהיימניספאל און פונקט אזוי ווי בגנבה. הינטער זיי האט טעמפ גערוישט די גרויסע גאס, און דא, אין ליידיגען און וויסטען געסעל, האבען הילכיג אבגעקלונגען זייערע לאנגזאמע טריט.

נינא האט זיך צוגעהארכט שווייגענדיג. אהן דעם פרעכען אקטיאר, אהן דער נארישער קאטיא, אין דער דינער שטילקייט פון פריהלינגס אבענד, האט ארסעניעוו איהר אויסגעוויזען א גאנץ אנ־דערער. אין זיינע ווערטער האט זי דערקענט בעקאנטע געדאנקען פון זיינע ביכער, געשטאלטען און אויסדריקע, און דערין איז גע־ווען עפעס־וואס אונערווארט־רעגענדעס. זי האט שטענדיג ליעב געהאט צו לעזען און וועגען פיעלע שריפטשטעלער האט זי גערעדט, ווי וועגען געליעבטע, אבער קיין מאל איז איהר אויפ'ן זינען ניט ארויפגעקומען זיי פארצושטעלען זיך, ווי לעבעדיגע, נאהענטע מענ־שען. דאס, וואס ארסעניעוו האט גערעדט, איז געווען ניי און העל. א גאנצע וועלט, א אונגעוועהנליך פארבען־רייכע און פול מיט אזעלכע איבערלעבונגען, וועגען וועלכע מ'האט זאגאר גאר ניט

פערדעכטיגט אין יענעם קרייז, וואו זי האָט געלעבט, האָט זיך פאַר נינאַ'ן איצט ענטפּלעקט און זי האָט מקנא געווען און ס'האָט זיך איהר געדאכט, אַז דאָס גרעסטע גליק איז — צו לעבען אָט אין יענער וועלט, צווישען דיזע אונגעוויינליכע, מערקווירדיגע מענ־שען.

ארסעניעוו האָט גערעדט און נינאַ האָט געהאָרכט, זיך בעמי־הענדיג איין וואָרט נישט דורכצולאָזען. אַזוי זיינען זיי דערגאַנגען ביז'ן ענד געסעל, שוין לאַנג פערבייגעהענדיג איהר הויז, און האָ־בען זיך צוריק אומגעקעהרט.

— איך האָט בעליידיגט דאָס, — האָט ארסעניעוו געזאָגט, — וואס איך בין געקומען אויף אייער רוף, ווי אויף א וועלכער עס איז אָבגעשמאַקטע אוואַנטיורע. איך האָב דאָך אָבער אייך ניט געקאַנט! אויף אייער אָרט האָט געקאָנט זיין א פרוי, וועלכע איז מעהר נישט ווערט...

— פאַר וואָס זייט איהר געקומען, אויב אַזוי?... איז דען אייך אַלץ איינס?...

נינאַ האָט נישט דערענדיגט, ווערענדיג פערווירט פון איהר געדאַנק.

ארסעניעוו האָט אויפמערקזאַם אויף איהר אַ קוק געטהאָן און געזאָגט:

— יאָ, אַלץ איינס!...

נינאַ האָט קוים־קוים זיך אָבגערוקט פון איהם, נאָר ארסע־ניעוו האָט מיט קראַפט צוגעהאַלטען איהר האַנד.

— זעהט איהר, נינאַ סערגעיעוונאַ...

און באַלד האָט ער זיך אליין איבערגעשלאָגען:

— ערלויבט מיר אייך רופען איינפאַך נינאַ. איהר זייט נאָך אַזוי יונג, אַז דער שווערער פאַטער־נאָמען „סערגעיעוונאַ" געהט עפּעס ניט אראב פון דער צונג....

— ווי איהר ווילט... — האָט ארויסגעברומט די בעטויבטע נינאַ.

— זעהט איהר, נינאַ... נאָר־וואָס האָבען מיר גערעדט וועגען דעם, אַז אַ שריפטשטעלער מוז האָבען אַ גרויסע נשמה... אבער אונטער דעם דאָזיגען וואָרט קען מען דאָך ניט פערשטעהן, אַז די

דאַזיגע נשמה איז איבערפילט פון יעדער טוגענד. א גרויסע נשמה איז א נשמה, וואָס ענטהאַלט אין זיך אַלץ, פון עקסטרעמע ני־דערטרעכטיגקייטען ביז דער העכסטער שעהנקייט. נור א מענש מיט אזא נשמה קאָן ארומכאַפּען דאָס לעבען אין זיינע אַלע פער־שידענאַרטיגקייטען... דערין איז די קראַפט און די אויפריכטיגקייט פון שריפטשטעלער, אָבער דערין איז אויך דאָס אומגליק פון זיין פערזענליכען לעבען.... זיין נשמה איז שטענדיג צוהאַקט, צושפּאָל־טען... קיינער וויים ניט בעסער פון מיר, ווי געשמאַקלאָז און שמור־ציג עס איז יענע ליעבעס־אַוואַנטיורע, וואס איך האָב ערוואַרט צו בעגעגענען היינט, אָבער ביי קיינעם קען נישט זיין אזא שאַרפע נייגעריגקייט און דורשטיגקייט צו פּרואווען אַלץ, צו ערפאַהרען אַלץ... יאָ, איך האָב געטראַכט, אז דאָס וועט זיין א בעגעגעניש מיט א וועלכער איז וואָהל־לוסטיגע דאַמעלע, וועלכע עס קיצעלט די מעגליכקייט צו געהערען צו א מענשען מיט א קלינגענדיגען נאָמען... און אפילו ווען דאָס וואָלט געווען נאָך עקעלהאַפטער, וואָלט איך אַלץ געגאַנגען. א געוועהנליכען מענשען, מיט א קליי־נער, בעשרענקטער נשמה, ווילט זיך ארויפשטייגען אין דער הויך, אָבער אזא מענשען, ווי איך בין, ווילט זיך אַמאָל ארונטערפאַלען אין אזאַ'ן אבגרונד, פון וועלכען מען זאָל דעם הימעל נישט זעהען... עס זיינען דאָ מאָמענטען, בעת מיר ווילט זיך זיין אזעלכער, אום אליין זיך צו קניהען פאַר דער שעהנקייט פון אייגענעם העלדען־טהאַט, אָבער ס'איז אויך דאָ א צייט, בעת עס ווילט זיך פערהאַסען זיך אליין... דערין איז דאָ א שאַרפער קראַנקהאַפטער גענוס...

— אָבער דאָס איז דאָך שרעקליך!... — האָט נינאַ נאַאיוו און אויפריכטיג זיך עמפּערט.

— ס'קאָן זיין, — האָט ארסעניעוו איינגעשטימט, שעהן איינ־בויגענדיג דעם קאָפּ. — איך האָב שטענדיג זיך גרויס געהאַלטען דערמיט, וואָס איך קאָן זיין אויפריכטיג ביז צום סוף... אמת, איך קאָן אויך זאָגען ליגען, נאָר עס זיינען דאָ מאָמענטען, בעת מען קאָן נישט זאָגען קיין ליגען... איך וועל אייך זאָגען, אז בעת איך האָב אייך דערזעהען און האָב פערשטאַנען, אז איהר זייט ניט יענע, וועלכע איך האָב געטראַכט צו בעגעגענען, האָט מיר ארומ־געכאַפּט אַן אמת אויפריכטיגע טיעפע צערטליכקייט צו אייך פאַר אייער יוגענד און ריינקייט... און אין דער אייגענער צייט, וואָס

מעהר דיעזע צערטליכקייט וואקסט, אלץ מעהר ווילט זיך מיר אוועקנעהמען ביי אייך די ריינקייט...

נינא האט נידריג אראבגעלאזט דעם קאפ, א פערלווירענע, נישט געפינענדיג קיין ווערטער אויף צו ענטפערען איהם.

— איך בין א צודרעהטער, בייזער מענש... — האט ארסעניעוו פארטגעזעצט מיט א ציטערנדיגער שטימע, — ס׳קאן זיין איך בין גרייט צו וויינען פון צערטליכקייט און מיטלייד צו אייך, נאר איך בין אויך גרייט אויף די לעצטע נידערטרעכטיגקייט, אום איהר זאלט מיר ליעב קריגען און זיין מיינע...

זיין שטימע האט אויפגעציטערט, בעת ער האט געפרעגט :

— איז דאס מעגליך ?... נינא ?... ניין ?...

— איך ווייס ניט... פאר וואס רעדט איהר אזוי ?... — האט נינא ארויסגעפליסטערט אין א אונקלאהרען שרעק.

— איך רייד אזוי דערפאר, ווייל איך וויל אייך ניט אבנארען !... אדער איהר ווילט, אז איך זאל אייך זאגען ליגען ?...

— ניין...

— איך רעד אזוי, ווי די זאך איז !... איך ווייס גאנץ גוט, אז דאס איז אונמעגליך, אז ניט נאר ליעבט איהר מיר ניט, נאר איהר קענט מיר זאגאר ניט, און דאך וואלט איך אלץ אבגעגעבען אויפ׳ן שטעל נאר דערפאר, אייך א קוס צו טהאן...

נינא איז געווען, ווי א שיכור׳ע. דאס אלץ איז אנגעפלויגען אזוי אונערוואַרט, איהר איז דאס אויסגעקומען זאנדערבאר און ווילד, ס׳האט זיך איהר געוועלט ארויסרייסען די האנד, זיך בעליידיגען און אוועקגעהען. זי האט דאס אבער ניט געקאנט טהאן.

די צייט איז געגאנגען און די לבנה האט זיך שוין ביז׳ן העלפט באהאלטען הינטער א שווארצען דאך פון א גרויסען דונקעלען הויז, און זיי זיינען אלץ געגאנגען הין און צוריק און נינא האט עס ניט בעמערקט. זיי האבען שוין ניט גערעדט וועגען ליטעראַטור, וועגען דעם, וואס איז אזוינס א שריפטשטעלער, וואס איז אזוינס לעבען און נשמה. ניט נאכגעבענד און הארט האט ארסעניעוו געפיהרט צום ציעל, די פארשטעלונג פון וועלכען ס׳האט איהם געברענט. דאס מיידעל האט פרובירט אבווענדען זיך פון דיזען געשפרעך, האט פרובירט רעדען וועגען עפעס־וואס אנדערש, אבער ארסעניעוו האט צודרינגליך זיך אלץ אומגעקעהרט צו יע־

נאָר פּהעמע. די שטימע איז שוין ביי איהם געווען אַנ׳אַנדערע, פּונקט אַזאַ באַנגעהריגע און אַ הארטע, וועלכע נינא האָט שוין אויך בריהער געהערט. דער קאָפּ האָט ביי איהר געברענט, דאָס מיידעל איז געווען הילפלאָז און ווילענסלאָז.

טהיילמאָל איז זי בעהערשט געוואָרען עפּעס פון אַ שטאָלצען געפיהל. עס פלעגט איהר ארויפקומען אויפ׳ן זינען, אַז אַ בעריהמ־טער שריפטשטעלער, אַ מענש אַ אונגעוועהנליכער און טאַלענט־פולער, בעשטרעבט זיך אַזוי צודרינגליך צו איהרע אַ לאַסקע ! אין אַזאַ מינוט איז איהר געוואָרען גרינגער און ס׳האָט זיך געוואָלט, ער זאָל פאָרטזעצען. אַ פורכטזאַמער, נאַאיוועער געדאנק וועגען אמת׳ער ליעבע פון זיין זייט, וועגען אַ שטענדיגען צוזאמענלעבען, האָט אונ־קלאָהר געשוועבט אין איהר נשמה. און דעמאָלט האָט נינא זיך עראינערט וועגען וויסאָצקי׳ן, וועגען לוגאנאָוויטש׳ען און איהר איז געוואָרען ביטער און פערדריעסליך, פאר וואָס איהרע ערשטע גע־פיהלען, איהר ערשטע שעהמעדיגקייט האָט זי אָבגעגעבען אַזעלכע גאָרנישטען.

— ליעבע נינאטשקא, — האָט ארסעניעוו געזאָגט מיט אַנ׳־אונאויסדריקליכער צערטליכקייט און לאַסקע — וואָס פאר אַ צארטע און ליעבע נשמה איהר האָט, ווי איבערגעבען און צארט איהר קאָנט ליעבען, ווי עס שיינט !...

נינא האָט זיך אויף איהם איינגעקוקט מיט אַ שוואכען, הילפ־לאָזען שמייכעל און האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

אין דערזעלבער צייט זיינען זיי שוין געשטאנען ביים פּאראדע־טרעפּ פון׳ם הויז, וואו נינא האָט געוואָהנט, אָבער דאָס מיידעל האָט זיך ניט געאיילט אַנצוקלינגען. ארסעניעוו האָט זיך איינ־געבויגען צו איהר און געפרעגט :

— נו, איצט זעהט איהר שוין, אַז איך בין טאַקי יענער, וועל־כען איהר האָט געקענט לויט מיינע ביכער ?...

אַ אונערוואַרטער געדאנק, אַז, ס׳קאָן זיין, טאָמער האָט ער נאָר איבערטריבען דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איהר גע־מאַכט און נינא אין זיך לאַכט נאָר פון איהם, האָט איהם אַ ברען געטהאָן. אָבער דאָס מיידעל איז נאָך געווען צו־יונג. זי האָט אויף ארסעניעוו׳ן געקוקט מיט גרויסע וואהרהאפטיגע אויגען, האָט געשמייכעלט צארט, אונטערטהעניג און געזאָגט :

— יאָ... איצט זעה איך...

— נו, איז וואָס ?... אַט אַזוי, ווי איך בין, געפעהל איך אייך ?...

— יאָ... — אויך אַזוי איינפאַך און אָפען האָט געענטפערט נינאַ, איהם קוקענדיג גראָד אין די אויגען, מיט אַ קינדישען גראָדען בליק.

— און איהר וואָלט געקענט מיר אַ קוש טהאָן ?...

ארסעניעוו'ס שטימע האָט געציטערט, און נינאַ האָט דער־פיהלט, אַז אין דער מינוט האָט ער פאַר איהר מורא. אַט דיעזע פורכטזאַמקייט אין אַזאַ שטאַרקען מענשען, קעגען וועלכען זי האָט אויסגעוויזען קליין און נישטיג, האָט געריהרט דאָס מיידעל. אַ הייסע כוואַליע פון צערטליכקייט און פון באַגעהריגקייט פאַר אַ לאַסקע איז אַריבער איבער איהר גאַנצען קערפּער. נינאַ האָט גע־ענטפערט קוים הערבאַר.

— איך וואָלט געקענט.

— און איהר ווילט עס ?...

עפּעס אַזוי, ווי דער קאָפּ וואָלט זיך אָנגעהויבען דרעהען, אָבער דאָס מיידעל האָט שטיל געזאָגט :

— איך וויל.

זיי זיינען געשטאַנען ביי דער פינסטערער גלעזערנער טיהר, הינטער וועלכער עס האָט זיך ניט געפיהלט קיין לעבען, און די לבנה האָט גראָד געשיינט נינאַ'ן אין געזיכט אַריין, אַ ווייס, מאַרנע־שעהן געזיכט, מיט בלישצענדיגע אויגען, אויף וועלכע עס האָבען זיך אָבגעדאַכט טרעהרען. זי האָט קוים־קוים אונטערגעהויבען דעם קאָפּ און מיט בושה אַ שמייכעל געטהאָן. ארסעניעוו האָט זי צו־געדריקט צום טיהר, אונטערגעלעגט די האַנד אונטער'ן קאָפּ, אויף איהר וואַרימער ווייכער האַלז, און זי אַ קוש געטהאָן.

מאָדנע, וואָס נינאַ האָט ניט געשפּירט ניט קיין שרעק, ניט קיין שאַנד. זי האָט אַרומגענומען זיין האַלז מיט אַ פרייער האַנד און פערמאַכט די אויגען, זיך אָבגעבענדיג צום קוש רוהיג און פאָל־קאָם, מיט איהר גאַנצען וועזען.

— מיין גאָט, ווי גוט !... — האָט אונקלאָהר דורכגעשוועבט ביי איהר אין קאָפּ.

ארסעניעוו, ניט אַרויסלאָזענדיג זי, האָט לאַנג געקוקט אין

איהר ווייסען, גליקליכען, פון דער לבנה בעלויכטענעם פנים׳ל, וואס האט געשמייכעלט צארט און פריידיג.

— ליעבע, ארימע מיידעלע!... — האט ער געזאגט שטיל און בעטריבט.

נינא׳ן איז דאס געווען אנגענעהם, און זי האט גאר קיין אויפמערקזאמקייט נישט געלעגט דערויף, וואס ער האט זי אנגערופען ארימע. דאס מיידעל האט געשמייכעלט צו איהם און ווידעראמאל זיך א ציה געטהאן מיט א נאאיווע פאדערונג אויף א לאסקע.

ענדליך, האט ער זי אבגעלאזט.

— אה, ווי עס טהוט מיר באנג, וואס איך דארף מארגען פאהרען!...

נינא האט אויפגעציטערט, בלאס געווארען און ווי א קינד האט זי זיך אנגעכאפט אן איהם מיט ביידע הענד.

— ניין!... האט זי קלעגליך ארויסגעפליסטערט.

— מען דארף, — האט ער פריינדליך ערווידערט. — איך וועל אבער צוריק קומען אין א וואך ארום, און אויב אייך וועט זיך גלוסטען, וועלען מיר זיך ווידער זעהען.

אנשטאט אנ׳ענטפער האט נינא זיך צוגעדריקט צו איהם. איהר האט זיך געדאכט, אז זי האט געפונען עפעס־וואס טהייערעס, קאסטבארעס, אהן וואס מען קאן נישט לעבען, און ס׳איז שרעקליך געווען דאס צו פערלירען.

— ארים מיידעלע!... — האט ארסעניעוו ווידערהאלט מיט א שארפען קומער. — אבער ווען איך וועל צוריק קומען, ווייסט איהר דען נישט, וואס איך וועל פון אייך פאדערען?...

אבער נינא האט זיך ניט דערשראקען. זי האט גאר איינפאך ניט געטראכט וועגען דעם, זי האט נאר איינס געוואוסט, אז איהר איז גוט.

— איך וועל אייך נישט אבנארען, — האט ארסעניעוו געזאגט. — אין אמת׳ן גערעדט, בין איך אזא טויגעניכטס, ווי אלע... איך וויל, אז איהר זאלט זיין מיינע...

נינא האט אנגעהויבען ציטערען מיט׳ן גאנצען קערפער, זי האט אבער נור נאך שטארקער זיך צוגעדריקט צו איהם.

ארסעניעוו האט אונטערגעהויבען איהר געזיכט, האט זיך איינ־

געקוקט גראד ביי איהר אין די אויגען, פולע פון פרייד און בעד רווישונג.

— הייסט עס, אז איהר ווילט פונדעסטוועגען, איך זאָל צוריק קומען ?

נינא האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— נישט אכטענדיג אויף קיין זאך נישט ?...

— יאָ...

ארסעניעוו האָט צוגעווארט, ביז מ'האָט געעפענט די טיהר. נאָכדעם איז ער אוועק.

די בלויע לבנה האָט זיך בעהאַלטען. רונד־ארום איז געווען פוסט און פינסטער. ארסעניעוו איז געגאנגען איבער'ן הילכיגען טראָטואר און געטראכט וועגען נינא'ן, וועגען איהר שיקזאַל, וועלכער האָט זיך פאר איהם געצייכענט אונאויסשפרעכליך טרויעריג, וועגען זיין נידערטרעכטיגקייט אין בעצוג צו איהר, וועגען איהרע קוסען און וועגען יענע גענוסען, וועלכע זי קאָן געבען. בעת ער פלעגט זיך פאָרשטעלען א מיידעל, וואָס גיט זיך איהם איבער, פלעגט ארסעניעוו'ס גאנצער קערפער אויפגעציטערט ווערען אין א זיסער מידקייט.

אויף דער גרויסער גאס איז ער אריינגעפאלען אין די טויטע שטראָמען פון דעם קאלטען עלעקטרישען שיין, וועלכער האָט זיך אויסגעוויזען נאך טויטער פון דער פוסטקייט אויף די טראָטוארען, איבער וועלכע נאר אירגענד־וואו עס האָבען איינזאם ארומגעבלאָנקעט מאָדנע פרויען־פיגורעלעך.

איינע פון זיי האָט זיך בעגעגענט מיט ארסעניעוו'ן. ביים שיין פון לאמטערן האָט איהם אין פנים א גלאנץ געטהאָן איהר מאָטווייסע געזיכט, מיט מאָדנע אונטערגעפארבטע אויגען און שארףּ רונקעלע ליפען. די פרוי האָט צו איהם געשמייכעלט פרעך און ערבארמליך. א ציטער פון עקעל איז אריבער איבער ארסעניעוו'ס קערפער און ער האָט זיך מיט עקעל אָבגערוקט.

.19

בעת נינא איז געקומען אהיים, איז זי געווען אזוי פערכאַפּט מיט דער אונערוואַרטקייט פון דאָס געשעהענע, אז זי האָט אין קיין זאך זיך ניט געקאָנט פערגאָנדערקלייבען. אָבער איהר גאנ־

צער קערפּער איז געווען אזוי ווי אונטערגעהאַפּט עפּעס פון אַ קליי־נענדיגער און ריינער כוואַליע, ס'האָט זיך געוואָלט הויך אַנהויבער זינגען, לאַכען, ניכער איינשלאָפען מיט אַ שטאַרקען פריידיגען שלאָף.

נאָר אין־דער־פריה איז אַלץ אַרויף אויף'ן זינען און עפּעס־אַזוי ווי מיט'ן גאַנצען ווען האָט זיך אונבעוואוסטזיניג פער־שטאַנען, אַז דאָס איז שוין דער סוף. פאַר וואָס דאָס איז אזוי, האָט נינאַ נישט געוואוסט, אָבער בעת וויסאָצקי האָט זי געצער־טעלט און געקוסט, האָט דאָס מיידעל אַפילו זיך ניט געקאָנט פאָר־שטעלען, אַז זי וועט זיך איהם איבערגעבען און איצט, ניט מיט'ן פערשטאַנד, ניט מיט'ן געדאַנק, נאָר מיט עפּעס אַ אינערליכען הערשעריש־מעכטיגען געפיהל האָט זי שוין געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס זיין. און דאָס האָט איהר נישט דערשראָקען. עס איז נאָר בעווען אַזאַ געפיהל, ווי זי פלעגט אַמאָל האָבען, בעת איהר איז אויסגעקומען צו פערלאָזען אַנ'אָרט, וואו זי האָט אָבגעלעבט עט־ליכע יאָהר, וואו זי איז צו אַלץ געווען צוגעוואָהנט און האָט אַלץ ליעב געהאַט. ס'איז געווען אַ ביסעל קימערליך, עפּעס־וואָס האָט באַנג געטהאָן, אָבער אַ נייעס לעבען האָט געוואונקען און גערופען, פריידיג און הערשעריש.

מינוטענווייז פלעגט דורכלויפען אַ געדאַנק, אַז ס'איז אומ־מעגליך, אַז אַרסעניעוו זאָל זי ליעב קריגען און בלייבען מיט איהר אויף שטענדיג. ביי דיעזען געדאַנק האָט אַ געהיימער שרעק גענו־מען זיך ריהרען אין דער נשמה, אָבער דער רוף פון לעבען איז גע־ווען שטאַרקער און ס'האָט זיך ניט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם. עס וועט זיין דאָס, וואָס מוז זיין, און דערווייל איז אזוי גוט!

שרעקליך איז געווען נור דאָס, וואָס זי וועט אַרסעניעוו'ן נישט זעהען אַ גאַנצע וואָך. דער מיידעל האָט זיך געדאַכט, אַז אַ וואָך איז — אַ גאַנצע אייביגקייט. זי האָט זיך בעמיהט זיך פאָר־צושטעלען, ווי זיי וועלען זיך בעגעגענען, נור זי האָט דאָס ניט גע־קענט.

וואָהרשיינליך, אַ־אונבעוואוסטזיניגעס געפיהל האָט איהר עפּעס וואָס איינגערעזאָגט, ווייל נינאַ האָט פלוצלונג גאַנץ דייטליך זיך ערינערט דעם אינזשינער, און ביי דער עראינערונג וועגען דעם, אַז אַזאַ גאָרנישט, אַזאַ נישטיגקייט, האָט געזעהן איהר קערפּער,

האָט אַ פּערדרוס און אַ בייזקייט אַרויסגערופן טרעהרען ביי איהר אויף די אויגען. זי איז גרייט געווען אָוועקצוגעבען אַלץ, וואָס מען וויל, נור אַז דאָס זאָל ניט האָבען געווען, און אויף'ן שטעל האָט זי ביי זיך אָבגעמאַכט, אַז זי וועט קיין זאַך נישט בעהאַלטען פון אַרסעניעוו'ן. מיט דיעזען בעשלוס, מיט דיעזען וואונש, אַז ער זאָל וועגען איהר וויסען אַלצדינג, האָט דאָס מיידעל זיך איבערגעגעבען איהם אינגאַנצען, מיט לייב און נשמה.

די גאַנצע וואָך איז זי אַרומגעגאַנגען, ווי אַ צודולטע, האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, און קאַטיען, וועלכע איז אויפ'ן צווייטען טאָג אַריינגעלאָפען ביי איהר געוואָהר ווערען, מיט וואָס די זאַך האָט זיך געענדיגט, האָט זי איינפאַך אַרויסגעטריבען. איהר האָט זיך אויסגעוויזען פאַר אַ לעסטערונג, פאַר אַ פערשוועכונג, אַריינצולאָזען אין איהר נייען לעבען וועמען־ניט־איז. די אָרימע קאַטיאַ, וועלכע האָט זיך קוים אַרויסגעריסען פון אַקטיאָר, אַ בעלײדיגטע פון זיין פרעכהייט, האָט זיך געפיהלט איצט שרעקליך בעליידיגט.

און נינאַ האָט אַלץ געטראַכט און געטראַכט וועגען אַרסעניעוו'ן, האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט אַלע זיינע ביכער, וועלכע האָבען זיך איהר איצט אויסגעוויזען גאַנץ אַנדערע פונקט אַזוי ווי לעבעדיגע, און צום ענד פון דער וואָך האָט זי שוין איהם געליעבט מיט'ן גאַנצען לייב און זעעל.

ענדליך, בעת מ'האָט זי גערופען צום טעלעפאָן און זי האָט דערהערט זיין שטימע, האָט נינאַ שיער זיך ניט צוכליפּעט פאַר גליק.

— איהר האָט מיר נאָך ניט פערגעסען? — האָט אַרסעניעוו געפרעגט.

— און איהר?... — האָט דאָס מיידעל נור דאָס געקענט ענטפערען, און אין איהר שטימע האָט געקלונגען אַזאַ אינערליכע ריהרענדע ליעבע, אַז אַרסעניעוו האָט זיך אָנגעהויבען שעהמען.

נינאַ האָט זיך קוים דערוואַרט אויפ'ן אָבענד, און בעת זי איז געלאָפען צום בעשטימטען אָרט אין קליינעם סקווער אויפ'ן פּאַראַדע־פּלאַץ, איז זי געווען אַזוי ווי שיכור. איהר איז אויסגעקומען צו וואַרטען גענוג לאַנג, נאָר דאָס מיידעל האָט דאָס אפילו נישט בעמערקט, און בעת זי האָט דערזעהען אַרסעניעוו'ן, האָט זי פער־

געבען אַלצדינג אויף דער וועלט און זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם.

ארום זיינען געווען מענשען, און איהר אויסברוך האָט אר־סעניעוו'ן געשטעלט אין פארלעגענהייט. נינא האָט אָבער אויף קיין זאַך ניט געקוקט. זי האָט געוואָלט זיך ווארפען איהם אויפ'ן האלז און, ווי אַ קליין מיידעלע, האָט זי זיך געקלאַמערט אין זיינע הענד.

— אך, ווי עס פרעהט מיר!... ווען איהר וואָלט געוואוסט!...

— האָט זי ארויסגעברומט, קוקענדיג מיט פערליעבטע, פייכטע אויגען.

מ'האָט אויף זיי גענומען קוקען. אימעצער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, פערביי־געהענדיג. ארסעניעוו האָט זיך געפיהלט זעהר אונ־בעקוועם.

— לאָמיר ערגיץ־וואו צופאָהרען... — האָט ער פאָרגעשלאָגען.

נינא האָט זאָגאר עפּעס אזוי ווי ניט פערשטאַנען, וואָס ער רעדט, נאָר בעת זיי זיינען צוגעגאַנגען צום פוהרמאַן, האָט זי אליין זיך אַ הויב געטהאָן אויף ארייננצושטייגען אין דראָזשקע. ביז וואַנען ארסעניעוו האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט דאָס מיידעל גע־קוקט אויף איהם, ווי אַ פערצוייבערטע, און ווען דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטהאָן פונ'ם אָרט, האָט נינא מיט ביידע הענד אָנ־געכאַפּט ארסעניעוו'ס האנד און ניט ארויסגעלאָזט, דריקענדיג זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

זיי זיינען צוגעפאָהרען צום רעסטאָראַן, אָבער דאָרט איז קיין פרייער קאַבינעט ניט געווען. די דראָזשקע האָט זיך אוועקגע־טראָגען ווייטער. נינא איז געווען אויסער זיך. כמעט אַ אונער־טרעגליכע אונגעדולדיגקייט האָט זי געוואָרפען, ווי אין אַ פיבער.

אין אַ צווייטען רעסטאָראַן איז געווען דאָסזעלבע, אין אַ דריטען איז אויך קיין פרייער קאַבינעט ניט געווען. נינא האָט שיער ניט געוויינט. ענדליך, אין פערטען רעסטאָראַן, כמעט הינ־טער'ן שטאָדט, האָט אַ דיקער שווייצאַר געענטפערט:

— ביטע זעהר!...

נינא איז אזוי געשווינד ארויסגעשפרונגען פון דער דראָזשקע, אז זי האָט זיך פערפּלאָנטערט אין קלייד און איז שיער ניט געפאַ־לען אויף די הענד. דער שווייצאַר האָט זי אונטערגעהאַפּט און אַ שמייכעל געטהאָן, אָבער דאָס מיידעל האָט עס אפילו נישט בע־

מערקט, דערפאר האט עס ארסעניעוו בעמערקט און איהם האט א צופ געטהאן. נינא האט זיך איהם אויסגעוויזען שוין צו־נאיוו און איינפאך.

אין קאבינעט איז געווען שרעקליך ליכטיג און ניט געמיטליך. דער דיוואן, אויף וועלכען נינא איז געזעסען, איז געווען א שמא־לער און ניט בעקוועמער. אויפ'ן טיש זיינען געשטאנען פער־שטויבטע בלומען, אין ווינקעל א שווארצע פערשטויבטע פיאנא. הינטער דער וואנט האט געשפיעלט מוזיק, און אין קארידאר האט מען געבראזגעט מיט הויז־געשיר און ארומגעשארט מיט די פיס.

ארסעניעוו האט בעשטעלט וויין און פרוכטען, און ביז דער קעלנער האט עס אלץ פארנאנדערגעשטעלט אויפ'ן טיש, איז נינא געזעסען אין ווינקעלע פון דיוואן און ווילד געקוקט ארום. אינ־סטינקטיוו האט זי דערפיהלט עפעס־וואס ניט גוטעס אין דיעזער פערפוצטער אבער שמוציגליכער אומשטעלונג און אין דער קאלט־קייט, ליידענשאפטלאזיגקייט פון דיעזען אלטען פעטען קעלנער.

בעת דער קעלנער איז ארויסגעגאנגען, פעסט צומאכענדיג די טיהר, האט ארסעניעוו זיך געזעצט נעבען איהר און עפעס מאדנע א שמייכעל געטהאן.

— מיין ארעם מיידעלע האט זיך דערשראקען ?... — האט ער געפרעגט און זי אנגענומען פאר'ן האנד.

נינא האט זיך אויף איהם איינגעקוקט עפעס אזוי ווי מיט ערשטוינונג, א ביסעל זיך אבגערוקט און באלד האסטיג זיך א ווארף געטהאן ביי איהם אויפ'ן האלז.

נאך דיעזען קינדישען אויסברוך האט ארסעניעוו, ענדליך, פער־שטאנען, אז זי האט זיך ווירקליך אין איהם פערליעבט, און ער האט זיך דערפיהלט ניט גוט, פונקט ווי עס וואלט זיך אויפגע־דעקט א וועלכע עס איז שרעקליכע נידערטרעכטיגקייט פון זיין זייט. עס איז זאגאר דורכגעלאפען א געדאנק, נישט צו ריהרען זי, זיך דערבארעמען אויף איהר, זי איז אבער געווען אזא יונגע און ליעבע, איהרע קוסען זיינען געווען אזוי פריש און ריין, אז ארסעניעוו האט אן אלץ פערגעסען, און איהם האט זיך אויפריכטיג געדאכט, אז פאר איהר איז פונדעסטוועגען בעסער צו זיין זיינע, איידער א וועלכען עס איז אנדערענס. ערשט דא אויפ'ן ארט האט ער בעשלא־

סען באַלד איהר צו ערקלעהרען, אַז זי דאַרף קיין זאַך ניט פון איהם ערוואַרטען און פאָדערען.

„ווי נידערטרעכטיג מיר אַלע זיינען...“ האָט ער טריב אַ טראַכט געטהאָן און מעהר האָט ער שוין וועגען קיין זאַך נישט געטראַכט.

נינאַ איז געזעסען אין רייהע מיט איהם, איהרע שולטערען זיינען געווען ענטבלויזט מיט זיין זשערנע באַגעהריגע האַנד, אַר־סעניעוו האָט זיי געקוסט, און זי האָט זיך געראַנגעלט מיט דער שאַנדע, האָט זיך געשראָקען, אפשר וועט אימיצער אריינקומען און אונבעוואוסטזיניג האָט זי הנאה געהאַט, וואָס זי געפעלט איהם. איהר נאַקעטקייט האָט זי זיך בעמיהט ניט צו בעמערקען און אונ־נאַטירליך גיך האָט זי געפלוידערט אַלץ, וואָס איז איהר אַרויפגע־קומען אויפ'ן געדאַנק.

בעת אַרסעניעוו איז מיעד געוואָרען פון דיזע אויפרעגענדע פּרוכטלאָזע צערטליכקייטען, האָט זיך איהם פערוואָלט אַ ביסעל אָנמאַטערען זי.

— הייסט עס, איהר האָט מיר ליעב ? — האָט ער געפרעגט.

נינאַ האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— אָבער איהר קענט דאָך מיר גאָרנישט ?... איהר האָט דאָך מיר געזעהען נור איין מאָל... און איהר ערלויבט שוין אַזוי אייך צו קוסען...

מיט גרויזאַמע אויגען האָט ער גראַד געקוקט אין איהרע אויגען, אָבער נינאַ איז נור רויט געוואָרען און געשמייכעלט. זי האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס האָט געקענט געשעהען.

— ערלויבט איהר דען אַזוי לייכט... מאַנסליים אייך צו קוסען ?...

נינאַ האָט זיך אָנגעצונדען, דערשפּירענדיג אַ בעליידיגונג, נור אין קאָפּ ביי איהר איז דורכגעלאָפען וויסאָצקי'ס געשטאַלט, און, בלאַס ווערענדיג נור, האָט זי לאַנגזאַם אַ דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ און פערמאַכט די אויגען.

— איהר ווייסט דאָך געוויס, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענ־דיגען ? — האָט אַרסעניעוו פאַרטגעזעצט.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַר וואָס ער פּייניגט זי, אָבער ער האָט דערפון געהאַט אַ גרויסע קרענקליכע הנאה.

נינאַ האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט נור בעהאַלטען דאָס געזיכט ביי איהם אויפ'ן שולטער.

— און נאָך דעם ?... — איז אַרסעניעוו צוגעשטאַנען מיט ברענענדיגע אויגען.

נינאַ האָט שווייגענד אַ קוועטש געטהאָן מיט'ן שולטער. זי האָט גאָרנישט געקענט זאָגען, נאָר אַ טראַכט געטהאָן:

„פאַר וואָס פרעגט ער ?... איז דען מיר ניט אַלץ איינס איצט !..."

און מיט גאָר איהר קראַפט האָט זי אַרומגענומען זיין האַלז מיט איהרע נאַקעטע הענד, פון דער צאַרטקייט און אַראָמאַט פון וועלכע עס האָט זיך בי אַרסעניעוו'ן געדרעהט דער קאָפּ. ער האָט אָבער פונדעסטוועגען פאַרנאַנדערגענומען איהרע הענד און לייכט זי אָבגעווענדט פון זיך, אום זיך איינצוקוקען אין איהר געזיכט.

— אָבער ווייסט איהר דען ניט, אַז איך בין אַ פערהייראַטער...

— האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ לייכטער אַנשטרענגונג... — איך קאָן דאָך ניט חתונה האָבען מיט אייך...

נינאַ איז בלאַס געוואָרען, האָט ווידער די אויגען צוגעמאַכט און ווידעראַמאָל עפּעס־מאָדנע אַ הויב געטהאָן מיט'ן נאַקעטען שולטער. זי האָט זיך בעמיהט נישט צו הערען.

— איך וועל דאָך סאַי־ווי־סאַי אין גיכען אַוועקפאָהרען און מיר וועלען זיך מוזען צושיידען... שרעקט אייך דאָס נישט ?... הייסט עס איהר ווילט זיין מיין ליובאָווניצע, מיין ליבהאָבערין?...

— האָט אַרסעניעוו גראָב געזאָגט, האָבענדיג הנאה פון דיעזער פיינליכער אויספרעגונג און אין דער אייגענער צייט פערזיכערענ־דיג זיך אַליין, אַז ער טהוט עס בעוואוסטזיניג, אום ביי איהר אוועק־צונעהמען אַלע אילוזיאָנען, אַלע פאָרשטעלונגען, עהרליך אַרויס־זאָגען דעם גאַנצען אמת און איהר געבען אַ פאָלשטענדיגע פריי־הייט אויף צו האַנדלען, ווי זי אַליין וויל. איהם האָט זיך געוואָלט נעהמען זי אָהן פערפליכטונגען און פאָלגען, אָבער ניט בלייבען אַ געמיינער יונג.

פון אונטער איהרע אַראָבגעלאָזטע אויגען־דעקלעך האָבען זיך בעוויזען טרעהרען, אָבער דאָס מיידעל האָט נור געענטפערט:

— איך וויים...

— און פונדעסטוועגען ווילט איהר זיין מיינע ?...

נינאַ האָט געשוויגען. האָט זי דען געוואוסט ?

— איהר וועט קומען צו מיר ?

האָט מיידעל האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ווען ? מאָרגען ?

און עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל אַנשווייגען ווערען און ניט ריידען אַזעלכע איבריגע קאַלטע ווערטער, האָט נינאַ איהם אַרומגעכאַפּט מיט די הענד און מיט איהרע ליפּען צוגעמאַכט זיין מויל.

20.

דער האָטעל איז געווען אַ גרויסער און אַ פּראַכטפוּלער. בעת נינאַ איז האַסטיג געגאַנגען איבער'ן ענדלאָזען רויטען טעפּיך פון קאָרידאָר, האָט זי זיך אַליין אויסגעוויזען קליין און בעדויערנס־ווערטה, אין איהר שוואַרצען קלייד, מיט קליינע שיכלעך, וועלכע האָבען זיך געפּלאָנטערט אין לאַנגען לייסט פון איהר קלייד.

פאַר וואָס זי האָט אָנגעטהאָן איהר סאַמע בעסטע קלייד און איהר שעהנסטען הוט, וואָלט נינאַ נישט געקענט זאָגען, נור בעת זי האָט זיך אָנגעטהאָן, האָט זי געוואוסט אַז אַזוי דאַרף מען. און זי האָט נאָך אויך אָנגעטהאָן דינע פרישע אויסגעהאַפטע וועש, און ביי איהר איז געווען אַזאַ געפיהל, עפּעס אַזוי ווי זי טהוט עפּעס־וואָס שאַנדהאַפטעס, אָבער אויך פרייליכעס.

ביי דער גרויסער ווייסער טיהר, מיט אַ בראָנזענעם ציפער פון דעם נומער, וועלכען זי האָט נאָך דעם געדענקט אויף איהר גאַנצען לעבען, האָט זיך נינאַ אָבגעשטעלט און אַ ווייל זיך בעזינט. נור איבער'ן קאָרידאָר האָבען זיך דערהערט טריט און ס'האָט זיך בעוויזען אַ דיקער הערר, וואָס האָט מיט פערוואונדערונג אַ קוק געטהאָן אויף דער פרויען־פיגורקע, וועלכע איז געווען אָנגעדריקט אויף דער פערשלאָסענער טיהר. נינאַ האָט געשווינד אָנגעקלאַפּט.

אַרסעניעוו האָט אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר. דערזעהענדיג נינאַ'ן, האָט ער זיך אַזוי ווי פערלוירען, און איידער זי האָט בעוויזען עפּעס צו זאָגען, איז ער האַסטיג אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און פערמאַכט הינטער זיך די טיהר. אין ערשטען מאָמענט האָט נינאַ ניט פערשטאַנען, פאַר וואָס ער איז אַזוי פערווירט געוואָרען, נור זי האָט איצט אין אַלגעמיין שלעכט פערשטאַנען.

— וואָס מאַכט איהר, — האָט דאָס מיידעל אַרויסגערעדט מיט אַנ'אָראָבגעפאַלענער שטימע.

— ארסעניעוו האָט פערוווירטערהייד געדריקט איהר האַנד און זיך אומגעקוקט אויף דער טיהר.

— איהר זייט ניט אַליין ? — האָט נינאַ באַלד פערשטאַנען און איז געדיכט רויט געוואָרען.

— יאָ, האָ, ביי מיר... — האָט ער אַרויסגעברומט, אַ טראַכט געטהאָן אַ וויילע און, עפּעס־וואָס איבערוועגענדיג אין געדאַנק, האָט ער געזאָגט : — קומט אַהער...

נינאַ איז געגאַנגען פאָראויס, ניט וויסענדיג, וואוהין ער פיהרט זי. ארסעניעוו האָט אונטערגעהאַלטען און עפּעס אַזוי ווי אונטערגעשטופּט זי פאַר'ן עלענבויגען. זי איז געגאַנגען פאַל־שטענדיג אונבעוואוסטזיניג און זי וואָלט זיך אונטערוואָרפען אונ־טער אַלץ, וואָס עס וואָלט איהם נור אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען מיט איהר צו טהאָן. ארסעניעוו האָט געעפענט די טיהר פון דערביי־איגען נומער און האָט געזאָגט :

— זיצט אַ ביסעל דאָ, נינאַטשקאַ... איך וועל זיי באַלד אָב־פאַרטיגען און וועל קומען נאָך אייך. דאָס איז מיין פריינדס צי־מער... איהר געדענקט, יענעם אַקטיאָר, וועלכער האָט אונז בעַ־קאַנט געמאַכט...

נינאַ האָט געשפּרייזט איבער'ן פינסטער'ן צימער. אַנ'אָב־געקיהלטער גרוך פון סיגאַרען און אַ אומשטעלונג פון אַנ'אונפער־הייראַטען מאַנספּאַרשוין האָט זי אַרומגעכאַפּט. אַלץ איז געווען אַזוי אונערוואַרט, אַז זי האָט זאָגאַר קיין זאַך ניט בעגריפען.

ארסעניעוו האָט צוגעמאַכט די טיהר, זי געפונען אין דער פינסטערניש און גענומען קוסען. נינאַ האָט אויף זיינע קוסען געענטפערט מאַשינמעסיג, פּונקט אַזוי, ווי זי וואָלט ניט געקאָנט קומען צו זיך. ניט אַזוי האָט זיך איהר דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט.

— וועט איהר אויף מיר וואַרטען ? — האָט ער געפרעגט האַסטיג און שולדיג.

— אָבער גיכער... אימעצער קען קומען !.. — האָט נינאַ אַרויסגעפּליסטערט.

— אָט באַלד, באַלד... — האָט ער אין האַסט צוגעזאָגט און אַרויסגעגאַנגען.

נינאַ איז געשטאַנען אין מיטן פינסטערן צימער, ניט וויסנ־דיג, וואָס צו טהאָן. דער הויכער פענסטער, בעלייכט פון דער גאַס, האָט צוגעצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט.

בעת אַרסעניעוו האָט זיך אומגעקעהרט אין זיין העל־בעלויכ־טען צימער, האָט אַ שעהנע פרוי, אַ בעוואוסטע דראַמאַטישע אַקט־ריסע, איהם בעגעגענט מיט אַ פערדאַכט־פראַגע:

— מיט וועמען האָט איהר זיך אַזוי איבערגעפליסטערט?

— עט, אַזוי... נאַרישקייט!... — האָט אַרסעניעוו אונגעדול־דיג געענטפערט און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

זי איז צו איהם ניט צוגעשטאַנען מיט דער פראַגע, האָט זיך געשיקט אויפגעהויבען, זיך געזעצט ביי איהם אויף די קני, און ארומנעהמענדיג זיין האַלז מיט איין האַנד, אויפמערקזאַם קוקענדיג אויף איהרע פאַרלייגטע פיס, האָט זי פאָרטגעזעצט דעם אָנגעהוי־בענעם שמועס.

— נו, אַזוי איז דאָס... איך האָב זיך אָבגעזאָגט פון דיעזער ראָלע, און איצט...

אַרסעניעוו האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט אויפ־מערקזאַם, אָבער זיין שמייכעל איז געווען אַ פאַלשער, און די אויגען אונגעדולדיגע.

נינאַ איז געזעסען אויפ'ן פענסטער אין פינסטערען צימער פון אַקטיאָר און האָט געקוקט אונטען אַראָב, אויף דער גאַס. אויף דעם בעלייכטען פאָהן פון פענסטער האָט איהר דונקעלע פיגורקע זיך אָבגעצייכענט מיט אַ זאָנדערבאַרען שוואַרצען סילועט.

אויף דער גאַס האָבען געברענט פייערן, שוואַרצע מענשען־מאַסען זיינען געגאַנגען איבער די טראָטואַרען, אויטאָמאָבילען און קאַרעטען האָבען זיך פערבייגעטראָגען, ווי אַ וויכער. גראַד קעגען פענסטער האָט געפלאַמט אַ גרויסע עלעקטרישע רעקלאַמע פון אַ קינאָמעטאָגראַף.

קיין בעשטימטע געדאַנקען האָט זי נישט געהאַט, זי האָט אויך ניט אנערקענט, וואָס מיט איהר וועט זיין און צו־וואָס זי איז אַהער געקומען. אין דיעזער מינוט איז ביי איהר אפילו ניט געווען קיין ליעבע צו אַרסעניעוו'ן, וועלכער מוז קומען און נעהמען זי, ווי אַ זאַך. זי האָט נור געפיהלט, אַז דאָס איז שוין אונפער־מיידליך, און עפּעס־וואָס שווערעס האָט אונערטרעגליך געדריקט

איהר נשמה. דונקעל האָבען דורכגעשוועבט אין געדעכטניס דער אינזשינער, לוגאנאָוויטש, וויאחיראָוו און אנדערע בעקאַנטע מאַנס־בילשע געשטאַלטען. ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי זיינען דאָ שרעקליך פיעל, און זי אַליין, אַ קליינינקע, אַ פערלוירענע, אַ אונ־פעהיגע אויף אַ ווידערשטאַנד, צווישען זיי. אַלע האָבען אויף איהר געהאַט דעם זעלבען אויסקוק, אַלע האָבען געוועלט איינס און דאָס־זעלבע, און זי האָט שוין געוואוסט וואָס. זי איז צו זיי געגאַנגען עפּעס מיט אַ וועלכער איז פיינליכער פראגע, אבער קיין ענטפער איז ניט געווען. איהר האָט זיך געוועלט זאָגען אַזוי פיעל, אויס־ריידען יענעם גרויסעס, צאַרטעס און איבערגעבענעס, וואָס איז געווען אין דער נשמה, אָבער זיי האָבען ניט געהערט און נאָר מיט זשעדנע באַגעהריגע גראָבע הענד האָבען זיי זיך געצויגען צו איהר קערפּער, אראָבגעריסען די קליידער, צוקנילט, געפּייניגט, און זי ערנידעריגט. און ווילעוויז האָט זי זיך אַליין בעדויערט, טרעה־רען האָבען אויפגעזידט אויף די אויגען, וועלכע האָבען מיט אַנ־שטרענגונג געקוקט אויף אונטען, דורכ'ן שויב, אויף דער גרויסער רעקלאַמע און דעם מענשען־טייך, וואָס האָט געשטראָמט איבער די טראָטואַרען.

נינאַ האָט געפיהלט, אַז אין איהר לעבען קומט פאַר עפּעס־וואָס שרעקליכעס, זי האָט אבער נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָס איז. דאָס, וואָס זי איז געקומען צו ארסעניעוו'ן, אום צו ווערען זיין ליובאָווניצע, און ער ליעבט זי ניט?... ניין, דאָס איז ניט וויכטיג. דאָס איז אַלץ איינס. איז וואָס איז דאָס?...

איין מאָמענט איז געווען, בעת ס'האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אָט־אָט וועט זי אַלץ פערשטעהען, און זי האָט זיך אָבגעקעהרט פון שויב, אום אראבצושפּרינגען פון פענסטער און אוועקגעהן, זי האָט זיך אָבער ווידער אַלץ פערוווירט און פערפּלאָנטערט און איז געבלי־בען. נו, ליעבט ער ניט, נו, וועט ער אוועקוואַרפען... דאָס איז ניט די הויפּט־זאַך! די הויפט־זאַך איז אָט דאָ, ביי איהר אין האַרץ, און דאָס איז עפּעס־וואָס גרויסעס און ליכטיגעס. אבער דאָס איז קיינעם ניט נויטיג. נויטיג איז זי אַליין, וועלכע מען קאָן קוסען און צערטלען. ס'קען אפשר זיין, אַז טאַקי אַזוי דאַרף זיין און ניט אַנדערש?... נו, זאָל אַזוי זיין. אַלץ איינס!...

מענשען זיינען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען. וויפיעל זיי

זיינען דאָ !... נינאַ'ן איז זאַגאר געווארען שרעקליך. פריהער האָט זי זיך קיין מאָל קיין רעכענונג נישט אָבגעגעבען, וויפיעל מענשען עס זיינען דאָ אויף דער וועלט. און, אין אמת'ן אָבער, זיינען זיי דאָך דאָ אין מיליאָנען, און אַלע לעבען, איילען זיך ערגיץ־וואו, עפּעס־וואס טהוען זיי. אלע ליידען, ליעבען, און איטליכער מיינט, אז זיינע ליידען און זיין ליעבע איז אונפערגליכען גרעסער און וויכטיגער, ווי די ליידען און די ליעבע פון אלע אַנדערע. קיינער פון זיי וויים ניט, אז דאָ פון דער פינסטערניס קוקט אויף זיי אַנ'איינגעקנייטשטע, אויפ'ן קאַלטען מאַהמאָרנעם ביישטידעל פון פענסטער, פרויען־פיגורקע אין א שווארצער פערפּוצטער קלייד. וואָס פאר א זאמד־קערענדעל זי איז, אין דער ווירקליכקייט, אין דיעזען מענשען־טייך. איז וואָס־זשע, אויב דיעזער טייך וועט זי אָוועקטראָגען? ס'קאָן זיין, אז א סך מיידלעך און פרויען זיינען שוין געזעסען ביי דעמזעלבען פענסטער, האָבען געקוקט אויפ'ן מענשען־טייך און געטראכט דאָסזעלבע. און וואו זיינען זיי איצט, וואס איז מיט זיי?

זיי האָבען זיך נינאַ'ן פאָרגעשטעלט אויף אזעלכע קליינינקע און הילפלאָזע און איינזאמע, ווי זי אליין. און פאר וואס עפּעס האָט זיך דערצו נאָך פאָרגעשטעלט, אז זיי אלע ווערען פערלוירען אינגאנצען, פערשווינדען אין וואהנזיניגען געדרענג פון דער גרויזאמער, מעכטיגער, מיטליידסלאָזער, עפּעס־וואס ווייסענדער מאָנסבילשער מאסע, וואָס האלט די גאנצע וועלט אין איהרע גראָבע הענד, וועלכע רעכענען זיך מיט קיין זאך ניט.

ווען נינא וואָלט אָבגעלעבט מיליאָנען יאָהרען, וואָלט זי קיין מאָל ניט פערגעסען דיעזען פינסטערען נומער, וואס איז דורכגעדרונגען מיט א גערוך פון רויך און פון אַנ'אומבעקאַנטען מאַנס פּאַרשוין, דעם גרויסען קאַלטען פענסטער, די פייערדיגע זעעלענלאָזע רעקלאַמע, דעם אונפערשטעגדליכען געשפּרעך פון די מענשען און זיך אליין, דער שווארצער סילועט פון וועלכער, עס האָט זיך אָבגעצייכענט אויפ'ן בעלייכטען פּאָהן פון שויב.

זי האָט אונדייטליך געהערט, ווי די טיהר פון דערבייאיגען נומער האָט א קלאַפּ געטהאָן און דערנאָך האָט זיך געהערט א שאָרך פון א פרויען־קלייד. דאן איז אלץ שטיל געווארען, און באלד איז אימיצער אריין אין צימער.

אינ׳ם שיין פון דער געעפענטער טיהר האָט נינא באַלד דער־זעהן און דערקענט ארסעניעוו׳ן. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און אויף די הענד אראבגענומען זי פונ׳ם פענסטער.

— זיך איבערגעוואָרט ?...

— ניין, קיין בייז ניט... — האָט מאַשינמעסיג געענטפערט נינא, נאָך ניט קומענדיג צו זיך פון איהר זאָנדערבאַרער פערגע־סענהייט. זי איז געגאַנגען נאָך איהם ווי אַנ׳אָטאָמאַט.

ווידער זיינען זיי געגאַנגען איבער דעם זעלבען רויטען קאָרי־דאָר, און ארסעניעוו האָט נינא׳ן אריינגעלאָזען אין אַ גרויסען, העל בעלויכטען נומער.

דאָ איז געווען ליכטיג, אויסגעפוצט, ס׳האָט גוט געשמעקט אויף אויפ׳ן טיש, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט צוואַנגפֿעגע פאפיערען, און ס׳איז געשטאַנען אַ סך בלומען. נינא, אָט אזוי ווי זי איז אריין, אזוי איז זי געבליבען שטעהען אין מיטען צימער. ארסעניעוו אליין האָט פון איהר ארונטערגענומען דעם הוט, און זי האָט אפילו די הענד ניט אויפגעהויבען.

—ס׳אַרא פערפוצטע איהר זייט !... — האָט ער געזאָגט, קוים־קוים שמייכלענדיג.

נינא איז רויט געוואָרען און געשווינד צוגעגאַנגען צום טיש.

— וואָס שרייבט איהר דאָ ?... — האָט זי געפרעגט, זיך אָנ־בויגענדיג נידריג איבער די מאַנוסקריפטען, אום צו בעהאַלטען פון איהם דאָס געזיכט.

ארסעניעוו האָט פון הינטען אַ קוק געטהאָן אויף איהר אויס־געבויגענער בויגזאַמער פיגור און אנשטאָט אַנ׳ענטפער האָט ער זי ארומגענומען אין אַ קוס געטהאָן אין האַלז, צווישען די קורצע גע־לאָקטע שמעקעדיגע האָר. נינא האָט אויפגעציטערט, אַ הויב גע־טהאָן די שולטערן, פונקט ווי פון אַ קעלט. זי האָט זיך אָבער ניט אומגעקעהרט. דאַן האָט ארסעניעוו זיך אָנגעלעגט מיט׳ן עלענבויגען אויפ׳ן טיש און פון אונטען איהר אריינגעקוקט אין די אויגען.

— ניין, אויף אַנ׳אמת, וואָס שרייבט איהר דאָ... — איז נינא בעשטאַנען, מיהזאָם אויסמיידענדיג זיין בליק. זי האָט בעמערקט די בלומען און, צוציהענדיג צו זיך אַ ווייסע קריזאַנטעמע, האָט זי איהר ברענענדיגעס געזיכט צוגעדריקט צו די פייכטע פרישע בלעט־לאַך.

— נינא וויל אפילו מיר ניט א קוש געבען ?... — האָט ארסע־ניעוו בעמערקט אין א טאָן פון א קאפריזנעם קינד, מיט א פריינדלי־כער גראָבקייט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן טיש גראד קעגען איהר און מיט די קני צונויפגעדריקט איהרע עלאסטישע ווארימע פיס. א מינוט האָט נינא זיך נעראנגעלט, דאן האָט זי ארומגעכאפט זיין האלז מיט די הענד.

א האלבע שעה איז אוועק און זי איז געזעסען אויפ'ן דיוואן, ארסעניעוו איז האלבגעלעגען הינטער איהר רוקען. נינא האָט עפעס־וואָס דערצעהלט און געפרעגט ווענען עפעס־וואָס, און ער, אָבּ־קנעפלענדיג דאָס קלייד אויף איהר רוקען, ניט הערענדיג און קוים ענטפערענדיג אויף איהרע פראגען, האָט באגעהריג געקוסט, פונקט ווי ער וואָלט געטרונקען די צארטע פרישקייט פון איהר קערפער. זיינע קוסען האָבען זי געקיצעלט, זי האָט געלאכט, אויסגעבויגען דעם רוקען, האָט זיך בעמיהט פאַרטצוזעצען דאָס געשפרעך, עפעס אזוי ווי גאָרנישט בעמערקענדיג, זי פלעגט אָבער פערוווירט ווערען ביי איטליכעם וואָרט און פערגעסען ווענען וואָס זי רעדט. איהר אָטהעם איז געווען איבערגעריסען, זיין אטהעם האָט געברענט איהר רוקען.

— קום צו מיר!... — האָט ארסעניעוו פלוצלינג ארייננגע־פליסטערט אין אויער, מיט א מאָדנעם, אוננאטירליכען טאָן.

נינא האָט ניט פערשטאנען, האָט א קוק געטהאָן נאָך דער ריכ־טונג פון זיינע אויגען, שיכור'ע פון באגעהר, האָט דערזעהען די שווערע פאָרהאנגען, הינטער וועלכע עס איז געווען דער שלאָף־צימער, און איז איינגאנצען אָבגעגאָסען געוואָרען מיט א רויטקייט, אפילו איהר רוקען איז רויט געוואָרען.

— נו, וואָס ?... — האָט ארסעניעוו געפרעגט, קוים ארויס־ריידענדיג די ווערטער.

זי האָט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט א בעטענדען בליק. אר־סעניעוו האָט זיך אויפגעשטעלט און שטיל זי א ציה געטהאָן פאַר ביידע הענד, אויפהויבענדיג זי פון דיוואן. זי האָט איהם נאָכגעגעבען און זיך אויפגעשטעלט, אָבער ניט געגאנגען.

— דו האָסט דאָך מיר ליעב ?... — האָט ארסעניעוו ליידענ־שאפטליך זיך געבעטען ביי איהר.

נינא האָט געטראַטען פאָראויס ווי א שיכור'ע, וואקלענדיג זיך,

און קלעגליך שמייכלענדיג. ארסעניעוו האָט כמעט זי צוגעשלעפּט. הארט ביי די פאָרהאנגען האָט זי נאָכאמאָל העפטיג זיך אומגע־ווענדט און איהם ארומגענומען, פונקט ווי זי וואָלט ביי איהם געזוכט שוץ. אָבער ארסעניעוו, שוין ארומגעכאפּט פון א זשעדנער, באַשעהריגער גרויזאמקייט, האָט גראָב זי אומגעווענדט צוריק און מיט א פרייער האנד צועפענט די פאָרהאנגען.

.21

אין א בלויען, ווייכען אפּריל־אָבענד איז נינא געפאָהרען פון וואקזאל, צוזאמען מיט דעם לוסטיגען אקטיאָר, זיי האָבען נור וואָס בעגלייט ארסעניעוו'ן, וועלכער איז אוועקגעפאָהרען, ס'קאָן זיין, אויף שטענדיג.

דיעזע צוויי מאָנאטען זיינען אוועק אונבעמערקט און שרעקליך גיך. ביי־טאָג האָט נינא זיך נאָך בעמיהט צו לעבען מיט איהר אייגע־נעם לעבען, אָבער אין די אווענדען האָט זי אָן אַלץ פערגעסען. און ווי נור זי פלעגט אריינקומען אין בעקאנטען נומער, וואו יעדע קלייניגקייט איז איהר געווען בעקאנט און טהייער, פלעגט זי באַלד בערוישט ווערען, זיך אָבטונקענדיג אין א הייסער אטמאָספערע פון ניט־פערזוכטע, נייע און אונערווארטעטע לאַסקעס. א גאנצע נייע וועלט האָט זיך פאר איהר געעפענט. זי האָט זיך צוגעוועהנט צו לאַסקעס, זי איז געוואָרען א פרוי. פאר נאַקעטקייט האָט זי זיך שוין ניט געשעהמט, און אָפט פלעגט זי גאַנצע שטונדען ליעגען אויסגעטהאָן, אָברוהענדיג פון די שטורמדיגע אומאַרמונגען, און ער, ווי א מיעדער, האָט זי שטיל געצערטעלט און גערעדט.

דאָס זיינען געווען די בעסטע שטונדען. נור מיט זיי איז אין נינאַ'ס נשמה גערעכטפערטיגט און פערענטפערט געוואָרען דאָס, וואָס זי האָט אָבגעטהאָן. אָט אין אַזא צייט האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ער ליעבט זי דאָך א ביסעל.

ארסעניעוו האָט איהר דערצעהלט וועגען זיך, וועגען זיינע פּלענער, ענטדעקענדיג פאר איהר די סאַמע פערבאָרגענע זייטען פון זיין קאָמפּליצירטע נשמה. נינאַ האָט זיך צוגעהאָרכט מיט איהר גאַנצען וועזען, און איהם געליעבט אַלץ מעהר און מעהר. זי האָט איהם געליעבט סאי אלס מאַנספערשוין און סאי אַלס מענש, וועלכער האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַלס אַן אויסערגע־

וועהנליכער. זי האָט זיך גרויס געהאַלטען דערמיט וואָס זי ווייס וועגען איהם מעהר ווי ווער ניט איז. זיינע שוואַכקייטען — אַ ביסעל קנאה צו זיינע קאָנקורענטען אויפ׳ן געביעט פון רוהם, עהרע־ליעבע, און הילפלאָזיגקייט אין דער געשעפטליכער זייט פון לעבען — האָבען דערוועקט אין איהר אַ צאַרט געפיהל. אַ מאָל פלעגט זי פערגעסען וועגען זיין רוהם און האָט געזעהן אין איהם נור אַ געליעבטען מענשען, אמאָל פלעגט זי זיך דערמאָנען וועגען דעם און אויסגעהן פאַר שטאָלץ, וואָס דיעזער בעריהמטער גרויסער קינסטלער האָט זי ליעב און צערטעלט זי.

וועגען דעם, אז זיי וועלען זיך מוזען צושיידען, איז דער אונפערמיידליכקייט פון וואָס, זי איז מיט עפּעס אַ בעזונדערן אינסטינקט געוועזן איבערצייגט פון סאמע אָנהויב פערבינדונג מיט איהם, האָט נינאַ זיך בעמיהט ניט צו טראַכטען. ס׳איז געוועזן צו פיינליך און דאָס האָט זאָגאַר זיך ניט פאַרגעשטעלט איהר, ווי עס שטעלט זיך ניט פאַר דער טויט. זי האָט נור געלעבט מיט דער געגענוואַרט, מיט איהר ערשטער ליעבע און ערשטער ליידענשאַפט. און בעת זי האָט זיך דערמאָנט איהרע פריהערדיגע ליעבעס, איז דאָס איהר אויסגעקומען לעכערליך. דאָך האָט זי ארסעניעוו׳ן דער־צעהלט וועגען אינזשינער, און איהר איז אויסגעקומען זאָנדער־באַר, פאַר וואָס ער פרעגט איהר אויס דעם מיט אַזאַ זשעדנע נייגעריגקייט, ארויסרופענדיג אויף איהרע באַקען אַ ברענענדיגען קאָליר פון שאַנד, צווינגענדיג זי צו דערצעהלען אַלץ, ביז די קלענס־טע איינצעלהייטען. ארסעניעוו האָט נישט איין מאָל וועגען דעם נעפרעגט, און נינאַ האָט זאָגאַר געוויינט פון זיין אומפערשעהמ־טער צודרינגליכקייט, פונדעסטוועגען איז איהר געוועזן אנגענעהם: זי האָט געמיינט, ער איז אייפערזיכטיג.

די ערשטע צייט איז נינאַ׳ן געוועזן שרעקליך אפילו אַ טראַכט צו טהאָן, אז אימיצער וועט געוואָהר ווערען וועגען איהרע פער־העלטניסען און בעציהונגען צו ארסעניעוו׳ן. אָבער ארסעניעוו האָט זי אויך דערצו צוגעוואָהנט. נינאַ איז געוועזן יונג, שעהן און שרעקליך פערליעבט, און איהם איז געוועזן שמייכעלהאפט צו ווייזען נינאַ׳ן פאַר אַנדערע מאַנסלייט אַלס זיין ליובאָווניצע. ביי אַר־סעניעוו׳ן אין נומער פלעגען אָפט זיך פערזאַמלען ארטיסטען און ליטעראַטען, און נינאַ האָט נישט ווילענדיג געמוזט שפּיעלען די

ראָלע פון א ווירטין. אָנפאַנגס האָט זי פיינליך געליטען פון שאַנ־דע, דערנאָך האָט זי זיך צוגעוואוינט. די מאַנסליַיט האָבּען זיך צו איהר בענומען אויף א היכאַכטענדען אופן, עפּעס אַזוי ווי גאַר־נישט פערדעכטענדיג, נור ביים אוועקגעהן, פלעגען זיי פון נינא'ן נעהמען אָבשייד פריהער ווי פון ארסעניעוו'ן, און האָבען קיין שום פערוואונדערונג ניט ארויסגעוויזען, וואס זי בלייבט, נאָכדעם ווי אַלע געהען אוועק.

נאָך אַלעמען האָט נינא ניט געוואוסט, ווי ארסעניעוו אליין קוקט אויף זייער צוזאַמענלעבען. ער האָט קיין מאָל פון זיין מויל ניט ארויסגעבראכט די ווערטער „איך ליעב", נור ער איז געווען צערטליך, ליידענשאַפטליך, האָט זי אָבגעהיט, האָט זיך געטהיילט מיט איהר אַלע זיינע געדאַנקען און געפיהלען. אַמאָל פלעגט ער זיך זעצען ארבייטען אין איהר אנוועזענהייט און אָפּט זיך בעראַ־טהען מיט איהר דער אָדער יענער איינצעלהייט. און צייי־טענווייז האָט נינא אינגאַנצען פערגעסען וועגען דעם, אז זיי וועלען זיך צושיידען און איהר האָט זיך געדאַכט, אז אַזוי וועט זיין שטענ־דיג, אז איהר גאַנצער לעבען איז איצט פערבונדען מיט זיין לעבען. דעמאָלט איז זי געווען גליקליך, און נאָך שאַרפער וואָלט געווען דער וועהטאָג, ווען אין דיעזע מינוטען וואָלט עפּעס־וואָס דערמאָנט וועגען זיין גיבען אָבפאָהרען.

אמאָל, אין די נעכט, וואָס נינא פלעגט פערברייינגען אין־דער־היים, פלעגט זיך איהר פלוצלינג פאָרשטעלען, ווי אונגעהייער גרויס עס איז איהר געפיהל פאַר ארסעניעוו'ן און עס פלעגט איהר קלאָהר ווערען, אז דיעזעס געפיהל בעגעגענט ניט קיין אָבקלאַנג. דעמאָלט פלעגט דער שטאָלץ אין איהר זיך אויפריהרען און פלעגט זיך אליין פרעגען מיט פערוואונדערונג, ווי אַזוי האָט זי געקענט זיך אוועק־שטעלען אין דער לאַגע פון א צייטווייליגער ליובאַווניצע, ווי אַזוי האָט ער אליין געוואַגט זי אוועקשטעלען אין אזא לאַגע? זי איז גרייט געווען לויפען צו איהם און זאָגען א ביטערען מיטליידסלאָזען וואָרט, אָבער א שווערע מאַכטלאָזיגקייט פלעגט זי בעהערשען. איצט איז דאָך אַלץ איינס: אַלץ איז אָבגעטהאָן און צוריק נעהמען קען מען ניט. א שאַרפער וועהטאָג פלעגט צונויפדריקען דאָס האַרץ און אין דיעזען וועהטאָג, אין דער אנערקענונג פון איהר ענדלאָ־זער ערנידערונג און פרובטלאָזיגקייט פון איהר גרויסען אינערליבען

אויפריכטיגען געפיהל, פלעגט זי אנהויבען זוכען א פיינליכען גע־נוס פון איהר געבראכטען קרבן.

ציימענווייז פלעגט זיך נינא פיהלען גוט, איהר איז אין אמת'ן געווען אלץ איינס. נו, האט זי זיך איהם איבערגעגעבען, נו, איז זי געווארען א ליובאווניצע, נו, ליעבט ער ניט און וועט זי פערלאָ־זען.... איז איהר דען ניט גוט מיט איהם?... דעמאלט פלעגט זי ווערען לוסטיג, ליידענשאפטליך, ניט איינגעהאלטען אין איהרע לאסקעס און פערדרעהען ארסעניעוו'ן דעם קאפ.

אין א קאשמאר פון א פערווירטער, צודרעהטער נשמה, אין וועלכער ליידען און גענוס האבען זיך צונויפגעגאסען אינאיינעם, זיינען אוועק דיעזע מאנאטען, און ס'איז אנגעקומען דער טאג פון זיין אוועקפאהרען, וועלכען ארסעניעוו האט פינקטליך בעשטימט שוין לאנג, אום נינא זאל ויסען, ווען דער סוף קומט. זי האט געווארט אויף דעם דאזיגען טאג מיט שרעק, זי האט געפיהלט זיין דערנעהנטערונג און האט זיך אלץ בעמיהט ניט צו טראכטען, פער־געסען.

דער לעצטער אווענד איז געווען אן אויסערגעוועהנליכער, — א משוגעת פון ליידענשאפט. זיי האבען כמעט נישט גערעדט, און נינא איז געווען, ווי א צוטומעלטע, ווי א בעוואוסטלאזע, פונקט אזוי ווי אין די דאזיגע לעצטע שטונדען וואלט זי זיך בעמיהט צו נעהמען פון איהר ליעבע אלץ, אויסליידיגען איהם מיט איהר ליי־דענשאפט אזוי, אז ער זאל זי שוין קיין מאל נישט פערגעסען און קיינעם ניט קענען ליעבען.

אויפ'ן צווייטען טאג, אויפ'ן וואקזאל, איז זי געווען לוסטיג און בעלעבט, עפעס אזוי ווי זי וואלט בעגלייט א גוטען בעקאנטען. ארסעניעוו האט זיך זאגאר אביסעל געפונען געליידיגט. פון איין זייט איז ער אפילו געווען צופרידען, וואס נינא איז אזוי רוהיג, פון דער צווייטער זייט אבער האט זיין מאנסבילשע אייגענליעבע אביסעל געליטען. געוויס, מעהר פון אלץ האט ער מורא געהאט פאר טרעהרען און פאר די סצענעס פון צושיידען זיך, נאר, ס'קאן זיין, איהם וואלט געווען אנגענעהמער, ווען נינא וואלט זיך איינ־געשלאגען פון טרויער. ארסעניעוו האט ניט געוואוסט, אז זי האט געוויינט און ניט געשלאפען די גאנצע נאכט.

ביים אבשייד האט ער איהר נור א קוש געטהאן אין האנד און האט נאך אין זיך געפונען גרויזאמקייט צו זאגען:

— נו, דערמאנט ניט צום בייזען!...

און נור בלייבענדיג אליין אין קופע פון וואגאן, בעת ער האט געקוקט אין די דונקעלע פענסטער, הינטער וועלכע עס האבען גע־שוועבט, ווי גייסטער, די טעלעגראף־זיילען און די דונקעלע בוי־מער, האט ארסעניעוו דערשפירט א שווערען קומער פון א בע־וואוסטזיין, אז ער האט אבגעטהאן א שרעקליכע, אונפעררריכטבארע נידערטרעכטיגקייט. איין מינוט איז ביי איהם געווען א וואונש איבערצורייסען מיט'ן אלטען לעבען און נעהמען נינא'ן צו זיך, אבער ארסעניעוו האט זיך דערמאהנט אן זיין פרוי, האט פערשטא־נען, אז ער וועט ניט האבען גענוג מוטה אויף צו פערלאזען א פרוי, וועלכע ער האט געליעבט זעקס יאהר, און האט צו זיך געזאגט:

— נו, פונדעסטוועגען, גאט צו דאנקען, וואס אלץ האט זיך געענדיגט!.....

א געפיהל פון דאנקבארקייט האט זיך ביי איהם דערוועקט צו נינא'ן דערפאר, וואס זי האט איהם געגעבען אזוי פיעל גענוס און איז אזוי לייכט אוועק פון לעבען. אויף דעם צווייטען טאג אין־דער־פריה, בעת ער האט זיך אויפגעכאפט ארום מאסקווע, האט שוין ארסעניעוו זיך עראינערט וועגען נינא'ן, ווי אין א נעבעל און גענומען טראכטען וועגען זיינע געשעפטען און מענשען, וואס האבען איהם ערווארט. ער האט א טראכט געטהאן וועגען דעם. אז פון אוועגד וועט ער זעהען זיין פרוי און די ליעבליכע ווארימ־קייט פון אלטען נעסט, פון בעקוועמליכען ארט און אומגעבונג, האט שוין אזוי ווי געהויכט איהם אנטקעגען.

בעת דער צוג איז אוועק און די גראדע בלישצעדיגע רעלסען זיינען פוסט געווארען, איז צוזאמען מיט זיי אויך פוסט געווארען נינא'ס נשמה. איהר גאנצע פאלשע לוסטיגקייט איז פערשוואונ־דען און זי האט אויסגעזעהן ווי א געשטארבענע.

— נו, וואס, נינא סערגעיעווגא... איהר האט איהם בעגלייט, שוין אבער צייט צו געהן אהיים!... איך וועל אייך בעגלייטען. — האט געזאגט דער אקטיאר, וועלכער האט ענדליך מיט איהר גע־האט מיטלייד.

זיי זיינען ארויסגעגאנגען צום אנפאהר, זיך געזעצט אין א

דראזשקע און געפאהרען איבער די ענדלאזע גאסען, וועלכע זיינען שוין געווען בעלייכט פון פרעהליכע פייערלעך.

דער אקטיאר האט די גאנצע צייט עפעס־וואס גערעדט, ווייזט אויס, ער האט זיך בעמיהט זי אויפצומונטערען, אבער זי איז געזעסען אראבגעזונקען צו דער ערד צו און אין איהר נשמה האט געקלאפט א טויט, שרעקליך ווארט:

— ענדע!...

און פלוצלינג פונקט ווי א בליץ וואלט אלץ פאר איהר בעלייכט: עפעס אזוי ווי נור ערשט וואלט נינא פערשטאנען, וואס מ׳האט מיט איהר געטהאן. ביי איהר אין קאפ איז פערנעבעלט געווארען, און אזא רחמנות אויף זיך אליין און אזא שווערמוטה האבען זי ארומגעכאפט, אז נינא האט געמיינט, אז זי געהט פון זינען אראב. ס׳איז געווען א מאמענט, בעת איהר גאנצע נשמה איז אויפגעריהרט געווארען, און די עראינערונג וועגען ארסעניעוו׳ן איז דורכגעדרונגען געווארען מיט א שרעקליכער פיינדשאפט. ווי אזוי האט ער געוואגט אזוי זיך צו בענעהן מיט איהר, ווי אזוי האט ער געוואגט ניט א טראכט טהאן וועגען דעם, וואס זי האט איבערגעלעבט און אויסגעליטען...

אבער אט דאס געפיהל איז גיך אוועק און זיין ארט איז פערנומען געווארען פון דעם שרעקליכען בעוואוסטזיין, אז ער איז אוועקגעפאהרען און קיין מאל וועט זי איהם מעהר נישט זעהן. קיין מאל וועט זי שוין ניט קענען געהן אין דעם בעקאנטען נומער זעהען ארסעניעוו׳ן, קוסען איהם און ארומנעהמען. נינא׳ן האט זיך פלוצלינג אויסגעוויזען, אז זי האט זיך וויינינ בענוצט מיט דיעזער צייט, אז פיעלעס איז נאך געבליבען, וואס איז ניט ארויסגעזאגט געווארען. וואס איז ניט אויספראבירט געווארען, און ס׳איז געווארען שרעקליך פאר יענע שטונדען און מינוטען, וואס זי האט פערלוירען אויף אייביג.

די שטאדט, מיט די פייערען, מיט די הייזער, בעוואהנטע פון טויזענדער מענשען, די העל בעלייכטע טראמווייען, דער גערויש פון קאכיגען לעבען, האט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי א טויטע וויסטעניש.

אלץ אין דער וועלט, נור ניט איינזאמקייט, נור ניט געהען

אהיים, ניט בלייבען איינינקע אליין מיט איהרע געדאנקען און שווערמוטה.

דער אקטיאר האט נאך אלץ עפעס־וואס גערעדט, האט זי גע־טרייסט. נינא האט זיך אויף איהם איינגעקוקט מיט זינלאזע אוי־גען.

— נו, גענוג, גענוג, נינא סערגעיעוונא!... סאי־ווי־סאי וועט איהר דאס ניט אומקעהרען!... און איהר האט דאך דאס גע־וואוסט!... — האט ער געזאגט מיט א גרענצלאזער מיטלייד, און אויפגעטרייסעלט פון איהר פערצווייפעלטען בליק, האט ער גענומען איהר האנד און אנגעהויבען גלעטען, ווי א קינד.

נינא איז שוין צוגעוואהנט געווארען צו דיעזען אקטיאר און ער האט זיך איהר ניט אויסגעוויזען אזוי אונאנגענעהם און פרעך, ווי אין ערשטען טאג פון זייער בעקאנטשאפט. דערצו נאך איז דער אקטיאר געווען נעהענטער צו ארסעניעוו'ן, ווי אלע איבע־ריגע. ער האט זיך איהר אויסגעוויזען אלס דער לעצטער רינג, וואס פערבינדט זי נאך מיט דאס פערגאנגענע, און נינא האט זיך אנגעכאפט אן איהם, ווי אן דער לעצטער האפענונג: איהר איז געווארען שרעקליך, אפשר וועט ער אויך אוועקגעהען פון איהר.

— לאמיר ערגיץ־וואו פאהרען... האט זי בעטענד געזאגט. — איך קאן ניט, אזוי קאן איך ניט!..

אין איהר שטימע איז געווען געבעט און פערצווייפלונג. דער אקטיאר האט גנבי'ש־געשווינד אויף איהר א קוק געטהאן און ביי איהם אין קאפ האט דורכגעשוועבט א געדאנק: „און ווער ווייס!.. אויף דער וועלט איז אלץ מעגליך!..."

און בעת זיי זיינען זאלבענאנד געזעסען אין א בעזונדערען קאבינעט, האט ער שוין געהיט איהר יעדע בעוועגונג, האט איהר אלץ צוגעגאסען וויין, אנגענומען פאר די הענד, אויסגעדריקט אן אנגעשטרייגנטעם מיטגעפיהל און אין די אויגען האט ער בעהאל־טען עפעס־וואס זשעדנעס, באגעהריגעס און שלעכטעס.

נינא האט געטרונקען דאס ערשטע מאל אין לעבען. זי האט געוועלט זיך אנ'שיכור'ן, זיך פערגעסען דורך יעדען מיטעל, נור צו שטילען יענע שרעקליכע שווערמוטה, וועלכע האט זי געשטיקט, ווי א איבעלקייט. ער האט זי גענומען א שיכור'ע, א צופייניגטע, האט זי גענומען שמוציג, אהן ליידענשאפט, און נינא האט זיך

איבערגעגעבן איהם, פונקט אזוי, ווי זי וואָלט פון אימיצען גענומען פאַר איהר צוקריפּעלטע נשמה. איהר האָט זיך געדאכט, אז דערמיט מאַכט זי אומעגליך די עראינערונג וועגען אַרסעניעוו׳ן.

זייער פערבינדונג האָט ניט געדויערט, ווייל דאָס איז ניט נויטיג געווען ניט פאַר איהר, ניט פאַר איהם, אַבוואָהל דער אקטיאָר איז געווען זעהר שמייכעלהאַפט, וואָס ער איז געוואָרען דער יורש פון בעריהמטען שריפטשטעלער.

22

לוגאַנאָוויטש איז שוין געווען פערהייראַט און געהאַט צוויי קינדער, אַ אינגעלע און אַ מיידעלע.

אין דער צווייטער העלפט פון מאָנאַט סעפּטעמבער איז ער געקומען קיין מאָסקווע צוליעב געשעפט, און אין אַ טאָג דריי אַרום, נאָך זיין אָנקומען, האָט מען איהם גערופען צום טעלעפאָן.

אַ בעקאַנטער אַדוואָקאַט ווערזשבילאָוויטש האָט איהם גערופען אין רעסטאָראַן, וואו אַ גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געהוליעט אין אַ בעזונדערען קאַבינעט.

— צום וואָרט, איהר וועט טרעפען אייערע אַן אַלטע בעקאַנטע! — האָט ווערזשבילאָוויטש געזאָגט.

— וועלכע?

— אָט קומט צופאָהרען, איהר וועט אַליין געוואָהר ווערען!...

— האָט זיין פריינד היטרע געענטפערט.

לוגאַנאָוויטש איז אַוועק צו זיך אין נומער, האָט אויף גיך געענדיגט דעם בריעף צו זיין פרוי, האָט איבערגעטהאָן די קליידער און געפאָהרען נאָכ׳ן אָנגעגעבענעם אַדרעס.

ער האָט פאַלשטענדיג ניט געטראָפען, וועגען וועלכער אַלטער בעקאַנטער ווערזשבילאָוויטש האָט גערעדט, נאָר איהם האָט זיך געוועלט, אז דאָס זאָל זיין אַ פערפוצטע, שעהנע און לייכטצוגיינגליכע פרוי. זיך אַרויסרייסענדיג פון דער־היים, פון אַ בעקאַנטער, שוין אַביסעל צוגעגעסענער פאַמיליען־אומגעבונג, האָט ער זיך געפיהלט אין דיעזער גרויסער אומבעקאַנטער שטאָדט יונג, פריי און קרעפטיג, און אומבעוואוסטזיניג האָט זיך איהם געוועלט עפּעס וועלכע איז לייכטע, פּיקאַנטע אוואַנטיורע.

אין קאָרידאָר פון רעסטאָראַן איז געווען רוישיג און עקעל־

האפט. ס'האט געשמעקט מיט קיך־רויך און מיט וויין. קעלנער מיט טאצען און פלעשער אין די הענט האבען זיך האסטיג פער־בייגעטראגען, זיך אויסבויגענדיג מיט'ן גאנצען קערפער פאר דעם אנטקעגען געהענדען. אבער דיעזע אומגעבונג האט נאר לוגאנא־וויטש'ען אויפגערעגט און פערשטארקט אין איהם דעם וואונש פאר א וועלכער איז אינטערעסאנטע בעגעגענים.

ער איז פערבייגעגאנגען פערביי פערמאכטע איינארטיגע טהי־רען פון בעזונדערע קאבינעטען, הינטער וועלכע ס'האבען זיך גע־הערט אויפגערעגטע שטימען, שטיקלעך ניגונים, געלעכטער, א קלונג פון גלאז און קלאנגען פון א פערדארבענער פיאנא. אין איין האלב־אפענער טיהר, פון וועלכער עס איז ארויסגעגאנגען א קעל־נער מיט א גאנצען בארג שמוציגע טעלער, האט ער לויפיג בעמערקט א העלען שיין, צורויטעלטע געזיכטער, פערשידענפארביגע פלעקען פון פרויען־טואלעטען און א פאר ראזע נאקעטע שולטערען. אנ'אטמאספערע פון אנ'אלגעמיינער זארגלאזער און רוהעלאזער לוס־טיגקייט האט איהם ארומגעכאפט.

— ביטע, דא, — האט געזאגט דער דיענער און זיך אבגערוקט, עפענענדיג די טיהר.

לוגאנאוויטש האט אריבערגעטראטען דעם שוועל און איז אויפ'ן שטעל פערטויבט געווארען פון בעגריסונגס אויסגעשרייען.

אנפאנגס האט ער זאגאר ניט בעגריפען, ווער איז דא ארום איהם.

דער שטארק אנגעשיכור'טער ווערזשבילאוויטש, אויף דער שווארצער באָרד פון וועלכען עס איז געהאנגען א שטיקעל ראק, איז אויפגעשטאנען וואקלענדיג זיך און איז איהם געגאנגען אנט־קעגען.

— נו, ליעבינקער, גוט, וואס דו בינסט געקומען!... און מיר, ברודער, הוליען!... וועראַניאו האט צעהן טויזענד רובל פער־קוועטשט... שפריצען מיר דעם גאב!... קום, איך וועל דיר בע־קענען.

ער האט לוגאנאוויטש'ן ארומגענומען ארום טאליע און צו־געפיהרט צום טיש.

אלע מאנסלייט האט לוגאנאוויטש געקענט אויסער דעם קליי־נעם הויקערדיגען שריפטשטעלער און דעם בעל שמחה אליין, וואַ־

דאַנאַווי׳ן, א דיקער, גרויס־געוויקסטיגער, א בעוואוסטער אדוואָקאַט. דאַמען זיינען געווען נור צוויי. איינע א קליינינקע, א שוואַכינקע, מיט אַבגערעקטע מאַגערע שולטערן, די ברוסט פערדעקט מיט טול, מיט בלומען אין איהרע אש־העלע האָר. די צווייטע — א שטאַר־קע, א פולע, שעהנע פרוי, מיט גרויסע דונקעלע אויגען, העל־רויטע ליפען און מיט א פּרעכטיגע פריזשור. איהר ווייסע קלייד איז אויף איהר געווען, ווי אויסגעגאָסען, און האָט פערפיהרעריש שאַ־טירט איהר ווייס־ראָזע לייב אויף איהר פולער, אָפענער ביוסט און פּראַכטפולע שולטערן. אויף איהר קאָרסאַזש זיינען געווען צוגע־שפילעט העל־רויטע בלומען, און אינגאַנצען איז זי געווען אן אויס־דרוקספולע, שטאַרקע, דרייסטע.

דער הויקערדיגער שריפטשטעלער האָט עפּעס־וואָס צו איהר געררעדט כמעט קריכענדיג מיט די ליפען איבער איהרע נאַקעטע שולטערן. זי האָט אָבער ניט געהערט און געקוקט אויף לוגאַנאָ־וויטש׳ן עפעס מיט א זאָנדערבארען, בעקאַנטען, נייגעריגען בליק.

די קליינע פרוי איז געווען א בעוואוסטע אקטריסע פון קיי־זערליכען טהעאטער, די ברונעטקע האָט ווערזשביליאָוויטש אזוי פאָרגעשטעלט:

— נינא סערגעיעוונא פאקעלסבערג...

דיעזער פאמיליען־נאַמען האָט לוגאנאָוויטש׳ן קיין זאך ניט דערמאָנט, נור בעת ער האָט געדריקט איהר שעהנע נאַקעטע האנד, האָט נינא סערגעיעוונא איהם גראד אריינגעקוקט אין די אויגען, א שמייכעל געטהאָן, ווי צו א בעקאַנטען, און געזאָגט:

— איהר דערקענט נישט?...

און ער האָט זיך באַלד דערמאָנט. אויגענבליקליך האָבען דורכגעשוועבט אין געדעכטניס די ווייטע יאָהרען, די דאַטשעס, דער גרינער וואלד, די סטודענטען־יאָהרען, דער בארג־אַברים, ראַאיסאַ וולאַדימיראָוונא, דער אינזשענער וויסאָצקי און נינא אליין, א ליעבע, ליכטיגע מיידעלע מיט גרויסע אויגען.

— איהר!... — האָט ער געזאָגט, פיהלענדיג, ווי זיין הארץ האָט גענומען שלאָגען און האָט פריידיג איהר א קוש געטהאָן אין האַנד.

זי האָט איהם אָנגעוויזען אויף א שטול נעבען זיך, אראָב־טרייבענדיג איינעם פון די מאנספּארשוינען, וועלכער האָט ניט

נערן אָבגעטראָטען זיין אָרט. לוגאַנאָוויטש האָט זיך געזעצט און האָט אויף איהר זיך איינגעקוקט מיט אַ מאָדנער אויפריהרונג.

— ווי שעהן איהר זעהט אויס!.. — האָט ער ניט ווילענדיג געזאָגט.

נינאַ סערגעיעוונאַ האָט זיך צולאַכט, און עטליכע מינוטען האָבען זיי ניט געוואוסט, וואס צו זאגען איינער דעם צווייטען. צופיעל ערינערונגען זיינען פּלוצלונג אָנגעשוואומען, דערצו נאָך איז לוגאַנאָוויטש'ן שווער געווען צו דערקענען די פריהערדיגע נינאַ אין דיעזער האלב־נאַקעטער שעמערירטער פרוי.

— וועלכע שיקזאַלען האָבען אייך אַהער געבראַכט? — האָט ער ענדליך געפרעגט.

— איך בין געקומען פון קאַזאַן...

— פון קאַזאַן?... פאַר וואָס עפּעס פון קאַזאַן?...

— מיין מאַן דיענט דאָרט... איך בין דאָך שוין פערהייראַט!... האָט נינאַ פאַרטגעזעצט און אונבעוואוסט פאַר וואָס, זיך צולאַכט.

דאָס האָט לוגאַנאָוויטש'ען אַ שטאָך געטהאָן. פערהייראַט?... דאָס אַלטע, שוין איינגאַנצען פערגעסענע האָט זיך איצט אויפגעריהרט אין דער נשמה, און אין איהם האָט זיך גענומען ריהרען אַ דונקעלעס געפיהל פון אייפערזוכט צו יענעם אומבעקאַנטען מענשען, וועלכער בעזיצט נינאַ'ן, זיין אַמאָליגע נינאַ.

— גאָר אַזוי!... — האָט ער געזאָגט ציהענדיג די ווערטער. — שוין לאַנג?...

נינאַ סערגעיעוונאַ האָט קאָמיש זיך אָבגעזיפצט און אַ הויב געטהאָן מיט די נאַקעטע שולטערן. — אַ!... שוין דאָס פינפטע יאהר!... — האָט זי געענטפערט און ווידעראַמאָל זיך צולאַכט.

לוגאַנאָוויטש האָט בעמערקט, אַז עפּעס לאַכט זי שוין גאָר צו אָפט, ווייזענדיג די ווייסע צייהן און די פולע וואַרימע האַלז.

דער הויקערדיגער שריפטשטעלער האָט עפּעס־וואָס געזאָגט, נאָר נינאַ סערגעיעוונאַ האָט ניט געענטפערט און מיט בלישצענדיגע אויגען אַלץ געקוקט אויף לוגאַנאָוויטש'ן, פונקט אַזוי ווי זי וואָלט אויסגעזוכט אין זיין געזיכט דעם פריהערדיגען יונגען סטודענט. דער שריפטשטעלער האָט אונאַנגענעהם אַ לאַך געטהאָן און איז

אַבגעגאַנגען צו דער גרופּע מאַנסלייט, וואָס האָבען זיך געדרענגט ארום דער אַקטריסע.

נינא סערגעיעוונא האָט אוועקגעלייגט די נאַקעטע הענד אויפ'ן טיש־טוך און, נאָהענט זיך אָנבויגענדיג מיט'ן ברוסט צו לוגאַנאָוויטש'ן, האָט זי געזאָגט:

— נו, דערצעהלט וועגען זיך... ווי געהט עס אייך?... פערהייראַט, גליקליך?

איהר ענטבלויזטע ברוסט איז אויסגעקומען נאָהענט צו לוגאַנאָוויטש'ן, נינא האָט געקוקט אויף איהם איבער איהר רונדען בלישצענדיגען שולטער. ער האָט געפיהלט דעם אַראָמאַט פון איהרע פּאַרפּיומס און פון איהר קערפּער.

— וואָס האָב איך וועגען זיך צו דערצעהלען, — האָט ער געזאָגט, — בין פערהייראַט, בעשעפטיג זיך מיט אַדוואָקאַטור, לאַנגווייליג זיך, וואָהן אין פּעטערבורג... דערצעהלט בעסער וועגען זיך!...

— און איהר זייט אויך פערהייראַט?.... — האָט זי איבערגעפרעגט און עפּעס פּאַר וואָס זיך אַ קרים געטהאָן.

— יאָ, פערהייראַט... — האָט לוגאַנאָוויטש געשווינד געענטפערט, ווי אָהן האַרץ.

— און איהר ליעבט אייער פרוי?... דערצעהלט... מיר אינטערעסירט דאָס. ווארים מיר, מען קען זאָגען, זיינען דאָך אַלטע פריינד...

דאָס דערמאָהנען איהם וועגען זיין פרוי האָט אונאַנגענעהם לוגאַנאָוויטש'ן אַ שטאָך געטהאָן, און ער האָט געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— וואָס טהוט איהר דאָ אין מאָסקווע?...

נינא סערגעיעוונא האָט אויפמערקזאַם איהם אַ קוק געטהאָן אין די אויגען, האָט אַ לאַך געטהאָן און געענטפערט:

— בין געקומען זיך קורירען... אויף די נערווען!... און איהר זייט אַלץ דערזעלבער!...

— דערפאַר האָט איהר וואונדערבאַר אויפגעבליהט!... — האָט לוגאַנאָוויטש געזאָגט, ווארפענדיג בליקען אויף איהר ברוסט און שולטערן און אַריינפאַלענדיג אין יענעם שפּאַט־לוסטיגען פרע־

בען טאָן, צו וועלכען ער איז געוואָהנט מיט שעהנע, לייכטזיניגע פרויען.

די קולות און דער גערויש ארום דער קליינער אקטריסע זיי־נען אלץ שטארקער געווארען. מ׳האָט זי געבעטען עפּעס־וואָס זינגען אָדער פאָרלעזען. נינא סערגעיעוונא האָט לופיג זיך ארומגעקוקט און ווידער זיך אומגעווענדעט צו לוגאנאָוויטש׳ן.

— און געדענקט איהר אונזער דאטשע?... דעם בארג־אָב־רים?... א הערליכע צייט איז דאָס געווען!... ס׳ארא קינדער מיר זיינען דעמאָלט געווען!...

— אָ... וואו איז... ווי הייסט ער?... נו, דער בעריהמטער קאָליא וויאזאָווקין?... — האָט לוגאנאָוויטש זיך פּלוצלינג דער־מאָנט.

— קאָליא?... אך, יאָ... ליעבער קאָליא!... — האָט נינא סערגעיעוונא זיך צולאכט. — איך ווייס ניט!... שוין לאנג, אז ער איז פערשוואונדען פון מיין האָריזאָנט... דאכט זיך, ער־גיץ־וואו אויף אורא? איז ער... כ׳ווייס ניט!... דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געזעהען מיט א יאהר זעקס צוריק, בעת ער האָט געענדיגט דעם אינסטיטוט... איהר ווייסט, ער האָט דאָך מיר גע־מאכט א פאָרשלאג!...

נינא סערגעיעוונא האָט זיך צולאכט, אבער איהרע אויגען זיינען באלד געווארען טרויעריג און צארט.

— פאר וואָס ניט, ער האָט אייך אין אמת׳ן ליעב געהאַט!..—
האָט לוגאנאָוויטש געזאָגט, געריהרט פון אַנ׳ערָאינערונג פון דער יוגענד, בעת ער האָט זיך דערמאָנט אָן סטודענט אין דער שמאָלער טוזשורקע, עהנליך אויף א באראן.

— יאָ... ער האָט געליעבט!.... — האָט נינא שטיל געענט־פערט און אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ.

זיי האָבען געשוויגען. נינא האָט געקוקט אויף א גרופּע ביים צווייטען עק טיש, ס׳האָט אבער אויסגעוויזען, אז זי האָט גאר נישט געזעהען. איהרע אויגען זיינען געווען ערנסט און טיעף.

לוגאנאָוויטש האָט ווידעראמאָל בגנבה זיך איינגעקוקט אויף נינא׳ס ברוסט און שולטערן, און עפּעס שארפעס האָט זיך אין איהם אויפגעריהרט.

— יאָ, האָט ער געזאָגט, אָט זייט איהר שוין פערהייראט,

און איך אויך !... וויפיעל וואסערן זיינען אוועק !.... נו, איז וואס־זשע... זייט איהר גליקליך ?... האט איהר קינדער ?...

נינא האט זיך אומגעווענדט צו איהם, פונקט ווי ערוואכענ־דיג.

— א קליינינקע, קליינינקע מיידעלע... אט אזא !... — האט זי געזאגט, ווייזענדיג דעם שפיץ פון קליינעם פינגער, און צארט גענומען לאכען.

— ווער איז אייער מאן ?...

— דער מאן ?... אנ׳ אפיציר... א קאמאנדיר פון א רעגימענט... איך בין איצט א רעגימענט־דאמע !... — האט זי צוגעגעבען און ווידער גענומען לאכען שוין מיט אנ׳אנדער געלעכטער, פונקט ווי זי וואלט געלאכט פון זיך אליין.

— און איהר ליעבט אייער מאן ?...

— וואס ארט דאס איך ?... — האט נינא סערגעיעוונא פלוצלינג געפרעגט מיט א בייזער שפאטלוסטיגקייט, זי האט אבער באלד ווידער א שמייכעל געטהאן.

לוגאנאוויטש האט שטיפעריש א לאך געטהאן און קוים בע־מערקבאר ווידעראמאל ארומגעקוקט איהר פראכטפולען ענטבלויז־טען קערפער.

— וואס ארט דאס מיר ?... דאס דארף איך וויסען !... איהר זייט דאך, מ׳קען זאגען, מיין ערשטע ליעבע !...

— א שעהנע ליעבע !... — האט נינא סערגעיעוונא ערוויי־דערט און צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ, קענטיג, אז זי האט ניט נור געפיהלט זיין בליק אויף איהר לייב, נור זאגאר אבזיכטליך אויסגע־שטעלט פאר איהם איהר טריאומפירענדע נאקעטקייט. — און ראאיסא וולאדימיראוונא געדענקט איהר ?... וואו איז זי ?...

— ווער ווייס זי !... — האט לוגאנאוויטש געקוועטשט מיט די שולטערן. — און אומזיסט רעדט איהר אזוי : איך בין אויף אן אמת אין אייך געווען פערליעבט און לאנג ניט געקענט פערגע־סען...

— און ראאיסא ?

— נו, איז וואס ? — ראאיסא !.. איך בין דעמאלט געווען יונג, זי א געניטע אויסגעלאסענע פרוי... ווייס מען, וואס דאס איז !... דאס אלץ איז געווען געווען נעגוג נאריש און עקעלהאפט.

— יאָ, עקעלהאַפט!... — האָט נינאַ סערגעיעווגאַ שטיל גע־זאָגט און זיך פערטראַכט.

— און פונדעסטוועגען האָט איהר מיר אַ סך ליידען דע־מאָלט פערשאַפט... — האָט זי געזאָגט און זיך אָבגעזיפצט.

— בין גרייט אויסצוקויפען זיך, מיט וואס איהר ווילט!.. — האָט לוגאַנאָוויטש געענטפערט און געוואָרפען אַן אָפענעם בליק אויף איהר קערפּער.

זי האָט געזעהן דיעזען בליק, זי האָט אָבער ניט אומגעביטען איהר פּאָזע און געענטפערט:

— איצט, קען זיין, איז שוין שפּעט!...

— קען זיין?... — האָט לוגאַנאָוויטש איבערגעפרעגט, און עפּעס וועלכע איז געדאַנקען און האָפענונגען זיינען דורכגעלאָפען ביי איהם אין קאָפּ.

— קען זיין!... — האָט זי ווידערהאָלט, זיך אויפגעשטעלט און אוועק צו אַן אַנדער גרופּע.

לוגאַנאָוויטש האָט איהר נאָכגעקוקט און האָט געפיהלט, אַז ער איז גרייט אויף אַלץ, נור זי זאָל איהם געהערען כאָטש אויף איין שעה. נינאַ סערגעיעוונאַ האָט זיך איהם אויסגעוויזען פערפיהרע־ריש, אָבער נאָך מעהר האָט איהם אָנגעצונדען טאַקי דאָס, וואס דיעזע פרוי איז יענע איינענע נינאַ, וועלכע האָט איהם געליעבט און וועלכע ער האָט דעמאָלט אַזוי נאַריש ארויסגעלאָזט פון די הענד. עפּעס־וואס בעזונדער שאַרפעס איז געווען אין דעם בע־געהר צו נעהמען נינאַ'ן, אַ פרוי, וועלכע ער האָט געקאָנט, בעת זי איז כמעט געווען אַ קליין מיידעלע.

עס איז געווען רוישיג און פרעהליך, אַלע האָבען זיך נאַריש געמאַכט, געוויצעלט און אָפען, געגוג ציניש זיך געשאַרט ארום די פרויען. אָבער נינאַ פלעגט איטליכעס מאָל זיך אומקעהרען צו לוגאַנאָוויטש'ן, און ביי איהם האָט זיך שוין גענומען דער קאָפּ דרעהען. מ'האָט זיך איבער זיי לוסטיג געמאַכט. דער הויקערדי־גער ליטעראַטאָר איז געווען אייפערזיכטיג און האָט לוגאַנאָוויטש'ן געזאָגט שטעכווערטליך.

אין רעכטען ברען פון דער שמחה האָט נינאַ סערגעיעוונאַ זיך געווענדעט צו לוגאַנאָוויטש'ן און איהם אויסגעשטרעקט איהר קליין

ביכעלע, וואס איז געווען צוגעהאקט אויף א דינע גאלדענע קיי־
טעלע צו איהר גארטעל.

— שרייבט מיר אן וואס עס איז אויף און אנדריינק...

לוגאנאוויטש האט גענומען דאס ביכעלע, און פלוצלונג האט
איהם באשאטענט א פרעכער געדאנק. ער האט ארויסגעשלעפט
דעם בליישטיפטעל און אויפגעשריבען:

„איך בין גרייט אוועקצוגעבען אלץ, וואס איהר ווילט, נור
איהר זאלט כאטש אויף א שעה זיין מיינע!...“

ער האט זיך אביסעל געשראקען, בעת ער האט איהר אבגעגע־
בען דאס ביכעלע, און ער האט זיך גענוג אנגעשטרענגט, אום צו קור־
קען פרעך און גראד. נינא סערגעיעוונא האט צוגעמאכט דאס בי־
כעלע פון הויקערדיגען ליטעראטאר'ס נייגעריגע אויגעלעך, האט זיך
דערנאך נידריג איינגעבויגען און לאנג געלייענט. ביי לוגאנא־
וויטש'ן איז דאס הארץ פארגאנגען. ער האט געזעהען, ווי ביי
איהר האט גענומען רויט ווערען איהר קליינער ראזער אויער און
די באק.

— וואס האט ער אייך אויפגעשריבען?... — האט דער הוי־
קערדיגער ליטעראטאר נייגעריג געפרעגט און זיינע אויגען האבען
אויפגעבליצט.

— וואס ארט דאס אייך?... — האט נינא געענטפערט, ארויס־
רייסענדיג דאס ביכעלע, האט געשווינד א קוק געטהאן אויף לוגאנא־
וויטש'ן און זיך אבגעקעהרט.

לוגאנאוויטש האט געווארט אויף אנ'ענטפער, זי האט זיך
אבער געווענדעט צו דער אקטריסע און גענומען ריידען און לאכען,
פונקט אזוי, ווי זי וואלט איהם גארנישט בעמערקט. ביי לוגאנא־
וויטש'ן האט דאס הארץ שטארק געקלאפט און ער האט זיך אנגעהויי־
בען שעהמען, אזוי ווי ער וואלט אבגעטהאן א גרויסע נארישקייט.

אמת, אין פערלויף פון דעם דאזיגען אווענד האט ער עטליכע
מאל אויף זיך געפיהלט די דורכדרינגענדע בליקען פון איהרע גרויסע
בלישצענדיגע אויגען, נור נינא סערגעיעוונא האט, ווי עס שיינט,
איהם אויסגעמיידט און גאר איהר אויפמערקזאמקייט האט זי פון
דאס־ניי אריבערגעטראגען אויף דעם הויקערדיגען ליטעראטאר, וועל־
כער האט גענומען קוקען אויף לוגאנאוויטש'ן מיט א פנים פון א
זיעגער.

אלע מאַנסליִיט זיינען שוין געווען שיכור און אפילו ביי לוגאַ־נאָוויטש'ן האָט גערוישט אין קאָפּ. די קליינע אַקטריסע איז איינגאַנצען בלאַס געוואָרען און האָט זיך אָבגעלאָזען פון מידקייט. אײן נינא סערגעיעוונא איז געווען פריש, לוסטיג און לויטער. נור די באַקען און די אויערן האָבען ביי איהר געברענט.

ענדליך האָט מען זיך גענומען קלייבען אוועקצוגעהן. בעת אַלע האָבען זיך שוין אויפגעהויבען, האָט לוגאַנאָוויטש נינא'ן צוגעפּליס־טערט:

— איהר האָט מיר נאָך ניט געענטפערט ?...

— וואָס זאָל איך אייך ענטפערען ?... — האָט נינא קאַלט גע־פרעגט, וואַרפענדיג אויף איהם אַ שטאָלצען בליק. — אַז איהר זייט צו דרייסט, וואָס ?

לוגאַנאָוויטש האָט עפּעס־וואָס געוואָלט זאָגען, אָבער נינא סער־געיעוונא האָט זיך שוין געהאַט אָבגעקעהרט פון איהם.

אין איין מאַסע זיינען זיי אַרויס אין קאָרידאָר. פאַראויס זיינען געגאַנגען די אַקטריסע און נינא, הינטער זיי די מאַנסליִיט. דער הויקערדיגער ליטעראַטאָר האָט זיך אונטערגעאײַלט נאָכצו־האַלטען נינא'ן, לוגאַנאָוויטש איז געגאַנגען הינטער אַלעמען. ער איז געווען פאַלשטענדיג פערניכטעט און ער האָט כמעט פערהאַסט אָט דיעזע רייצענד־שעהנע פרוי.

אויפ'ן צופאָהר האָט מען לאַנג גערעדט וועגען דעם, ווער ס'דאַרף מיט וועמען פאָהרען.

דער דיקער וואָראָנאָוו האָט איינגערעדט צו צופאָהרען אין יאַר, אָבער די מידע אַקטריסע האָט זיך אָבגעזאָגט. נינא סערגעיעוונא איז שוין געזעסען אין דראָזשקע, ווען לוגאַנאָוויטש האָט פּלוצלונג דערהערט איהר רוף :

— קומט אהער !... בעגלייט מיר !... — האָט זי בעפעהלענד געזאָגט.

די מאַנסליִיט זיינען געקראָכען איהר קוסען די הענד, זי האָט געלאַכט, ביז וואַנען לוגאַנאָוויטש, פיהלענדיג אַז די פיס בויגען זיך אונטער איהם, האָט זיך אַריינגעזעצט אין דראָזשקע נעבען איהר.

— פערעטהערין !... האָט ווערזשבילאָוויטש טראַגיש אויס־געשריען, אַ פאַלשטענדיג שיכור'ער. — איהר האָט דאָך מיר צו־געזאָגט....

נינא סערגעיעוונא האָט געלאַכט.

— מיר זיינען האָך אַלטע פריינד !... און אויסער דעם האָט איהר אַלע מיר שוין דערעסען !...

— נו, דאָס איז שוין אַנ׳אַנדער זאַך !... — האָט גיפטיג בע־מערקט דער הויקעדריגער ליטעראַטאָר און האָט אויף לוגאַנאָוויטש׳ן דערלאַנגט אַזאַ קוק, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט איהם אריינ־שטעכען אין הארצען אַ פערגיפטעטען שפּיז.

בעת די דראָזשקע האָט זיך גענומען ריהרען און דאָס פערד האָט זיך אַ לאָז געטהאָן איבער דער ברייטער גאַס, האָט נינא סער־געיעוונא פּלוצלונג אומגעווענדט איהר געזיכט צו לוגאַנאָוויטש׳ן וועלכער האָט אויפגעציטערט פון אויסדרוק, וואָס איהר געזיכט האָט געהאַט : דאָס געזיכט איז געווען בלאַס, נור אויף די באַקען האָבען טונקעלע פלעקען זיך געשוואַרצט, די ליפּען זיינען געווען האַלב־אָפען, די אויגען־דעקלעך אַראָבגעהאַנגען. ער האָט זיך ניט נעגלויבט און געוואַרט.

— נו !... — האָט זי אונגעדולדיג דורכגעלאָזט דורך די צייהן.

לוגאַנאָוויטש האָט זיך צו איהר איינגעבויגען, האָט צוגעדריקט איהר קאָפּ צום ווינקעל פון דראָזשקע אויף דער עלאַסטישער קיסען און איז פארגאַנגען אין אַ ליידענשאַפטליכען לאַנגען קוש.

די דראָזשקע איז געפלויגען און זיך געטרייסעלט, פערביי האָ־בען געשוועבט לאַמטערנען, דונקעלע פענסטער און איינזאַמע מענ־שען. לוגאַנאָוויטש האָט זי געקוסט אין מויל. ער האָט געפיהלט איהרע קאַלטליכע הארטע צייהן. ענדליך האָט נינא סערגעיעוונא זיך אָבגעוואָרפען אויף צוריק, אַ בלאַסע, אַ אויסגעמאַטערטע.

— וואוהין וועלען מיר פאָהרען ?... — האָט זי געפרעגט כמעט פערבייזט, און לוגאַנאָוויטש האָט דערפיהלט, ווי איהרע שאַרפע נעגעל שניידען זיך שמערצליך אריין איהם אין האַנד.

ער האָט זיך פערלוירען. די אונערוואַרטע נאָהנטקייט פון דאָס, וואָס ער האָט אַזוי ערוואַרט, האָט כמעט געשראָקען איהם. דאָס אַלץ איז געקומען אַזוי פּלוצלונג, און דערצו נאָך האָט לוגאַנאָ־וויטש מאָסקווע ניט געקענט.

— איך ווייס ניט... איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מאָסק־ווע... — האָט ער געזאָגט.

אַ מינוט צוויי איז נינא סערגעיעוונא געזעסען שווייגענדיג,

מאָרגע קוקענדיג גראָד פאר זיך. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרעהט צום פוהרמאַן און רוהיג, בעפעהלענד געזאָגט:

— גראָד... איך וועל זאָגען, וואוהין...

23.

אונטער'ן טויער פון א מאָרגער געביידע איז געווען אזוי פינס־טער, אז מ'האָט ניט געזעהן ניט דעם פוהרמאַן, ניט דאָס פערד. א נידריגע טיהר, מיט א מאטען פון אינווענינ בעלייכטען פענסטער, האָט אויסגעזעהן, ווי א געלער פלעק אין דער פינסטערקייט.

צוערשט האָט פון דראָזשקע ארויסגעשטייגט נינא סערגעיעוו־נא און, שטעהענדיג אויפ'ן טרעפעל פון א קליינעם גאַניק, האָט זי געדולדיג געוואַרט, ביז לוגאַנאָוויטש, אײלענדיג און פּלאָנטערנדיג זיך, האָט בעצאָהלט דעם פוהרמאַן. ער האָט זיך געפיהלט אונבע־קוועם פאר דיעזען פרעכען פויער מיט דער גרויסער באָרד.

אָבער בעת לוגאַנאָוויטש האָט דעם טײסטער שוין אריינגעלעגט אין קעשענע און איז צו איהר צוגעגאַנגען, האָט נינא סערגעיעוונא מיט זיכערהייט א שטויס געטהאָן די טיהר, און זיי זיינען אריין אין א האלב פינסטערן, ברייטען קאָרידאָר, פון ביידע זייטען מיט א רייהע טיהרען. א פליכינער לאַקיי, אין א גרינעם פאַרטוך, האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבען זיי אנטקעגען.

— א נומער!... — האָט נינא שארף געזאָגט און איז געשווינד געגאַנגען פאָראויס איבער'ן קאָרידאָר.

דער לאַקיי האָט זי איבערגעיאָגט, נייגעריג בעקוקענדיג לוגאַ־נאָוויטש'ן און געעפענט די טיהר אין א פינסטערען, שטיקענדען צימער. ביי לוגאַנאָוויטש'ן איז געווען א געמישט געפיהל פון אונ־בעקוועמליכקייט, עקעל און אומגעדולד. עפּעס־וואָס שלעכטעס איז געווען אין די האלב אויסגעלאָשענע פייערלעך, אין די דונקעלע, פערמאַכטע טיהרען, אין ווייכען טעפּיך, וואָס האָט אינגאַנצען איינגעשלונגען די טריט, און אין גלאַנציגען פליק פון לאַקיי.

„איז זי שוין דאָ געווען?...“ האָט לוגאַנאָוויטש געטראַכט, קוקענדיג אויף נינא סערגעיעוונא'ס זיכערע בעוועגונגען, און איהם האָט געשראָקען דיעזער געדאַנק.

דער נומער איז געווען א קליינער, מיט מאָדערנע מעבעל, מיט שווערע פאָרטיערען אויף די פענסטער, אויף די וואַנט גראַווירען

פון נאַקעטע פרויען, מיט אַ גרויסען מוטנעם שפּיגעל. אַ דונקעל־גרינער פאַרעוואַן האָט אַבגעטיילט אַ קליין שלאָף־צימער, מיט אַ צו־גרויסען וואַש־טישעל מיט אַ ברייטע, אויף איבער נאַכט געמאַכטע בעט.

נינא סערגעיעוונא, שטעהענדיג אין מיטען צימער, האָט רוהיג באַקוקט אַלץ ארום און, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך צופריעדען געשטעלט מיט'ן איבערזיכט, האָט זי געזאָגט צום לאַקיי:

— גוט... איהר קענט געהן.

דער לאַקיי איז אַרויסגעגאַנגען און פעסט צוגעמאַכט די טיהר.

נינא סערגעיעוונא האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען זיינע טריט איבער'ן קאָרידאָר האָבען אויפגעהערט, דאַן האָט זי זיך אומגעקעהרט צו לוגאַנאָוויטש'ן און אויסגעשטעלט די שולטערן, ער זאָל אראָבנעהמען איהר ברייטען מאַנטעל. לוגאַנאָוויטש האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן אין זיינע אומאַרמונגען און, מיט'ן גאַנצען קערפּער זיך צודריקענדיג אייגער צום צווייטען, האָבען זיי לאַנג און זשעדנע זיך געקוסט, פּונקט ווי פערליעבטע, וואָס זיינען ענדליך געבליבען אליין.

דערנאָך האָט ער איהר געהאָלפען אראַבנעהמען דעם מאַנטעל, און ביז וואַנען ער האָט איהם האָט אויפגעהאַנגען אין קליינעם פאָרצימערל, איז נינא סערגעיעוונא צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און אַרונטערגענומען דעם הוט. בעטראַכטענדיג, ווי נינא סערגעיעוונא נעהמט אַרויס די לאַנגע שפּילקעס און בעקוקט זיך אַזוי נייגעריג אין שפּיגעל, האָט לוגאַנאָוויטש ווידעראַמאָל, מיט'ן פריהערדיגען אונאַנגענעהמען שרעק, אַ טראַכט געטהאָן, אַז זי איז דאָ ניט דאָס ערשטע מאָל.

ענדליך האָט נינא סערגעיעוונא זיך געזעצט אויפ'ן דיוואַן און מיט אַ זשעסט איהם געוויזען אויף אַן אָרט נעבען זיך. עפּעס וואָס זאָנדערבאַרעס איז פאָרגעקומען מיט לוגאַנאָוויטש'ן: ער האָט געציטערט פון אומגעדולד וואָס גיכער צו בעזיצען דיעזע שעהנע פרוי, אָבער אַ געפיהל פון אַן אומבעשטימטען עקעל איז אין איהם געוואַקסען. נור איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פרוי און דאָס איז געווען שמערצליך און מיאוס, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט בעגאַנגען אַ פעררעטה.

„וואָס וואָלט זיין, ווען זי וואָלט געוואוסט, וואו איך בין?...“ איז איהם דורכגעלאָפען אין קאָפּ. אָבער דער געדאַנק, אז זי וועט קיין מאָל נישט געוואָהר ווערען, האָט איהם אביסעל בערוהיגט.

אַלענפאלס איז זיין בעגעהר געווען שטארקער פון אַלץ און האָט פערטויבט סאַי די חרטה, סאַי די שאַנד.

נינאַ סערגעיעוונאַ איז געזעסען, האַלטענדיג די נאַקעטע הענד אויפ׳ן טיש, און איהר פּאָזע איז געווען אַזאַ גלייכגילטיגע און רוהיגע, אז עס איז אויסגעקומען אזוי ווי ניט בעקוועם זיך צו צוריהרען צו איהר, ווי צו א פרוי. מ׳האָט געקאָנט מיינען, אז זי איז עפּעס אזוי ווי געקומען צו גאַסט און וואַרט, אז דער ווירט זאָל אָנהויבען זיך אונטערהאַלטען מיט איהר.

— נו, דערצעהלט עפּעס!... — האָט נינאַ קאַפּריזנע געזאָגט.

ביי לוגאַנאָוויטש׳ן איז קיין ווערטער ניט געווען. ער האָט נור איין באַגעהר געהאַט, און ס׳האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ס׳איז גאָר נישטאָ וועגען וואס צו ריידען. דאַן האָט נינאַ אליין אָנגעהויבען:

— ווי מאָדנע דאָס איז, וואס איך האָב זיך פונדעסטוועגען מיט אייך בעגעגנט... מאָדנע.

— דער שיקזאַל!... — האָט לוגאַנאָוויטש אָבגעענטפערט, בעמיהענדיג זיך צו זיין שטיפעריש.

— און טאַקי, ווייל גראָדע מיט אייך!...—האָט נינאַ סערגעיעוונאַ ווידערהאָלט, ניט אכטענדיג אויף זיין טאָן.

— פאר וואָס עפּעס — גראָדע מיט מיר?...

— אזוי... — האָט זי געענטפערט אומבעשטימט, און מיט דיזען וואָרט האָט זי איהם דערמאָנט די פריהערדיגע נינאַ׳ן.

זיי האָבען געשוויגען. לוגאַנאָוויטש האָט זיך געפיהלט אונבעקוועם און שרעקענדיג, פונקט אזוי ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געבליבען מיט א פרוי זאַלבענאַנד. נינאַ האָט איהם ווידער ארויסגעהאָלפען פון דער אונבעקוועמער לאַגע.

— דאָ איז שרעקליך היים!... — האָט זי געזאָגט, פונקט אזוי ווי זי וואָלט איהם וועלען רייצען.

— טהוט זיך אוים!... — האָט לוגאַנאָוויטש געענטפערט,

און האָט אַליין דערהערט, ווי פּאַלש און פּייג עס קלינגט זיין גע־מאַכטער פרעכער טאָן.

נינא סערגעיעווגא האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

— צו וואָס ?.. — האָט זי גלייכגילטיג געפרעגט.

— איהר זאגט דאָך, אז אייך איז היים !... — האָט לוגאנאָ־וויטש געענטפערט מיט דעם זעלבען טאָן.

אַ ווײַלע האָט זי זיך בעזינט, דערנאָך האָט זי קוים אַ הויב געטהאָן מיט די שולטערן און רוהיג, מיט אַ מינע פּונקט אזוי ווי אַלץ האָט איהר שוין דערעסען צום טויט, נאָר מען דאַרף נאָכגע־בען דער אומפערמיידליכקייט, האָט זי גענומען אויסטהאָן דעם ליף. ער האָט איהר געהאָלפען אראבציהען די שמאָלע ארבעל פון איהרע רונדע פּראכטפולע הענד. די שעהנקייט און פּראכט פון איהר קערפּער האָבען לוגאנאָוויטש'ן פערבלענדעט. איהם איז טרו־קען געוואָרען אין מויל, און, ניט קענענדיג זיך בעהערשען, האָט ער זיך אויף איהר ארויפגעוואָרפען און איז בערוישט געווארען פון דער פרישער, צארטער כוואַליע פון איהר נאַקעטקייט.

זי האָט צוגענומען די קוסען גלייכגילטיג, לאָזענדיג איהם טהאָן אַלץ, וואס איהם געפעלט, עפּעס אזוי ווי דאָס וואָלט גאָר נישט געהאט צו טהאָן מיט איהר. לוגאנאָוויטש האָט געפיהלט, אז זיין ליידענשאפטליכער אויסברוך בלייבט אָהן אן ענטפער און דערפאר איז דאָס עקעלהאפט און לעבערליך. ער האָט שוין אָבער ניט געקענט זיך בעהערשען. און בעת זי האָט זיך אַ ציה געטהאָן ווי אַ טויט־מידע, האָט ער מיט פערטריקענטע ליפּען געפליסטערט מיט דעם זעלבען פאַלשען טאָן :

— איהר זייט מיד ?... איהר דאַרפט זיך צוליייגען... אָברו־הען !...

נינא סערגעיעווגא האָט שפּאָטלוסטיג אויף איהם אַ קוק גע־טהאָן.

— איהר זייט זעהר זאָרגזאם... אַ דאנק אייך !...

לוגאנאָוויטש'ן האָט אַ צופּ געטהאָן, אבער דאָס בענעהר איז שטאַרקער געוואָרען פון דער אייגענליעבע, און עס איז געווען צו בעדויערען איהם, בעת ער האָט זיך ביי איהר גענומען בעטען.

— וואָלט אפשר גאָר בעסער געווען אָהן דעם ?... — האָט זי

געפרעגט מיד, זיך קווענקלענדיג און מיט האָפנונג דאָס אויסצו־מיידען.

ער איז אבער צוגעשטאַנען, בעמיהענדיג זיך צו זיין פרעך. דאַן האָט נינא סערגעיעווּנא זיך אָבגעזיפצט, פאַמעלעך, פויל זיך אויפגעהויבען און ווידער זיך אַ ציה געטהאָן מיט'ן גאַנצען קער־פער, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געדאַרפט געהן אָבטהאָן אַ צוגעגע־סענע שווערע פליכט, וואָס מען קען ניט פערמיידען, און איז אוועק הינטער'ן פאַרעוואַן.

לוגאַנאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבען און דורכגעגאַנגען זיך איבער'ן צימער. זיין געהער האָט אָנגעשטרענגטערהייט אויפגע־כאַפּט יעדען שאָרך, זיינע בליקען האָבען ניט ווילענדיג זיך גע־ווענדעט צום שפּאַלט צווישען דעם פאַרעוואַן און פאָרהאַנג.

ס'האָט זיך געהערט, ווי דער שנירעל פון איהר קאָרסעט האָט אַ שאָרך געטהאָן, דערנאָך דער שאָרך פון איהר קלייד, וועל־כע האָט זיך אראָבגעלאָזט אויפ'ן דיל. ס'האָט פערבייגעשוועבט איהר נאַקעטע האַנד, וואָס האָט אַ וואָרף געטהאָן אין צוויי־טען עק צימער אַ גאַנצען הויפען מיט עפּעס־וואָס ווייסעס. דער־נאָך האָט זיך געהערט, ווי די שיך זיינען אראָבגעפאַלען אויפ'ן טעפּיך. דאַן האָט די בעט אַ סקריפּ געטהאָן און מעהר קיין שאָרך ניט, שטיל. לוגאַנאָוויטש'ן האָט זיך געדאַכט, אז ער שווימט עפּעס אין אַ הייסליכען נעבעל.

— קומט אַהערצו!... האָט זיך פּלוצלונג דערהערט איהר פער־ענדערטע, מאָדנע שטימע.

זי איז געלעגען צוגעדעקט ביז די שולטערן מיט אַ שווערע דעקע, און אויף דער ווייסער קיסען האָבען זיך שעהן אָבגעצייכענט איהרע צושאָטענע האָר און די דונקעל־ראָזע שולטערן. זי האָט געשמייכעלט לוגאַנאָוויטש'ן אַנטקעגען, קוקענדיג אויף איהם מיט בלישצענדיגע אויגען, און דער שמייכעל איז געווען אונער־וואַרט אַ שעהמעוודיגער און עפּעס אזוי ווי אַ שולדיגער.

24.

נור אַן אויגענבליק האָט געדויערט דער שאַרפער, בערוישענ־דער גענוס, און דאַס, וואָס נאָכדעם איז פאָרגעקומען, איז געווען זאָנדערבאַר און ווילד.

לונאַנאָוויטש איז געזעסן אויפ'ן ברעג בעט און האָט גאָר נישט געפּיהלט, אויסער מידקייט און ענטטוישונג. איהם האָט זיך געוואָלט פערדריכערען א פּאַפּיראָס, אויפהויבען זיך, אוועקגעהן, און ער האָט מורא געהאט א קוק טהאָן אויף איהר, אום זי זאָל ניט איבערלייענען אין זיינע אויגען דעם עקעל, וואָס ער פיהלט. נינא סערגעיעוונא איז געלעגען אומבעוועגליך, די הענד פערלייגט אונטער'ן קאָפּ און אויפמערקזאם געקוקט אויף איהם, פּונקט אזוי ווי זי וואָלט זיך בעמיהט צו פערשטעהן, וואס ער טראַכט איצט און פיהלט.

עס איז שווער געווען אָנצוהויבען ריידען, אין דער אייגענער צייט איז אָבער אויך אונמעגליך געוואָרען צו שווייגען.

— נו, וואָס... זייט איהר צופרידען?... — האָט זי פּלוצלונג ציניש געפרעגט, און אין איהר שטימע האָט זיך דערהערט שפּאָט.

— אָ, יאָ, זעהר!... — האָט לונאַנאָוויטש געענטפערט, בעמיהענדיג זיך צו בעשיצען אויך מיט פרעכהייט און ציניזם.

— יאָ?... ס'פרעהט מיר זעהר!... איהר האָט דאָך דאָס אזוי געוואָלט!... — האָט נינא שטעכענדיג איהם אָבגעענטפערט.

— איהר האָט דאָך געשריעבען, אז איהר זייט גרייט אויף אַלץ, נאָר איך זאָל אייך געהערען... אייער וואונש איז ערפילט געוואָרען. איצט, האָפּ איך, האָט איהר זיך בערוהיגט? קען מען מיט אייך ריידען?...

— ביטע!... — האָט ער איהר געענטפערט אין דעם זעלבען טאָן.

— דערצעהלט מיר וועגען אייער פרוי?... — האָט נינא געזאָגט.

לונאַנאָוויטש האָט א ציטער געטהאָן. שוין דאָס צווייטע מאָל, אז זי בעט איהם וועגען דעם און די־זע צודרינגליכקייט האָט איהם געשטאָכען. נינא האָט אָפען איבער איהם שפּאָס געטריבען. פאַר זיינע אויגען האָט זיך פערבייגעטראָגען די געשטאַלט פון זיין ליעבער, ריינער פרוי, וועלכע איז אָבגענאַרט אזוי עקעלהאַפט און זינלאָז, און א טיעפע שאַנד, פיינליכע געוויסענסביסען האָבען זיך אויסגעמישט מיט עקעל און שנאה.

— ווייסט איהר וואָס... — האָט ער לאַנגזאַם און ראַכעזיכ־

טיג געענטפערט: — איך וואָלט אייך געבעטען ניט אָנריהרען די פראַגע וועגען מיין פרוי!...

נינא סערגעיעוונא האָט געשווינד זיך א הויב געטהאָן אויפ'ן עלענבויגען. איהרע האָר זיינען צושויבערט געוואָרען, די שולטערן ענטבלויזט, דאָס האָט אָבער איהר ניט געאַרט. אין איהרע דונקעלע אויגען האָט אויפגעברויזט אַן אויסדרוק פון אַזאַ שאַרפען האַס, אַז לוגאַנאָוויטש האָט זיך דערשראָקען.

—אַ, גאָר אַזוי?!... — האָט זי דורכגעזייהט דורך די צייהן.

—איהר, דאַכט זיך, ווילט זאָגען, אַז איך בין ניט ווערטה צו דערמאָנען אייער פרוי?...

— ס'קאָן זיין!... — האָט ער גראָב געענטפערט, פיהלענדיג, ווי די הויט אויפ'ן קאָפּ ווערט ביי איהם קאַלט.

— פאַר וואָס?...

— איהר אַליין דאַרפט עס וויסען!...

— און איהר אַליין וואַגט ניט צו זאָגען?... עלענדער פייגלינג!... — האָט נינא סערגעיעוונא געזאָגט מיט אונגעוועהנליכען האַס און צוריקגעפאַלען אויף דער קיסען.

לוגאַנאָוויטש'ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

— און איהר ווילט איך אַליין זאָל זאָגען?... — האָט ער געענטפערט. — גוט! ווייל מיין פרוי שלעפּט זיך ניט אַרום איבער די רעסטאָראַנען און האָטעלען מיט'ן ערשטען, וואָס קומט אַנטקעגען.

מיט אַ שווער געפיהל, גרייט זיך צו פערטהיידיגען, האָט ער ערוואַרט אַן אויסברוך פון צאָרן, נאָר נינא סערגעיעוונא האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט, זי איז נאָר בלאַס געוואָרען.

— יאָ?... און איהר זייט אַ מוסטערהאַפטער מאַן, וואָס בעשיצט ריטערליך די עהרע פון זיין פרוי, פאַר וואָס־זשע זייט איהר דאָ... מיט דער ערשטער, וואָס האָט זיך אייך בעגעגענט?...

לוגאַנאָוויטש האָט זיך פערהאַקט אין מיטען וואָרט. נינאַ'ס אויגען האָבען געגלאַנצט מיט פרייד, וואָס זי האָט איהם אריינגעזאָגט ביז אין ביין אריין. זי האָט ווידער פערוואָרפען די הענד אונטער'ן קאָפּ און זיך געקייכט פאַר געלעכטער. פּלוצלונג איז זי שטיל געוואָרען און געמאַכט אַ חיטרע מינע.

— אָרעמינקער!.. און פון וואַנען ווייסט איהר, אַז אייער

הייליגע ווייב, וועלכע איהר פערגעטערט אזוי, טהוט ניט דאָסזעלבע. וואָס איך?... — האָט זי לאַנגזאַם און שטעכעדיג געזאָגט.

לוגאַנאָוויטש האָט געמאַכט אַ האַסטיגע בעוועגונג, ער האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט פאַר איהר אויפמערקזאַמען בליק.

— און איך בין זיכער, אז זי איז אויך אזא ארומטרייבערקע, ווי אַלע!... און, ס'קאָן זיין, גראד איצט, בעת איהר... בעת איהר ווייסט ניט, וואָס איהר וואָלט געקענט אוועקגעבען, נור אייך זאָל געהערען אָט דיעזע ערשטע, וואָס איהר האָט בעגעגענט, איז זי אויך....

— ווי וואַגט איהר!... האָט לוגאַנאָוויטש אויסגעשריען און מיט קראַפט זי אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן נאַקעטען עלענבויגען.

לויט דעם לייכטען ציטער איז געווען קענטיג, אז איהר האָט וועה געטהאָן, אָבער נינאַ סערגעיעוונאַ האָט זיך ניט געריהרט, זי האָט זאָגאַר די האַנד ניט ארויסגענומען פון אונטער'ן קאָפּ און גע־קוקט אויף איהם, שמייכלענדיג פערעכטליך און מוטיג. קענטיג, אז דער אויסדרוק פון זיין פּנים, וועלכער איז איצט געווען צוקרימט און בלאַס, האָט איהר פערשאַפט גענוס.

— אהא, אייך אָנגעטראָטען, פערטשעפּעט אייך!.. ניט אַנ־גענעהם?... און איך בין אין דעם זיכער!... און וואָס האָט אייך אזוי אויפגעריהרט?... איהר אַליין מיינט דאָך, אז יעדע פרוי איז אַן ארומטרייבערקע!.. פאַר וואָס זשע וועט אייער פרוי זיין אַן אויסנאַהם? מאָדנע!... איך האָב אייך געהאַלטען פאַר קלי־גער!.. אייער פרוי מוז זיין אַ נאַר, אויב זי פערבייט אייך ניט אויפ'ן ערשטען, וואָס זי בעגעגענט!.. כאַפּט זי זיך דען ניט ווע־גען אייערע אויפיהרונגען?.. איהר ווילט, וועל איך איהר אָנ־שרייבען וועגען אונזער בעגעגעניש..

לוגאַנאָוויטש'ן איז קאַלט געוואָרען. אין נינאַ'ס שטימע איז געווען אַ קלאָהרע און פּרעכע דראָהונג. ער האָט דערפיהלט, אז זי קען דאָס טהאָן און ער האָט זיך דערשראָקען. גאַנץ קלאָהר און דייטליך האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט דאָס ליעב בלאַס פּנים'ל פון זיין פרוי, בעת זי וועט ערהאַלטען אָט אזאַ בריעף. און פלוצלונג האָט ער דערפיהלט אַ מאָדנע, עקעלדיגע שוואַכקייט. אין זיין קאָפּ איז דורכגעלאָפען אן אויגענבליקליכער געדאַנק וועגען דעם, אז אויב דאָס געשפּרעך וועט אָנהאַלטען אין אזאַ טאָן, דאַן

וועט נינא אויספיהרען איהר נידערטרעכטיגען סטראשוניק. לונאַ־נאַוויטש האָט באַלד געזאָגט מיט אַ שמייכעלדיגער מינע:

— נאָך אַלעמען, וואס איז דאָס פאַר אַן ארט ריידען!... מיר דאכט זיך, אז ביידע זיינען מיר פון זינען אראָב!...

זיך אָנשטריינגענדיג ארויסצורופען אַ צאַרטען שמייכעל, האָט ער פּרובירט אָננעהמען זי ביים האנד, אָבער נינא האָט די האנד גראָב ארויסגעריסען.

— אָ, איהר האָט זיך דערשראָקען?... — האָט זי מיט־ליידסלאָז געזאָגט און איהם אריינגעלאַכט גראד אין פּנים אריין. — איהר ווילט דערוועקען ביי מיר רחמנות צו אייך, אום איך זאָל ניט שרייבען אייער פרוי?... טפו, ווי עקעלהאפט, ווי אָב־שייליך!...

— נו, פאַר וואס רעדט איהר אזוי... — האָט לונאַנאָוויטש ארויסגעברומט. — גענוג!... הערט אויף!...

ניט קוקענדיג אויף נינא'ס דייטליכען ווידערשטאַנד און גע־פיהל פון עקעל, האָט ער דאָך בעהערשט איהרע הענד. זי איז שטיל געווארען, זי האָט נאָך אָבער אַלץ געקוקט מיט פיינדשאפט און פעראַכטונג.

— נו, נינא!... — האָט לונאַנאָוויטש זיס ארויסגעפּלים־טערט, קוסענדיג איהר קאַלטען, האַרטען שולטער.

— וואָס פאַר אַן עלענדער, מיאוס'ער פּייגלינג איהר זייט!...

— האָט זי ארויסגערעדט מיט עקעל און אפילו זיך ניט אָבגע־ווענדט פון זיינע קוסען, פונקט אזוי ווי ער וואָלט פאַר איהר געווארען אזא גאָרנישט, וואס קען שוין ניט ריהרען, ניט בעליי־דיגען זי.

לונאַנאָוויטש האָט ניט ווילענדיג זיך אָבגערוקט. דאָס איז שוין געווען צו פיעל.

— נו, נו... בערוהיגט אייך, עלענדער פייגלינג! איך האָב געשפּאסט!... — האָט נינא פערעכטליך געזאָגט.

אָבער לונאַנאָוויטש האָט נאָך ניט געגלויבט, און, אָבוואָהל דאָס איז געווען אַ נייע בעליידיגונג און גאָר דאָס בלוט איז איהם אָנגעלאָפען צום קאָפּ, האָט ער פונדעסטוועגען זיך צוגערוקט צו איהר.

— איך בין רוהיג!... איך בין צו־זיכער, אז איהר וואלט קיין מאל ניט געטהאן אזא ניט־שעהנע...

זי האט איהם איבערגעשלאגען, ווייזענדיג, אז זי פערשטעהט זעהר גוט זיינע געהיימע געדאנקען.

— אזא ניט־שעהנע זאך פאר א פרוי, וועלכע שלעפט זיך ארום איבער רעסטאראנען און האטעלען מיט איטליכען, וואס זי בעגעגענט?...

— רעדט ניט אזוי!... — האט לוגאנאוויטש זי געצערטעלט און זיך בעמיהט זי צו בערוהיגען. — איך וויים אליין ניט, ווי אזוי דאס האט זיך פון מיין מויל ארויסגעריסען. איהר אליין זייט שולדיג... מיר זיינען ביידע פון זינען אראב...

ער האט ניט געוואוסט, וואס צו ריידען, און נינא, ניט הערענדיג און ניט בעמערקענדיג זיינע פאלשע לאסקעס, האט געקוקט גראד פאר זיך און וועגען עפעס־וואס געטראכט מיט אנשטריינגונג. א שארפער קנייטש האט זיך געלייגט צווישען איהרע ברעמען. לוגאנאוויטשי נאך אלץ מיט דעם זעלבען פארשעמדען שמייכעלע, האט איהר פורכטזאם נאכגעשפירט.

— מיט'ן ערשטען, וואס קומט אנטקעגען!... — האט נינא פלוצלינג שטיל ארויסגערעדט.

— נו, גענוג... גענוג... נינאטשקא!... — האט ער זי געבעטען כמעט מיט פערצווייפלונג.

אבער נינא האט ניט געהערט. קענטיג, אז זי איז איינגאנצען געווען ארומגעכאפט מיט א נייעם אונערווארטען געדאנק.

— דער ערשטער, וואס קומט אנטקעגען!... — האט זי ווידערהאלט און ביטער זיך צולאכט.

— נינאטשקא!...

פלוצלונג האט זי איהם אבגעשטויסען.

— ווי אזוי האט איהר געוואגט מיר דאס צו זאגען?... איהר!... נו, יא... איך בין א פאסקודנע, אויסגעלאסענע, נידערטרעכטיגע פרוי... נאר ווער האט מיר געמאכט פאר אזעלכע?...

— נינא!... — האט לוגאנאוויטש ווידעראמאל ווידערהאלט, ניט וויסענדיג, וואס צו טהאן.

— צי ווייסט איהר דען, וואס איהר האט בעדייט אין מיין לעבען?... — האט נינא פארטגעזעצט, ניט אכטענדיג, וואס ער

האָט ווידער זיך בעמיהט צו בעהערשען איהרע הענד און צו פער־מאכען איהר דאָס מויל מיט קוסען, נאָכאַנאַנד איהם אָבשטויסענ־דיג. — איהר זייט דאָך געווען דער ערשטער, וועמען איך האָב גע־ליעבט!... ווייסט איהר, אז איך בין געווען גרייט צו געהן מיט אייך, וואוהין איהר וואָלט געוועלט.... אז, ווען איהר וואָלט געוועלט, וואָלט איך אויפ׳ן גאנצען לעבען געווען פאר אייך א איבערגעגע־בענע און צארטע פרוי!... און איהר!....

נינא׳ס שטימע האָט זיך איבערגעריסען.

— נינא... דעמאָלט בין איך געווען יונג!... איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן... — האָט לוגאנאָוויטש ארויסגעברומט און מעהר ניט פּרובירט זי בערוהיגען.

— איהר?... יונג?... זייט איהר דען ווען עס איז יונג גע־ווען?... נאָך איינגעלוויוז האָט איהר שוין געוואוסט דעם טעם פון אויסגעלאַסענהייט, האָט איהר זיך שוין ארומגעפיהרט מיט א וועל־כער ניט איז דינסט־מיידעל אָדער מיט אן אַלטער אויסגעלאַסענער פרוי און נאָך דעם האָט איהר געוואגט מיר צווינגען אייך ליעב צו האָבען!... אָבער, זייט איהר דען דער איינציגער?... — האָט נינא מיט קימער איהם אין פּנים ארייגעקוקט און א מאָך געטהאָן מיט דער נאקעטער האנד. — נור איהר זייט געווען דער ערשטער, וואס האט געשפּייט אין מיין נשמה, — האָט זי פאָרטגעזעצט, — דער ערשטער, וואס האָט מיר בעקאנט געמאכט מיט שמוץ און צי־ניזם.... מיט אייער נידערטרעכטיגער און שמוציגער מאנסבילשער נשמה!... וואס בין איך פאר אייך געווען?... איך האָב געליעבט און בין גרייט געווען צו ליעבען מעהר, ווי דאָס לעבען, און פאר אייך בין איך געווען נור א שעהן שטיק פרויען־פלייש!... דערנאָך זיינען אנדערע געקומען... פונקט אזעלכע, ווי איהר!... און ווייסט איהר, וויפיעל מאָל איך האָב זיך אויפגעהויבען נאָך מיין פאַלען, בעמיהענדיג זיך צו פערגעסען דאָס פערגאנגענע, צו פערגעסען אלע ערנידערונגען און ליידען, ווערען די פריהערדיגע נינא, ליעבען אי־מעצען אויפ׳ן גאנצען לעבען, מיט דער גאנצער נשמה... וויפיעל מאָל בין איך פון דעם זומפּ ארויסגעקראָכען און וויפיעל מאָל האָ־בען ווידער מיר אהין ארייגעשלעפּט אָט יענע, אָן וועלכע איך האָב זיך אָנגעהאלטען, וועלכע איך האָב געוועלט גלויבען, ווי גאָט אליין!... כ׳האָב נאָך גאָרנישט פערשטאַנען, וואס דאָס איז אזוינס,

און מ'האָט שוין גענומען שפייען און שפייען אין מיין נשמה. ביז זיי האָבען איינגאַנצען זי פערשפייט!... און בעת איך בין געוואָרען אַזאַ, ווי אַלע האָבען פון מיר פערלאַנגט, און ווי איהר האָט דער ערשטער פון מיר פערלאַנגט, בעת איהר האָט פאַר מיר ענטדעקט, אַז ליידענשאַפט איז פריי, אַז מען דאַרף בענוצען זיך מיט'ן לעבען, ס'הייסט, אַיך געהערען, אייערע זיין, בעת איהר האָט מיר אינ־גאַנצען פערשוועכט, צוטראָטען און פערקריפּעלט, קומט איהר אַליין און וואַרפט מיר אין פנים דעם נאָמען — אַרומטרייבערקע, וועל־כע איז ניט ווערטה צו דערמאָנען דעם נאָמען פון אייער פרוי!...

— נינאַ, איך האָב ניט געמיינט!... — האָט לוגאַנאָוויטש פורכטזאַם אַרויסגעברומט, ניט האָבענדיג קיין קרעפטען גראַד אויף איהר אַ קוק צו טהאָן.

— ניט געמיינט!... — האָט נינאַ פיינדליך ווידערהאָלט און זיך צולאַכט.

לוגאַנאָוויטש האָט ווידער זי אָנגענומען פאַר די הענד.

— נינאַ, גאָט איז אַן עדות, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויפריכטיגען וועהטאָג, פּיהלענדיג, אַז זיין האַרץ דריקט זיך צו־נויף, און מיטליידס טרעהרען לויפען איהם אָן אין די אויגען, — איך האָב ניט געוועלט בעליידיגען אייך!... מיר האָט זיך אָבגע־דאַכט, אַז איהר טרייבט שפּאַס איבער מיר מיט אַבזיכט...

— יאָ, און איך האָב דאָס טאַקי געטהאָן!... — האָט נינאַ אָהן רחמנות געענטפערט.

— נו, יאָ... — האָט לוגאַנאָוויטש איינגעשטימט שטאַמלענ־דיג. — איהר האָט דערויף רעכט געהאַט!... מיר אַלע זיינען טוי־געניכטסען און פערברעכער!... מיר אַלע בעציהען זיך צו אַ פרוי שרעקליך... דער עהרליכסטער פון אונז מיינט, אַז ער האָט רעכט צו זיין נידערטרעכטיג אין בעצוג צו אַ פרוי, אַלס פרוי... אָבער, איך שווער אייך ביין מיין עהרע, אַז ווען איך וואָלט געקענט אויסקויפען מיין שולד געגען אייך, וואָלט איך אַלע געטהאָן....

— איך האָב שוין דאָס היינט געהערט!... — האָט נינאַ שפּאָטלוסטיג געזאָגט.

— נינאַ, איהר פערשטעהט מיר ניט.... איך שווער אייך!... דאָס איז געוועזען אַ משוגעת און כ'האָב אַ צט חרטה.... כ'האָב זיך איינפאַך דערפרעהט מיט אייך....

נינא האָט זיך גאַנץ לוסטיג צולאַכט.

— דאָס איז רייצענד!... איהר האָט זיך דערפרעהט און מיט וועקגעשלעפט אין בעט?.. וואָס פאר א ריהרענדע בענעגעניש! דאָס איז פון אַלטע פריינד, וועלכע דערפרעהען זיך איינער מיט'ן צווייטען!...

לונאַנאָוויטש האָט מאַכטלאָז צופיהרט מיט די הענד.

— איך ווייס, נינא, אז מיינע רעכטפערטיגונגען, קען זיין, זיינען לעבערליך, נור אויב איהר וואָלט געקענט פערגעסען דאָס געוועזענע און א קוק טהאָן ביי מיר אין דער נשמה, וואָלט איהר פערשטאַנען, וואָס איך לעב איצט איבער!... אז איך בעדויער אויפריכטיג דאָס פערגאַנגענע, מיר טהוט באַנג, און ווען עס וואָלט מעגליך געוועזן נעהמען דאָס צוריק, וואָלט איך קיין מאָל ניט...

זיין שטימע האָט א ציטער געטהאָן מיט א טיעפען, אויפריכטיגען וועהטאָג.

נינא האָט אויפמערקזאם אויף איהם א קוק געטהאָן, און לונאַנאָוויטש'ן האָט זיך געדאַכט, אז איהם איז געלונגען געבען איהר צו פערשטעהן, ווי גרויס עס איז זיין חרטה און זיין רחמנות צו איהר. אָבער איהר געזיכט האָט זיך באַלד חיטרע און מאָדנע געענדערט.

— איך פערשטעה, — האָט זי געזאָגט, מאַכענדיג דעם אָנשטעל, אז זי פיהלט איהם מיט, זי איז אָבער באַלד אראָב פון טאָן און אָנגעהויבען גראָב און הארט:

— און ווען איך זאָל אייך באַלד אויסשטרעקען מיינע הענד און זאָגען: „נעהם מיר!“... וועט איהר זיך ענטזאָגען? יאָ?

לונאַנאָוויטש האָט כמעט מיט שרעק א קוק געטהאָן אויף איהר.

— נינא! צו וואָס! — האָט ער געזאָגט. — דערמיט דאַרף מען ניט שפּאַסען!

— איך שפּאַס ניט... איך וויל דאָס... נעהם מיר!... — האָט זי ווידערהאָלט.

לונאַנאָוויטש האָט א ציטער געטהאָן. איהר שטימע איז געווען אזאַ מאָדנע, אז ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס זי מיינט...

— נו, וואָס?... — האָט זי ליידענשאַפטליך און אומגעדולדיג ווידערהאָלט.

א קאַלטער שוויס האָט אַרויסגעשלאָגען ביי לונאַנאָוויטש'ן אויפ'ן שטערן. ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט: יאָ, זי האָט איהם ווירקליך גערופען, זיך געצויגען צו איהם, אינגאַנצען געציטערט און געברענט, איהרע באַקען זיינען געווען אָנגעצונדען, די ליפּען האָבען זיך צועפּענט אין דורשט נאָך אַ קוש. דאָס איז געווען שוין ניט נינאַ און ניט נינאַ סערגעיעוונאַ, נור עפּעס אַ נייע, מאָדנע, ווילדע פרוי, עפּעס אַ שרעקליכע, אונערטרעגליכע שעהנקייט!...

— פריהער האָב איך געשפּאַסט... אָבער איצט ניט... נעהם מיר!...

איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום האָט זיך גענומען דרעהען און ערגיץ־וואו פערשוואונדען, געבליבען איז נור אָט דיעזעם געזיכט, וואָס האָט געפאָדערט, גערופען, אַ פורכטבאַר־שטרענגע פון ליידענשאַפט, מיט ברענענדע באַקען און מיט אָנגעצונדענע אונערזאַטליכע ליפּען. זיך אַליין ניט געדענקענדיג, האָט ער, ווי אַ חיה, זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר.

אַ שניידענדער געלעכטער און אַ גראָבער שטויס אין ברוסט האָבען איהם אָבגעשליידערט. ווי אַ שיכור'ער, האָט ער זיך געוואַקעלט און אומבעוואוסטזיניג זיך נאָך אַלץ געצויגען צו איהר. זי איז געלעגען אויף דער קיסען, און איהרע אויגען האָבען געברענט מיט אַ שווארצער, פּייערליכער גבורה.

— שעהן!... — האָט זי שאַרף אַרויסגערעדט. — גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ שמוציגע און נידערטרעכטיגע חיה איהר זייט!...

— דו ביסט אַ משוגע'נע!... — האָט ער געשריען, ווי אַ צודולטער.

— ס'קאָן זיין!... און איהר זייט אַ נידערטרעכטיגער, אַ שמוציגע, נידערטרעכטיגע חיה!... אָט דאָס זייט איהר!... — האָט זי ווידערהאָלט זיך פערכלינענדיג פון נקמה, גראָב און וואולגאַר, ווי די ערגסטע גאַסען־פרוי. — ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי מיר ווילט זיך אַ שפּיי טהאָן אייך אין פנים אריין!... אָט, אַזוי, נעהמען און אַ שפּיי טהאָן!...

פאַר לונאַנאָוויטש'עס אויגען איז אַלץ אַרום געוואָרען טריב, ווי איינאייגעם צוזאַמענגעמישט. אַ ווילדע האָבען זיי ווילד און

שרעקליך געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען, ווי צוויי צוריינצטע חיות.

— פרובירט נור!... — האט ער הייזעריג געזאגט.

— און איך וועל !... — האט נינא פייערליך ווידערהאלט.

לוגאנאוויטש'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס אלץ איז עפעס א שרעקליכע, וואהנזיניגע פאנטאזיע, ניט קיין ווירקליכקייט. איז דאס זי, נינא?... ער האט געוועלט פון זיך אבטרייסלען דיעזען שרעקליכען קאשמאר, אבער נינא'ס געזיכט איז פלוצלונג פער־קרימט געווארען פון א טהירישער בייזקייט, איהרע ליפען האבען זיך אויסגעצויגען און ס'איז קענטיג געווען, אז זי וויל אויף איהם א שפיי טהאן. לוגאנאוויטש האט געשווינד די פרוי א כאפ גע־טהאן פאר'ן האלז.

זי האט געכריפעט און זיך געווארפען, געוועלט אברייסען זיי־נע הענד פון איהר האלז, שרייען, ער האט אבער אלץ שטארקער און שטארקער איינגעדריקט איהר פולע, ווייכע האלז.

איהרע האר האבען זיך צונויפגעפלאנטערט אין א משונה'־דיגען קנויל, דאס געזיכט איז בלוי געווארען, צווישען די בלויע ליפען האבען זיך געזעהן איהרע בלוליך־ווייסע צייהן, די שפיי־עכץ, וואס זי האט פונדעסטוועגען געוועלט אויסשפייען, איז גערונען איבער'ן קינבאק, אויף דער נאקעטער ברוסט.

— לא־אזט אב!... — איז ענדליך איהר געלונגען ארויסצור־ריידען, בעת איהרע קאנוואולסיוו־צודרעהטע פינגער זיינען שוין געווען אבגעשוואכט און האבען זיך מאכטלאז אראבגעגליטשט פון זיינע הענד.

דער לעצטער גלאנץ פון בעוואוסטזיין האט ווי א בליץ פאר לוגאנאוויטש'ן בעלייכט דעם שרעקליכען זין פון דאס, וואס ס'איז פארגעקומען. מיט א פלוצלונגען וואהנזיניגען עקעל האט ער אב־געלאזט איהר האלז, אינגאנצען בעדעקט מיט דונקעל־רויטע פלע־קען, און ער איז געזעסען, די אויגען שפיציג, אנגעגלאצט, נישט פערשטעהענדיג קיין זאך און קיין זאך ניט זעהענדיג פאר זיך.

זי האט קאנוואולסיוו בעוועגט דעם קאפ און געקוקט אויף איהם מיט ווילדע, אונפערשטענדליכע אויגען.

— עס טהוט מיר וועה!.. — האט זי ענדליך ארויסגערערט הייזעריג און שוואך.

א שרעקליכע מיטלייד, אן עקעל צו זיך אליין און א פיינליכע צערטליכקייט האבען לונאנאוויטש'ן אויפגעטרייסעלט. ער האט געזיפצט, זיך געוואָרפען פאר דער בעט אויף די קני און גענומען קוסען ביי איהר די הענד, שולטערן און איהר פערקריפעלטע האלז.

— נינא, נינא!... — האט ער געברומט, דורך טרעהרען, פיהלענדיג, אז דאס איז זי — די פריהערדיגע נינא, אן ארימע, א געשענדעטע, אן אומגליקליכע.

אט אין דער מינוט האט זיך איהם גערואכט, אז מיט דעם גאנצען לעבען זיינעם וועט ער אויסקויפען זיין שולד קעגען איהר. זיין פרוי און קינדער, — אלץ איז ערגיץ־וואו אוועקגעפלויגען, פערשוואונדען, ווי גארנישט געווען. ער האט געליעבט נור זי, דיעזע אומגליקליכע, אויסגעמאטערטע, ערבארמליכע פרוי.

— נינא! נינאטשקע!... זיי מיר מוחל!...

— געה אוועק!... — האט ער איבער זיך דערהערט א שוואַכע, פיינפולע שטימע.

ער האט א קוק געטהאן און דערזעהן, אז זי וויינט. וויינט, מיט ברייט צועפענטע אויגען, קוקענדיג גראד אין דער הויך פאר זיך. איהר גאנצער קערפער האט אויפגעציטערט, און איהרע קאנוואולסיוו־איינגעקארטשעטע פינגער האבען געקנעטען און געצופט דעם ליילעך און די צוקנילטע דעקע. און דיעזע וויינענדיגע אפענע אויגען זיינען געווען אזוי שרעקליך, אז זיין גאנצע נשמה איז אויפגעציטערט געווארען.

ער האט עפעס־וואס געוועלט זאגען, א כאפ טהאן זי אין זיינע אומארמונגען, בעהאלטען אין הארצען ביי זיך, צווינגען זי אלץ צו פערגעסען, אוועקגעבען איהר זיין גאנצען לעבען.

— געה אוועק!... האט נינא ווידערהאלט.

ער האט אויף איהר געקוקט, ווי א וואהנזיניגער.

— געה אוועק... געה דאך אוועק!... — האט זי א געשריי געטהאן מיט אזא וועהטאג, מיט אזא פערצווייפלונג, אז די האר אויף זיין קאפ האבען זיך גענומען ריהרען.

ענדע.